STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03617

GEZAMLTE VERK

Hersh David Nomberg

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]

צו די פריינט און די
ליבהאבער פון קינסטלער
חבר גאלד

פון די פריינט און
חבר משה אויל פעפער

ה. ד. נאָמבערג

געזאַמלטע ווערק

זיבעטער באַנד

פאַרלאַג „קולטור־ליגע", ווארשע

ה. ד. נאָמבערג

דערציילונגען

זיבעטער באַנד

פאַרלאַג „קולטור-ליגע“, וואַרשע

Printed in Poland

H. D. Nomberg—Dercejlungen

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלאַרן

Sp. Wyd. „Kultur-Liga" Warszawa 1930

Druk „Di Welt" Warszawa, Nowolipie 7



א י נ ה אַ ל ט

		זייט:
דאָס רבּישע אייניקל	(„ווארשעווער שריפטן“, 1926/7)	7
פריינט	(„דאָס יידישע פאָלק“, 1914)	17
די שטראָף	(„דער מאָמענט“, 1919)	37
מאָטיוון	(〃 〃 , 1920)	43
דער שניי־מענטש	(יאָהר־בוך „דאָס נייע לאַנד“, 1912)	49
דער פילאָזאָף	(„היינט“, 1911)	59
ביי אַן איינזאַמער מצבה	(〃 , 〃)	67
אַ קרבן פון אומדאַנקבאַרקייט	(„פאָרווערטס“, 1928)	75
„איך בין אַ ייד צי אַ פּאָלאַק?“	(„היינט“, 1911)	87
אין אַ יידיש געוועלב	(„די צוקונפט“, 1912)	93
דערנאָך...	(„דער וועג“, 1906)	101
„ישמעאל איז אונזער פעטער“	(„היינט“, 1911)	107
אַ פריילעכע נשמה	(„דער פריינד“, 1910)	113
אויף זומער־וואוינונג	(„דער מאָרגנשטערן“, 1907)	133
חוה די שיינע	(פון דער העברעישער אויסגאַבע, 1911)	139
ביינאַכט	(〃 〃 〃 〃 〃)	157
אין וועלדל	(〃 〃 〃 〃 〃)	163
אויפן דאַך	(〃 〃 〃 〃 〃)	169
דער טערפּענטינבּוים	(〃 〃 〃 〃 〃)	177
אַ טריבּער טאָג	(〃 〃 〃 〃 〃)	183
דעם העלדס ויפצן	(〃 〃 〃 〃 〃)	187
ר׳ איטשע ברוך	(〃 〃 〃 „הצופה“ 1904)	201
ווי אַזוי אַ קליינער איז געוואָרן אַ גרויסער	〃 1905)	209
לידער:		
שיינע יוגנט	(„אין שטורם“, 1917)	219
אלול־מאָטיוו	(„אייראָפּעישע ליטעראַטור“, 1911)	220
עס בלייכט אויפן הימל		
מיין שטערן	(„דאָס צוואָנציקסטע יאָרהונדערט“, 1900)	221

דאָס רביישע איינִיקל

(דערציילונג)

ערשט קאַפּיטל.

די טעראַסע פון גרויסן קאַפע־הויז אין בערלין איז געווען כּמעט ליידיק, נאָר דאָ און דאָרט איז אַ טישל געווען באַזעצט, ווייל די צייט איז שוין געווען קעגן האַרבסט, דאָס וועטער איז געווען אומבאַשטימט, און אין דער לופט האָט זיך שוין געטראָגן אַ קילקייט, אַ פרעמדע, ערשט אָנגעקומענע. ביי איינעם אַזאַ טישל, אינמיטן פון פיל ליידיקע בענקלעך און טישלעך, וואָס אַ פאַרלאָזנקייט האָט געשוועבט איבער זיי, איז געזעסן אַ מענטש, וואָס מען האָט געקאָנט שאַצן אויף אַ יאָר 40, ד״ר פילאָזאָפיע בערעלזאָן איז געווען זיין נאָמען. ער האָט נישט ליב געהאַט צו זיצן צווישן אַן אומבאַקאַנטן המון, ער האָט זיך שטענדיק געפילט ווי פאַרלוירן אין אַ פול־געפּאַקטן קאַפע־הויז. אַ חוץ דעם האָט אים גראָד דאָס היינטיקע וועטער גערייצט, און זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט און האָט אים אַרויסגעריסן פון דער גלייכ־גילטיקייט און שווערקייט, וואָס האָבן אים די לעצטע צייט געדריקט. אָט ווען ער האָט אַזוי מיט זיין האַנט איבערגעווישט דעם סאָלידן שטערן און פאַמעלעכדיק אויסגעריבן די אויגן, האָבן זיך אין זיין מוח געטראָגן שטיקלעך און ברעקלעך פון זכרונות, אָפּגעריסענע און צעפלאָסענע, אַזוי ווי די דינע וואָלקנס אויבן, וואָס האָבן זיך גיך־גיך געיאָגט איבערן אומעטיקן הימל: זכרונות פון אַ שברים־תרועה, פון אַ יעלה תחנונינו, פון ווייסן רבישן אַטלאַס און פון געדריקטע הערצער, וואָס שרייען צום הימל פון זייער קלעם.

ער איז געזעסן מיט זיין ווייבל, וואָס האָט זיך אָבער קוים אַרויסגעזען נעבן אים. ער איז געווען פון די מענטשן, וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן: אַ פול־בלוטיקער יידישער ברונעטער

טיף מיט אַ שוואַרצער, זייער בכּבודיקער באָרד אין אַ לאַנגער גוט־אויסגעשניצטער נאָז. ער האָט פון זיין זיידן און עלטער־זיידעס געירשנט דאָס רבּישע הדרת־פּנים, און אין זיינע שוואַרצע אויגן האָט מאָדנע געפינקלט אַ טרויעריקייט, אַ פאַרוואונדעטקייט פון אַ בן־יחיד. זי אָבער איז געווען אַ קליינע, אַביסל קרענקלעכע אויפן פּנים. דאָס איינציקע, וואָס מען האָט געקאָנט — נאָך אַ לאַנגער באַטראַכטונג — אַראָפּלייענען פון איר פּנים, איז געווען אַ שטאַרקע טיפיש־ווייבערישע עקשנות, וואָס איז געלעגן טיף אויסגעקריצט אַרום דעם קליינעם מויל מיט די דינע אָפּגעבלאַקירטע ליפּן.

עפּעס אַזוי ווי אין אַ פיבער האָבן די געדאַנקען פּולסירט אין דעם קאָפּ פון דעם באַבאָרדיקטן מענטש. אין אַזוינע מינוטן האָט אַלץ אַרום באַקומען פאַר אים אַ וואָג און אַ מיין: די פּנימער פון די מענטשן האָבן אַזוי פיל אויסגעדריקט, אַפילו זייער אָנטועכץ און זייערע באַוועגונגען האָבן געהאַט וואָס צו זאָגן, און פול באַדייטונג איז געווען דאָס היפּנדיקע פייגעלע אויף דער גאַס, וואָס האָט עפּעס אויסגעפּיקט פון ברוק, און דער גאָלדענער צלם אויף דער גרויסער קירכע אַנטקעגנאיבער האָט זיך געדאַכט צו שאָקלען, גליין ווי ער וואָלט געווען אַ לעבעדיק גליד אין אַ לעבעדיקער וועלט, און אַן אומרואיקייט האָט געווייעט פון די שאָטנס פון די הייזער, וואָס זענען געלאָפן איבער דער גאַס און זענען פאַרשוואונדן צוגלייך מיט די לויפנדיקע וואָלקנס אויבן. אַלץ איז געוואָרן לעבעדיקער, האָט געאָטעמט די לופט פון דער אייביקייט, און ער, דער לעבעדיקער מענטש מיט זיין וואַכנדיק אויג און געהירן, האָט זיך געפילט נענטער, איינגעבאַקענער אין דער וועלט — קוים־קוים אַ שפּאַן וייט פון צו דערגרייכן איר לעצטן סוד, איר פאַרהוילענעם גאַנג.

— פאַרוואָס איז אונז נישט באַשערט צו זיין אַזוי ווי די וואָלקנס, וואָס קומען און גייען, וואָס נעמען זיך צוזאַמען פון שטויב פון דער ערד און צעשפּילן זיך אין אַלערליי געשטאַלטן, און פאַרשווינדן ווידער און ווערן ווידער צו גאָרנישט, כּדי אויף דאָס ניי געבוירן צו ווערן? —

דאָס האָט ער שטיל גערעדט ווי פאַר זיך, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז דאָס קליינע ווייבערישע באַשעפעניש, וואָס געבן אים, לוישט אויף זיינע ווערטער, ער האָט געפילט איר אָנגעשטרענגטן בליק אויף זיך, כאָטש ער האָט אויף איר נישט געקוקט; די ווערטער זיינע — האָט ער געוואוסט — פאַרקלינגען נישט אין דער ליידיקייט, זיי ווערן אויפגעכאַפּט, איינגעפּרעסט, פון אַ ווילן אַן אויסגעהאַלטענעם, וואָס אים האָט געפעלט.

ווייל דאָס קליינע ווייבל איז — אין זיין פאַראייבזאַמטקייט — געוועזן זיין איינציקער פאַרגעטערער. איר האָט ער דאָס צו פאַרדאַנקען, וואָס ער קאָן זיך אַמאָל דערהויבן איבער דער נישטיקייט. ווייל וואָס איז ער דען פאַר די אַלע מענטשן, ער, ד"ר בערעלזאָן, מער ווי די באָרד זיינע, ווי דאָס אָנטועכץ, וואָס באַדעקט זיין גוף? — —

און בשעת ער האָט אַזוי גערעדט און געטראַכט, האָט ער געהאַלטן איין האַנט זיינע, גראָד די מיטן קידושין-רינגל, אויפן טיש, אַ בכבודיקע און סאָלידע האַנט, אַ קליין ביסל האָריק, און די גלאַנציק-געשליפענע אויגן פון דעם קליינעם ווייבעלע האָבן געהאָפּטן אָן דער האַנט, זי האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן איר בליק: שטאַרקער פון דער איבערלייגונג איז געווען איר חשק אָנצורירן די האַנט, ווייל זי איז אין איר מאַן געווען פאַרליבט, ווי אַ יונג מיידל. און מיט יעדן טאָג איז די פאַרליבטקייט, צוזאַמען מיט איר ראַשן אָפּוועלקן, נאָך געוואַקסן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי שעמט זיך, אַז זי רויטלט זיך, ווען זי האָט מיט איר וויכער האַנט געגלעט זיינע און געפילט די האָריקע באַרירונג.

זיין האַנט האָט אַ צוק געגעבן אונטער אירער, זיין אין דער אומבאַשטימטקייט בלאָנדזשענדיקער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איר מיט אַ פאַרפרעמדקייט. אַ קליינע סעקונדע האָט דאָס געדויערט, זי האָט אָפּגעזיפצט און פאַרשעמט צוריקגעצויגן די האַנט. זי האָט פאַר זיך קיין שפּיגל נישט געהאַט, און זי האָט געקאָנט באַטראַכטן נאָר אַ טייל פון איר אויסערלעכקייט, די ליניע פון אירע פאַרוועלקטע ברוסטן, אָבער דאָס איז גענוג

געוועזן פאַר איר. מיט אַ קאַלטער אויסגערעכנטקייט האָט זיך פלוצלינג אויסגעמאָלט דאָס צעשטערטע עראָטישע גלייכגעוויכט. זי האָט אים נאָכאַמאָל אָנגעקוקט מיט אַנטציקונג און באַדויערן צוזאַמען: ער איז דאָך אַ בליענדיקער מאַן אין זיינע בעסטע יאָרן! — —

און ווי אויף צו להכעיס האָבן זיך גערוקט און גערוקט פון אַלע זייטן יינגע ווייבערישע געשטאַלטן, שלאַנקע, עלאַסטישע גופים, יעדע איינציקע מיט איר צוזאָג. זיי זענען געקומען צוזאַמען מיט מענער, אָדער זיי האָבן זיך אַליין קאָקעטיש דורכגעטראָגן, און קיין איינע פון זיי האָט נישט פאַרמיטן זאָט און פול אָנצוקוקן דעם באַבאָרדיקטן מענטש. דאָס קליינע ווייבעלע איז געוועזן געפאַלן ביי זיך, און זי האָט פעסטער פאַרצויגן אירע ליפן און מיט נאָך מער עקשנות האָבן אירע אויגן געקוקט, און זיי האָבן געפינקלט, אַזוי ווי גרינער געשליפענער שטאָל.

צווייט קאַפיטל.

ד"ר בערעלזאָנס צוריקגעצויגנקייט אין זיך האָט געהאַט נאָך אַן אַנדערע סיבה. ער האָט גראָד היינט דערהאַלטן אַ בריוו פון ר' ישכר בער, אַ גוט-באַזיצער אין מזרח-גאַליציע, וואָס איז געוועזן זיין באַ-האַלטענער פריינט און אינטערשטיצער, זינט ער האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פון זיין זיידן דעם רבין (ד"ר בערעלזאָנס פאָטער איז געשטאָרבן יונג, און ער איז דערצויגן געוואָרן אין זיין זיידנס הויז). דער בריוו האָט אים דערשיטערט נישט אַזוי ווייט מיט זיין אינהאַלט, ווי מיט די קענטיקע צייכן פון עלטער און פאַר-געלגלעכקייט, וואָס האָבן זיך אַזוי שאַרף געלאָזט מערקן אין דער האַנטשריפט. די אַמאָל-געטאָקטע, שטייפלעכע אותיעלעך, מיט עלעגאַנטע פיינע פאַרציקונגען, זענען איצט געוועזן אָנגעוואָרפן פון אַ ציטערדיקער האַנט, און ערטערווייז האָט אַן אות, אַמאָל אַ וואָרט אַ גאַנץ, געפעלט. יידן אַזוי ווי ר' ישכר בער, תקיפים און זייער שטאַרקע ביי דער דעה, אויב זיי קומען צו אַזאַ מדרגה פון געבראָכנקייט, טרייבן לאַנג נישט אָן, און זייערע טעג זענען

געצײלטע: פון דעם האָט די האַנטשריפט, דערצײלט, און דער טאָן פון בריוו.

ער איז געװען געשריבן אויף אַלט־העברעיש, אָבער מערק־װירדיק איז געװען, װאָס אין אים האָט געפעלט דער טראַדי־ציאָנעלער אויסדרוק „בעזרת השם״ (מיט גאָטס הילף). ער האָט דאָרט דערצײלט פון זײן מצב נאָך די שרעקלעכע איבערלעבענישן פון דער לעצטער צײט, די קינדער זענען אַ טײל אומגעקומען אין דער צײט פון די מהומות, טײל זענען צעשפּרײט אויף דער װעלט, נאָר אײן טאָכטער לעבט מיט אים, אַ האַלב משוגענע, און פון זײן פאַרמעגן איז אויך געװאָרן אַ תּל, קוים װאָס ער האַלט זיך נאָך אין זײן גוט. און איך פיל, אַז עס פאַרלאָזן מיך מײנע כּוחות, און איך װאַרט אויף דיר, די ליכט פון מײנע אויגן, דו זאָלסט קומען צו באַלײכטן די פינסטערניש. „װען װעט דער־שײנען דײן בוך, װאָס מײן נשמה גײט אויס פון צו װאַרטן דערויף?״

ס׳װערט אויסגעלאָשן אַ לעבן און פאַרגײט אין אַ ברעקל טרײסט — האָט ד״ר בערעלזאָן געטראַכט, איבערראַשנדיק אין גע־דאַנק די לעצטע װערטער פון דעם בריוו. עפּעס איז אים געװאָרן אומהײמלעך, און ער האָט זיך געפילט װי שולדיק אין דער גע־בראָכנקײט פון דעם אַלטן פרײנט זײנעם. און פאַרװאָס גראָד אין דעם בריוו, — אפשר דער לעצטער פון דעם מענטש — פעלט, אַזױ װי מיט אַ כּיון, דאָס דערמאָנען פון גאָטס נאָמען?

װײל ר׳ ישכר בער האָט קײנמאָל נישט צוגעלאָזט קײן געדאַנקען, װאָס זאָלן צעשטערן זײן לעבן. ער האָט געגלױבט אין רבין, און האָט אויך געגלױבט אין זײן אײניקל דעם אַפּיקורוס, אַז ער װעט ברענגען אַ גרױס ליכט אויף דער װעלט. נישט בחנם זענען די פּראָפעסאָרן אין בערן אַזױ נתפּעל געװאָרן פון אים, אַז מען האָט אים דאָרטן געטראָגן אויף די הענט. אויף אַלימלכן קאָן מען זיך פאַרלאָזן, האָט ער שטענדיק געטראַכט. ער פלעגט אים די גאַנצע צײט פון זײן שטודיום אויסהאַלטן דאָרט מיט געלט, און ער האָט געװאוסט, אַז ער גרײט דאָרט צו עפּעס אַ װיכטיק בוך, װאָס דאַרף מאַכן אַן איבערקערעניש אין דער

פילאָזאָפיע. עס האָט זיך געפילט אין דעם בריוו די מורא, אַז ער וועט אַוועקגיין פון דער וועלט און נישט דערלעבן דאָס גרויסע געשעעניש, ווען אלימלכס נאָמען וועט ווערן צעטראָגן איבער דער גאַנצער וועלט, און אַלע אומות, יידן און גוים צוזאַמען, וועלן דערזען אַ גרויסע ליכטיקייט.

ד"ר בערעלזאָן האָט די לעצטע יאָרן ווי געוואָרט אויף אַן אַנטפּלעקונג. די מלחמה־צייט, וואָס איז פאַרביי ווי אַ וויסטער חלום און האָט אים צוגענומען זיינע בעסטע יאָרן, איז נישט געווען קיין צייט פון שאַפן און קאָנצענטרירונג. אָבער די מלחמה איז שוין דורך. איצט האָט מען די אַרבעט שוין נישט געטאָרט אָפּלייגן, האָט ער זיך געגרייט און האָט געוואַרט, אַז עס זאָל אים אַ ברי געבן אונטער די פליגל, און ער זאָל נעמען פאַרענדיקן זיין ווערק: „דער מענטש און דער קאָסמאָס", וואָס זאָל זיין דאָס ווערק פון זיין לעבן.

ד"ר בערעלזאָן איז געווען פאַרטיפט אין מחשבות; עס האָט זיך אים דערמאָנט ר' בער, אַ הויכער געזונטער ייד, אַביסל אַ באַבויכטער, אַזוי ווי ער האָט אויסגעזען מיט אַ יאָר 20 צוריק, ווען ער, בערעלזאָן, איז ביי אים געווען צו גאַסט אויף זיין גוט, און זיי האָבן שפּאַצירט באַרג־אַרויף אין דער קאַרפּאַטישער לאַנדשאַפט צום וואַסער־פאַל צו, וואָס האָט זיך שוימיק געריסן אין אָפּגרונט אַראָפּ. אַ פרייד און אַ ליבשאַפט האָט זיך געטראָגן פון דעם ייד, וואָס האָט אים כסדר געטרייסט, און אים מיט די באַוועגונגען פון זיינע ברייטע שטאַרקע הענט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'מאַכט נישט אויס, עס מוז גוט זיין און ס'וועט גוט זיין און גאָט איז אַ פאָטער און לאָזט קיינעם נישט פאַלן.

— אַבי מען מיינט ערנסט — האָט ער דעמאָלט גערעדט הויך, איבערשרייענדיק דאָס גערויש פון פאַלנדיקן וואַסער — אלימלך דאַרף מיר נישט זאָגן, איך ווייס, ווער אלימלך איז, נישטאָ קיין סך אַזוינע, ווי אלימלך, און דער זכות־אבות וואָס איז ווערט !...

ער איז דעמאָלט געשטאַנען שטיל און געקוקט אין אָפּגרונט אַריין, נאָר ווען ער האָט אויפגעהויבן זיין בליק, האָט ער אָנגע-

טראָפּן אויף ר׳ ישכר בערס אויגן וואָס האָבן אים באַטראַכט מיט ליבשאַפט און אַנטציקונג.

— אלימלך וויל טאַקע אָוועקפאָרן? ער זאָל לעבן, וועט האָבן גרויס שברת-הלב...

— דאָס איז נישט אויסצומיידן. עס מוז אַזוי זיין — האָט ער דעמאָלט געענטפערט קורץ.

ר׳ ישכר בער איז אַלץ געשטאַנען איבער אים אין זיינע געלע שטיוול און מיט גרויס הנאה געקוקט אויף דעם אייניקל, און זיינע אויגן האָבן עפּעס געמאָנט:

— מיר זענען טאַקע פּראָסטע מענטשן — האָט ער פאַרשעמט אַרויסגערעדט, און אַ אומבאַהאָלפענער שמייכל האָט געשפּילט אויף זיין פּנים, און ער האָט דערביי גענומען שאָקלען זיין ריזיקע פיגור, ווי ביים לערנען — וואָס קאָנען מיר משיג זיין? כ׳האָב געוואָלט, אלימלך זאָל עפּעס זאָגן...

ר׳ ישכר בערן האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט אַ שטיקל תורה פון יענער זייט. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די טרוקנקייט פון אלימלכס ווערטער „אַזוי מוז עס זיין".

און אין דעם אייניקל האָט זיך דעמאָלט פּלוצלינג דערוועקט דער אינסטינקט פון זיינע זיידעס און עלטער-זיידעס, וואָס האָט זיי געלערנט, ווי אַזוי אומצוגיין זיך מיט דורשטיקע מענשלעכע נשמות. ער האָט געזאָגט מיט דער פייערלעכקייט פון „תורה" ביים טיש.

— דאָס וואַסער שפּרינגט אין תהום אַריין, צי ס׳וויל יאָ, צי ס׳וויל נישט, און פון די וואַסערלעך ווערן טייכן, און די טייכן גיסן זיך אין ים אַריין, און דער ים איז קיינמאָל נישט פול...

— „והים איננו מלא" — האָט ר׳ ישכר בער צוגעברומט און צוגעשאָקלט ערנסט מיטן קאָפּ.

און נאָכדעם האָט אים ר׳ ישכר בער גענומען אַהיים, און מען האָט געטרונקען דעם שטאַרקן טרונק בראָנפן, יידן חסידים זענען געקומען צו גיין, אָבער ער האָט קיינעם נישט צוגעלאָזט צו אלימלכן. ס׳איז שוין געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך, אַ סוד

צווישן זיי ביידע, און די יידן האָבן נישט געהערט אַהער...
ר׳ ישכר בער איז געווען שטאַרק גערירט, וואָס ער איינער אַליין שטייט מיט אלימלכן און קיינער נישט מער...

און אָט דער פריינט האָט זיך איצט גענומען אָפּרוקן צו די שאָטנס. די וועלט הויבט אָן צו ווערן לעכערדיק און ווערמיק, סיידן אַ נייע גרויסע ליכטיקייט זאָל זי אויספילן.

* *

*

צוויי דאַמען זענען אַריינגעקומען אין קאַפע און האָבן גענומען אַ טישל נעבן זיי. ביידע האָבן געקוקט צו זיין זייט, איינע האָט אָן צערעמאָניעס געשמייכלט צו אים. ער האָט ווידער געפילט די צערייצונג פון בלוט, וואָס איז אים לעצטנס אַזוי אָפט באַפאַלן.

און דאָס קליינע ווייבל האָט אַלץ געמאָנט:

— מיר גייען אַהיים... ס׳איז שפּעט.

פריינט

(דערציילונג)

ערשט קאַפּיטל

יאָ, דאָס איז געווען איינגערעדט, און נישט עפּעס אַנדערש. ער האָט זיך אַליין געכאַפּט ביי דעם געפיל, און עס איז פאַר אים קיין סוד נישט געווען.

זיין פריינט, זיין בעסטן פריינט, אפשר זיין איינציקן פריינט, מיט וועלכן ער האָט יאָרנלאַנג געטיילט זיין איינזאַמקייט, האָט ער אָנגעהויבן צו האַסן; ער האָט אים נישט געקאָנט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, נישט געקאָנט אויסרעדן מיט אים צוויי ווערטער גלאַטיק. דאָס פּנים זיינס איז אים ווידעריק געוואָרן; יעדע מינע, יעדע גרימאַסע האָט אים געערגערט און צערייצט; דער מילדער שמייכל אויף זיין חברס ליפּן, דער אייגענער שמייכל, וואָס ער פלעגט אַזוי ליב האָבן, איז אים יעצט פאָרגעקומען פאַלש און צבועדיק, נישט צום פאַרטראָגן; די קלוגע, דורכגעטראַכטע רייד — פלאַך און פּאַפּוגאַיש.

איינגאַנצן איז ער געווען נאָך נישט אַ יאָר נאָך זיין חתונה, און איז מיט יעדן טאָג אַלץ מער פאַרליבט געוואָרן אין זיין פרוי. ער, דער איינזאַמער מענטש, וואָס איז שוין געווען איבער דרייסיק, האָט אַליין נישט געגלויבט, אַז אַ ליבע פון אַן איינ-איינציקער פרוי זאָל קאָנען געבן אַזאַ טיף גליק, זאָל קאָנען פאַרוואַנדלען גראָע טעג אין ליכטיקע, באַרוישנדיקע יום-טובים, זאָל אים אָנטרינקען מיט נחת, יעדן טאָג מיט נייע, נאָך נישט אויסגעפּרוּווטע, אַפילו נישט געאַנטע, זעליקייטן.

דאָס איז געווען אַ גליקלעכע וואַל, און עס האָט באַוויזן,

אַז ער איז אַ מענטש פון גוטן געשמאַק. עטע האָט נישט פאַר־מאָגט קיין גלייענדיקע, אויפבליצנדיקע, שרייענדיקע שיינהייט, דערצו האָט זי זיך געקליידט און געהאַלטן אַזוי באַשיידן, אַזוי צוריקגעהאַלטן, אַז זי האָט אויפן ערשטן אָנבליק כמעט קיין איינדרוק נישט געמאַכט. איצט האָט ער געוואוסט, אַז זי האָט באַהאַלטן איר שיינהייט נאָר פאַר דעם, וואָס זי האָט אויסגעקליבן. די שיינע גראַציעזע ליניעס פון איר קערפּער, דער צאַרטער פיינער האַלז, די רונדע אויסגעטאָקטע הענט, וואָס זענען ווי באַשאַפן געוואָרן אומצואַרמען — אַפילו דאָס איז פאַר אים אַליין געווען אַ סוד, וואָס איז ביסלעכווייז־ביסלעכווייז אַנטפּלעקט געוואָרן: אַ בוך פול מיט פּאָעזיע און הערלעכקייט, וואו ער האָט געבלעטערט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט און געשעפּט נייע אַנטציקונגען.

ער איז געווען גליקלעך. די געשעפטן, וואָס ער האָט געפירט אויף אייגענער האַנט זינט דריי יאָר, זענען נישט שלעכט געגאַנגען; זיינע פּאַרוואָלקנטע אויגן זענען אויסגעלייטערט געוואָרן, דאָס געמיט איז געוואָרן הייטערער און פרישער. ער האָט איבערגעלעבט אַ צווייטע יוגנט.

ביי גליקלעכע מענטשן דערוועקט זיך אַ נאַטירלעך באַגער צו זען גליקלעך זייערע פריינט; מענטשן, וואָס האָבן גליקלעך חתונה געהאַט, באַקומען דעריבער אַ נייגונג צו פּאַרקנסנען זייערע נאָענטע. אָט דאָס געפיל איז עס געווען, וואָס האָט אים באַוועגט אויפצוזוכן זיין אַלטן חבר, אַ יידישן דיכטער, און אַרויפנעמען אים צו זיך אין הויז. איין גאָט ווייסט, אַז נישט צוליב באַרימעריי, כדי צו ווייזן זיין גליק, האָט ער דאָס געטון. פון טיפן האַרץ האָט ער באַגערט, אַז זיין חבר זאָל ענדלעך אָוועקוואַרפן די חלומות, זאָל ווערן אַ פּראַקטישער מענטש, חתונה האָבן און גליקלעך זיין אָט אַזוי ווי ער איז, זאָל ער אַליין זען.

אַמאָל האָט ער אַליין זיך אויך אָפּגעגעבן מיט ליטעראַטור, האָט צוגעהערט, געווען שטענדיק איינזאַם, פאַרביטערט; האָט זייער פיל פילאָזאָפירט וועגן לעבן, און דאָס לעבן האָט אים

דערווײַל אַרויסגעשטויסן און פֿאַרוואָרפֿן אין אַן ענג ווינקעלע
בײַ דער זײַט. ענדלעך, ענדלעך האָט ער זיך געכאַפּט און איז
איצט אַזוי גליקלעך.

אין די שטיל-גליקלעכע מינוטן פֿון זײַן היימישער נעסט,
נאָך דער וועטשערע, ווען ער און עטע זענען געזעסן בײַם טיש,
ווען דער לאָמפּ האָט העל געברענט, און דאָס גערויש פֿון דער
גאַס האָט זיך צוגעטראָגן ווי אַ ריטמישער לעבנס-אויסדרוק; ווען
ער פֿלעגט ליב האָבן עטעס העלע האָר צו גלעטן, אויסצוזוכן
איר קליין אויער און עס פֿאַמעלעך, רואיק קושן — דעמאָלט
פֿלעגט ער איר דערציילן פֿון זײַן אַמאָליקן לעבן אין וועגן זײַן
פֿרײַנט. ער האָט געשילדערט זײַן חבר פֿאַר זייער אַ טיפֿן קלוגן
מענטש, האָט דערציילט אַנעקדאָטן פֿון זײַן ציגײַנער-לעבן, און
צו זײַן גרויסער פֿרייד האָט ער באַמערקט, אַז עטע האָט געהאַט
פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אַזאַ מענטש, און האָט זיך מיט אים
אינטערעסירט.

צוזאַמען מיט דער שיינקייט פֿון איר קערפּער, האָט ער
בײַ זײַן געליבטער פֿרוי יעדן טאָג אַנטדעקט אַלץ מער פֿײַנע
זײַטן פֿון איר נשמה, אַלץ מער אינטעליגענץ און שיינעם זין.
דאָס דאָזיקע מיידל, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון אַ קליידער-
מאַגאַזין, האָט פֿאַרשטאַנען פֿײַן צו פֿילן, האָט זיך געקאָנט אויף
מענטשן און האָט זיי אָפּגעשאַצט מיט איר ווײַבערישן אינסטינקט
מערקווירדיק קלאָר. זי איז כּלל נישט געווען קיין פֿרעמדע
אין זאַכן פֿון גייסט.

ער האָט איר אַמאָל אַזוי פֿאַרן שלאָף פֿאַרגעלייענט די
געדיכטן פֿון זײַן חבר, האָבן זיך בײַ עטען בײַ מאַנכע שטעלן
געשטעלט טרערן אין די אויגן. ער איז דאַנקבאַר געווען זײַן
חבר, וואָס האָט אים אומבאַוואוסט צוגעהאָלפֿן צו אַנטפּלעקן אַזוי
פֿיל פֿײַן געפֿיל בײַ זײַן עטען.

— פֿאַרוואָס קומט ער נישט אַרויף צו אונדז? — האָט זי
נעפֿרעגט. זי האָט אים נאָר איינמאָל געהאַט געזען, באַלד נאָך
זייער חתונה איז ער געקומען אָפּגעבן דעם אָפּיציעלן וויזיט, איז געזעסן
אינגאַנצן אַ האַלבע שעה, און מער האָט ער זיך נישט געוויזן.

— ער איז אַ ווילדער מענטש. ער האָט נישט ליב קיין רואיקע היים, ער האָט ליב אָדער די רוישנדיקע גאַס, די גרויסע מאַסע, אָדער גאָר זיין איינזאַמקייט. ווייסט, עטע, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל — מיר זענען דאָך קליינבירגער, און ער איז אַ פּאָעט, ביי אונז איז דאָך אַלץ אַזוי קליינלעך... אַזוי באַלעבאַטיש און אַזוי זיס.

און ער האָט זי געקושט, און זי האָט אירע פיינע אַנט־בלויזטע הענט אים אַרויפגעלייגט אויף די אַקסלען.

— דו, מיין גוטער...

און אַז זי איז געזעסן אויף זיין שויס, האָט זי ווייטער גענומען רעדן וועגן זיין פריינט.

— זיי האָבן עפּעס גאָר אַן אַנדער לעבן, די פּאָעטן. זיי פליען, פליען אַזוי ווייט אַוועק און טראַכטן גאָר אַנדערש. איך וואָלט מורא געהאַט מיט אַ פּאָעט צו לעבן. ער האָט אַזאַ מאָדנעם בליק...

— דו מיינסט, ער האָט אַ בליק, וואָס שרעקט? ניין, ער איז אַ גוטהאַרציקער מענטש.

— ניין, איך ווייס, ער האָט גוטע אויגן. נאָר אַז ער האָט מיך אָנגעקוקט, איז מיר געוואָרן עפּעס אַזוי אומהיימלעך, גלייך ווי עס קוקן אַמאָל אָן די אויגן פון אַ הון צי פון אַ הינט...

— אַ הון צי אַ הונט? אַזוי באַטראַכסטו אים? דו, שלעכטע דו? און ער האָט זי ווידער געקושט אויף די ליפּן.

— גיי, גיי, דו פאַרשטייסט נישט. — און זי האָט אים געקלאַפּט אויף דער האַנט — איך מיין, זיין בליק איז אַזוי פרעמד, ווייט — אַן אַנדערער גאָר.

ער האָט מיט דערשטוינונג און אַנטציקונג געקוקט אויף איר. ווי גוט זי האָט דאָס אויסגעדריקט, ווי ריכטיק זי האָט דעם בליק פון זיין געוועזענעם חבר אויפגעכאַפּט!

און ווען ער האָט דערנאָך זיין חבר געטראָפן, האָט ער אים אַריינגעפירט אין הויז, און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן זייער באַקאַנטער הויז־פריינט.

דעמאָלט האָט עס זיך אויך אָנגעהויבן.

די אייפערזוכט האָט זיך שטיל און אומבאַמערקט אַריינ־געגנבעט אין זיין האַרץ, און ווי אַ קראַנקהייט, וואָס מען טראָגט אומבאַוואוסט אין קערפּער, איז זי אַזוי לאַנג געוואַקסן, ביז זי איז צייטיק געוואָרן.

צווייט קאַפּיטל

עטע איז געשלאָפן אין איר בעט, אין שטוב איז געווען פינסטער, ס׳איז שוין געווען לאַנג נאָך האַלבער נאַכט. ער האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער און האָט נישט געקאָנט שלאָפן, דאָס איז געווען די ערשטע שלאָפלאָזע נאַכט: די גרענעץ פון זיינע גליקלעכע טעג.

וואָס אַזוינס האָט ער באַמערקט? — גאָר נישט, לגמרי גאָר נישט. זיין חבר קומט אָפּט אַריין — נו, יאָ, ער האָט דאָך אים אַזוי פיל מאָל געבעטן, און ער איז דאָך אַן איינזאַמער מענטש, און עטע איז אינטערעסאַנט און שיין. עפּעס האָבן זיין חברס אויגן, די היינישע אָדער הינטישע, באַקומען אַ מאָדנעם גלאַנץ... צי איז דאָס נישט נאַריש, קליינלעך, אָפּשטעלן זיך אויף אַ גלאַנץ פון אויגן, און דערמיט זיך אַליין פאַרגיפטן דאָס לעבן? — געוויס אַזוי: נאַריש און קליינלעך. וואָס נאָך? — אַז ער לאַטשעט עטען, שפּילט ביי איר אַ שמייכל אויף די ליפּן, וואָס ער פאַרשטייט נישט. — ווידער קליינלעכקייט: זי איז געוואָרן אַ פרוי, דער מיידלשער סוד איז צעשוואומען ווי אַ נעפּל, דאָס שמייכלט אַזוי די רייפע פרוי, די מאַמע חוה, וואָס האָט געשטילט איר נייגיריקייט מיט די פאַרבאָטענע עפּל... ערשט היינט אויף דער נאַכט, פאַר צוויי שעה. ווען זי איז געוואָרן שלעפעריק און מיד, איז אים באַפאַלן אַזאַ שטאַרקע ליבשאַפט צו איר, אַז ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט, ליידנשאַפטלעך, ביז צום פאַרגעסן. און אינמיטן האָט ער דערזען דעם שמייכל אויף אירע ליפּן, דעם נייעם שמייכל, און ער איז ניכטער געוואָרן.

איצט ווייסט ער שוין די ריכטיקע באַדייטונג פון די

לאַכנדיקע אויגן. דאָס איז אַ נייע שיינהייט, וואָס ער האָט אַנט-דעקט אין זיין עטען. ער האָט זי אַזוי ווייניק געקאַנט ביז אַהער. יעדער טאָג ברענגט נייעס. ריכטיק! וואָסער נאַרישער מענטש ער איז, וואָסער קליינלעכער! צו וואַרפן אַ חשד, צו באַליידיקן אין זין זיין איינציקע, זיין טייערע עטע!

און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם, וואָס עטע האָט זיך צוגערירט מיט אירע פינגער צו זיין חברס האַנט, איז עס אַ צופאַל, זי האָט אים דערלאַנגט טיי און געוואָלט צורוקן דעם צוקער, אַ צופאַל!...

און ער איז גלאַט נערוועיש, גאָר נישט מער. דאָס פּראָטעסטירטע וועקסל, וואָס ער האָט היינט באַקומען... עפּעס הערט ער היינט די אייזנבאַן פייפן, דאַכט זיך, אַז ער הערט אַפילו דאָס גערויש פון די רעדער... ער האָט גאָר נישט געוואוסט, אַז די אייזנבאַן געפינט זיך אַזוי נאָענט... עטע שלאָפט, נאָר, דאַכט זיך, נישט רואיק, אַמאָל הערט ער איר אָטעם, אַמאָל ווערט ער איבערגעהאַקט...

ער רופט שטיל, קוים-קוים וואָס ער שעפּטשעט מיט די ליפּן:

— עטע...

און זי ענטפערט באַלד:

— דו שלאָפסט נישט? וואָס איז, חיים?

— גאָר נישט, כ'בין שוין געשלאָפן, עפּעס האָט זיך מיר געחלומט, ווי שפּעט קאָן זיין?

— ס'האָט ערשט געשלאָגן צוויי.

— צוויי? ווייסט? איך געדענק נישט, צי דער גאַז איז גוט פאַרדרייט — דאָס האָט ער אומישנע אויסגעטראַכט די מעשה מיטן גאַז. אים האָט זיך געוואָלט זען איצט עטעס פּנים, עפּעס פאַראָפּלייענען דערפון.

ער האָט אָנגעצונדן דעם גאַז און איז צוגעגאַנגען צו איר בעט. זי איז געלעגן איינגענורעט אין דער קאָלדרע און אין קושן. און אַז ער איז צוגעקומען, האָט זי אויסגעדרייט צו אים איר קאָפּ, אינגאַנצן פאַרוואָרפן מיט אירע העלע לעבעדיקע האָר

ער האָט איר אָוועקגעלייגט די האָר פון פּנים, און ער האָט געפילט דערבײַ, אַז ער טוט דאָס נישט מיט דער האַנט פון אַ פאַרליבטן, נאָר מיט דער קאַלטער האַנט פון אַ פאָרשער און ריכטער. ער האָט איר פּנים געוואָלט זען. דאָס פּנים איז געווען אַביסל מידלעך, און שיין, שיין... ס'האָט אים אָבער גאָרנישט דערציילט פון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט וויסן.

— האָסט מיך ליב, עטע?

זי האָט געעפנט אירע אויגן און האָט אים אָנגעקוקט.

גאָט! צי איז דאָס נישט דער היגישער, היגטישער, דער ווייטער בליק, וואָס זי האָט אַמאָל גערעדט פון אים, דערמאָנענדיק זיין חברס בליק?! און וואָס באַטייט דער קאַלטער שמייכל?

און מיט אַ טראַגישקייט אין דער שטים, מיט אַ געבראָכנקייט, וואָס ער אַליין האָט באַמערקט, האָט ער נאָכאַמאָל געפרעגט:

— האָסט מיך ליב, עטע!

— גראָד צווײ בײַנאַכט דאַרפסטו דאָס וויסן. גײ שלאָפן, מיין ליבער...

זי האָט זיין קאָפּ געגלעט מיט איר האַנט, און ער האָט געהאָרכט, ווי אַ קינד, אויסגעלאָשן דעם גאַז און געלייגט זיך צוריק שלאָפן.

— „מיין ליבער״ — אָט אַזוי האָט זי געזאָגט. דאָס וואָרט האָט ער הונדערט מאָל איבערגעחזרט אין זכרון. „ליבער״... נאָר ווי אַזוי איז עס געזאָגט געוואָרן? וואָס איז געלעגן דערין? צי איז דאָס געווען אַ באַרויִקונג, ווי מען שטילט איין אַ נאַריש קינד? „ליבער״ און נישט „טייערער״, פאַרוואָס נישט „טייערער״? — נאַרישקייטן! נאָר פאַרוואָס איז זי נישט געשלאָפן? וואָס האָט זי באַאומרויִקט?

העכסטנס קאָן זי נאָר זיין פאַרליבט אין זיין חבר, אָבער גאָר נישט איז געשען. אויב נישט, וואָלט זי נישט געהאַט קיין געשטערטן שלאָף. דאָס איז קלאָר! יאָ, און מאָרגן האָט ער פיל אַרבעט, און ווי צו להכעיס קאָן ער נישט שלאָפן.

ס'האָט שוין געשלאָגן 3 און 4, און זיין נערוועזקייט איז געשטיגן. ער איז געווען אינגאַנצן ווי אויסגעבאָדן אין שווייס. אין די שלייפן האָט געהילכט.

— עטע... — האָט ער גערופן שטיל, נאָר מיט געבעט און פאַרצווייפלונג אין דער שטים. נאָר פון צווייטן בעט האָט קיין שטים אים נישט געענטפערט, און עטעס אָטעם איז געווען גלייך, רעגלמעסיק. זי איז געשלאָפן.

און אים איז באַפאַלן אַ דריקנדיקע אַנגסט און אַ פחד. מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן? וואָס וועט ווייטער זיין? אָט דאָס איז עס, די אייפערזוכט, און זי האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, און עס וועט נאָך קומען און קומען... פאַרוואָלקנטע טעג, שלאָפלאָזע נעכט...

שווער וועט אויסקומען צו באַצאָלן פאַר די עטלעכע חדשים גליק. יאָ, קיין שום זאַך קומט קיינעם נישט בחנם אויף דער ערד. פאַרוואָס קומט דאָס אים אַ צווייטע יוגנט? —

אָט דאָס צאָלט עס זיך אויס!

דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען ער זאָל זיך מאָרגן זען מיט זיין חבר און זאָגן אים פשוט אַזוי:

„מיר זענען דאָך עפּעס אַלטע חברים און מיר קאָנען רעדן אָפן. דו האָסט מיר מיין גליק צעשטערט, אָט בין איך געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט, און איצט בין איך דער אומגליקלעכסטער, איצט וואַרף איך זיך אין מיין אייגן בעט, באַדעקט מיט שווייס, און אַלץ אין מיר ציטערט. דאָס איז אומ- מעגלעך ווייטער אַזוי. פאַרשטייסט? ס'מוז אויפהערן. אַנטשולדיק".

און זיין חבר וועט שטיל שמייכלען און וועט אים אויס- מעסטן מיט זיין ווייטן היניש אָדער הינטישן בליק? זאָל ער! דער עיקר — וואָס ער וועט נישט מער אַרויפקומען.

אַרום זעקס האָט ער זיך אָנגעטון און געמאַכט טיי. דער קאָפּ איז אים געווען אומגעהויער שווער. ער האָט אַביסל געפיבערט.

ווי אַ געדרעסירטער הונט, האָט ער אַנידערגעקניט פאַר זיין ווייבס בעט און אָנגעלענט זיין מידן קאָפּ אויף איר. ער האָט געוואָלט, זי זאָל אויפוואַכן און האָט זי נישט געוואָלט וועקן. שטיל, רואיק איז ער אַזוי געלעגן. די טיי אויפן טיש איז קאַלט געוואָרן, דורך די זייטן פון די אַראָפּגעלאָזטע ראָלעטן האָט די זון אַריינגעשלאָגן, אַ בינטל ליכט האָט זיך פאַרגנבעט צו

עטעס פנים, זי האָט אויפגעוואַכט און איז פאַרציטערט געוואָרן.
— וואָס איז מיט דיר, חיים? — די שטים איז געווען איבער־געשראָקן און נערוועיש.
— גאָרנישט, עטע. איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן, האָב איך געמאַכט טיי.
— נאָר דו ציטערסט...
זי האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט. דער האַלב־אַנטבלויזטער יוגנטלעכער קערפּער האָט ווי פאַרטויבט זיינע חושים. ער איז צוגעפאַלן צו איר און האָט זי הייס געקושט און האָט זיך פאַר־געסן אין אירע אָרעמס...
און ביינאַכט זענען זיי ווידער געזעסן אין דרייען: ער, זי און זיין חבר, און האָבן געשפּילט אין קאָרטן. אים האָט גע־שלעפערט, און ער האָט געוואָלט איבערהאַקן און מאַכן נאַכט, נאָר זיין חברס אויגן האָבן געהאַט אַ מאָדנעם לעבעדיקן גלאַנץ און עטע האָט געשמייכלט...
יאָ, דאָס איז אַ נייע שיינהייט, וואָס ער האָט אין איר אַנטדעקט: דער קאַלטער, דער קלוגער שמייכל...

דריט קאַפּיטל

אים האָט געמאַטערט די אייפערזוכט און נאָך מער די אומגעוויסהייט. ער האָט נישט געוואַגט צו רעדן אַ וואָרט דערפון, און ער האָט אויך אינגאַנצן נישט געהאַט, אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן.
אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער וואָלט מיט איינמאָל געוואָר געוואָרן, אַז ס׳איז געשען, אַז זיין עטע געהערט אַן אַנדערן, וואָלט זיין לאַגע געווען פיל דערטרעגלעכער ווי איצט, בשעת ער איז געווען געשליידערט פון איין עקסטרעם צו דער צווייטער, פון ליבע און גלויבן אין זיין פרוי, ביז אייפערזוכט און אומגלויבן. דאָס וואָלט געווען אַן אומגליק פאַר אים, אַ שרעקלעך אומגליק; פאַר אים וואָלט זיך דעמאָלט געעפנט אַ שוואַרצער תהום, און עס וואָלט גאָר נישט איבערגעבליבן, ווי

נאָר אַריינוואַרפן זיך אַהין. אָבער געפּיבערט וואָלט ער מער נישט, און נישט געשטיקט אין זיך זיינע ליידן, ווי איצט.

— וואָס איז מיט דיר, חיים? גיי אַריין צו אַ דאָקטאָר, — פלעגט עטע זאָגן.

— אַ, דאָס איז גאָרנישט... דאָס קומט פון צופיל ליבע... און ער פלעגט זיך נאָך באַמיען צו שמייכלען. דערביי האָט די פראַזע געזאָלט זיין ווי אַן אַרט אַנטשולדיקונג, פאַר וואָס ער פאַרהאַלט זיך איצט צו איר קילער...

און זיין חברס אויגן האָבן אַלץ געגלאַנצט, זיין וויטער בליק איז געוואָרן נאָענט, ווען ער האָט גערעדט מיט עטען. עטע האָט צו א י ם, צו איר מאַן, געשמייכלט, און אַזוי הויך, אַזוי הילכיק געלאַכט, ווען זיין חבר איז געווען.

„זי האָט פריער אַזוי לאַכן נישט געקאָנט" — האָט ער געטראַכט — „דאָס לאַכן געפעלט מיר נישט, דאָס איז צו פאַרשייט. צו אויפגעריסן פאַר איר, דאָס האַרמאָנירט נישט מיט איר וועזן".

איינמאָל, נאָך דעם ווי זיין חבר איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך דערלויבט איר צו מאַכן אַ באַמערקונג:

— איך האָב דיך נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזוי לאַכן, ווי היינט...

אין אירע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן עפּעס ווי אַ ביין פייערל און איז באַלד פאַרלאָשן געוואָרן. זי האָט גאָר נישט געענטפערט, גלייך ווי זי וואָלט די פראַזע נישט געהערט.

ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך צוגעזעצט צו אים, געגלעט אים די האָר און ווידער געשמייכלט און ווידער אים איינגעשטילט, אַזוי ווי מען שטילט איין אַ ברוגז קינד.

— דיר געפעלט נישט מיין לאַכן, חיים? דו ביזט נערוועיש, דאַרפסט אַריינגיין צום דאָקטאָר.

דערמיט האָט זיך די סצענע געענדיקט, און ווידער איז געקומען אַ מאַטערנדיקע, שלאָפלאָזע נאַכט.

און צומאָרגנס האָט ער זיך ווידער געפרעגט: וואָס פאַר אַ גרונט האָב איך זי חושד צו זיין? און ווידער האָט ער זיך אין זין געשלאָגן על חטא אַנטקעגן זיין פרוי.

אַזוי זענען אַוועק צוויי חדשים; אויב די ערשטע חדשים נאָך זיין חתונה זענען געווען די גליקלעכסטע אין זיין לעבן, זענען די לעצטע צוויי חדשים געווען די שרעקלעכסטע. ער האָט געפילט, אַז עס פעלט אים אויס געדולד און קראַפט ווייטער צו ליידן, אַז מיט איינמאָל וועט דאָס אַלץ אויסברעכן און אויפרייסן ווי אַ פאַרשטיקט ברען-מאַטעריאַל, אַז אַ קאַטאַסטראָפע מוז קומען, וועט קומען: ער וועט פון זינען אַראָפּ, ער וועט באַגיין זעלבסט-מאָרד, אָדער אַ סקאַנדאַל וועט אויסברעכן... עפּעס מוז געשעען.

און עפּעס איז ווירקלעך געשעען. ער קאָן זיך אַפילו נישט גענוי דערמאָנען, ווי דאָס איז צוגעגאַנגען. זי איז אַהיים געקומען, געקלאָגט זיך אויף קאָפּ-ווייט, געלייגט זיך אין בעט, קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. אויפן צווייטן טאָג איז זי געוואָרן נישט קלאָר, און אַזוי איז זי געשטאָרבן אין אומבאַוואוסטן צושטאַנד. אַזוי פּשוט איז עס צוגעגאַנגען, און אַזוי אומ-פאַרשטענדלעך. דערנאָך זענען געקומען אַלטע ווייבער, האָבן געניייט תכריכים, ליכט האָבן געברענט, דערנאָך האָט מען זי אַרויסגעפירט און באַגראָבן. ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה און האָט גאָרנישט גערעדט און נישט געוויינט אַפילו, עפּעס איז זיין חבר צו אים צוגעגאַנגען און האָט געהאַט אויגן פול מיט טרערן. „וואָס וויינט ער?" — ער האָט עס נישט פאַרשטאַנען. אַלץ איבעריקע איז געווען גאַנץ איינפאַך, געגאַנגען נאָך דער ריי נאָך, אָט אַזוי ווי ס'פירט זיך: קראַנק געוואָרן און גע-שטאָרבן און באַגראָבן, און ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, איז עטע מער נישט געווען.

דאָס בעט איז געווען ליידיק.

ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ האַרטן, שווערן שלאָף. נאָר אינמיטן שלאָף האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון עפּעס שווערן געטראָפן, און פּלוצלינג האָט ער זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ, גענומען יאָמערן אינמיטן די פיר ווענט און דעם ליידיקן בעט, וואָס האָבן אים געהערט.

ווי אַזוי איז דאָס געקומען?! ווען איז דאָס געשעען?! ווי אַזוי?!

ער האָט אַפּילו נישט געקאָנט אויסרעכענען גענוי, וויפיל טעג זי איז קראַנק געווען. דאָס איז אַזוי גיך פאַרביי געפלויגן, געקומען, נישט צו וויסן פון וואַנען.

„דאָס איז דער טויט, דער טויט" — האָט ער געחזרט אין געדאַנק, גלייך ווי ער וואָלט איצט ערשט ריכטיק באַגריפן דעם אינהאַלט פון דעם קורצן וואָרט. „אָט דאָס איז — דער טויט!"

זיין חבר איז אַריינגעקומען בלייך, דערשלאָגן, די אויגן רויט.

— חיים! אַן אומגליק איז געשען. ס'האָט זיך קיינער נישט געריכט... אַזאַ יונג לעבן, אַזאַ בליענדיק לעבן... פּלוצלינג! ווער האָט דאָס געקאָנט טראַכטן?

און מיט דערשראָקענע, שטומפּ-זיניקע אויגן האָט חיים אויף אים געקוקט און געענטפערט:

— יאָ, דאָס איז עס — דער טויט.

זיי האָבן די נאַכט פאַרבראַכט צוזאַמען. זיין חבר האָט זיך צוגעזעצט צו אים אויפן בעט און האָט איינגעדרימלט אויף זיינע אַקסלען.

חיים האָט זיך צוגעלענט אויפן בעט, כדי זיין חברס קאָפּ זאָל פּאַמעלעך זיך אָנלענען אויפן קישן. די קערפּערלעכע נאָענטקייט פון זיין חבר האָט אים איצט לינדער געמאַכט. און אַזוי האָבן זיי ביידע איינגעדרימלט שפּעט אין דער נאַכט.

פערט קאַפּיטל

ער האָט געמוזט איבערגעבן דאָס געשעפט צו פירן זיין ברודער, און אַליין איז ער אַרויסגעפאָרן אויף אַ זומער-וואוינונג. נישט נאָר ער, נאָר דער דאָקטאָר, וואָס האָט אים אונטערזוכט, האָט מורא געהאַט פאַר זיין פּסיכישן צושטאַנד.

ס'האָט אים קיין זאַך נישט געוויילט און נישט אינטערעסירט. אויסער מיט זיין חבר האָט ער מיט קיינעם נישט געקאָנט רעדן מער ווי אָפּגעהאַקטע, קורצע ווערטער. דער חבר פלעגט טאָקע

אַפּט צו אים אַריינקומען און פֿאַרבריינגען מיט אים.

זיי האָבן גערעדט מערסטנס וועגן עטען. ער איז געווען זיכער, אַז אַ צווייטע פֿרוי ווי זיין עטע איז אויף דער וועלט נישטאָ. אַזאַ אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע האַרמאָניע, אַזאַ פֿעיִקייט ליב צו האָבן, אַזאַ באַהאַלטן, צערטלעך, אינעווייניקסט לעבן... ער האָט געדענקט, אַז זיין חבר פֿילט זיינע רייד און פֿאַרשטייט זיי, און דאָס האָט געלינדערט זיין וויטאָג.

— אַך, וואָס ווייסטו, וואָס ווייסטו פֿון איר שיינהייט! דאָס שענסטע מאַרמאָר-בילד פֿאַרמאָגט דאָס נישט. אַ קונסט-בילד איז מיט איר אַוועק פֿון דער וועלט.

און זיין חבר האָט אויסגעהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— די שענסטע פֿרוי, וואָס איך האָב אין מיין לעבן באַגעגנט.

נאָר אין חיימס האַרץ האָט ביי די לעצטע ווערטער עפּעס זיך אָפּגעריסן. אַ שוידער איז אים דורך דורך דעם קערפּער. די אַלטע אייפערזוכט האָט זיך אָנגעצונדן אין זיין האַרץ.

„ער האָט עטען אין זיינע אָרעמס געהאַלטן, ער!"

צערודערט פֿון דעם פֿריערדיקן אַלטן צווייפֿל, וואָס איז אים פּלוצלינג וואַך געוואָרן, איז ער אַוועק פֿון זיין חבר מיט אַן אויסרייד, אַן ער וויל אָפּרוען.

און נעכט פֿון נייער מאַטערניש האָבן זיך פֿאַר אים איצט אָנגעהויבן, און ווי אַ וואָרעם, האָט דער צווייפֿל גענאָגט זיין האַרץ.

און אַלטע סצענעס זענען ווידער וואַכנדיק געוואָרן אין זיין זכּרון. מיט אַ געניטער פּינקטלעכקייט האָט ער זיך דערמאָנט יעדע האַנט-באַוועגונג פֿון עטען און פֿון זיין חבר, דעם אויסדרוק פֿון זייערע אויגן, די מינעס, דעם שמייכל, און האָט אַלץ איבער-געוואויגן און איבערגעמאָסטן און ווידער געזוכט צו דערגיין דעם אמת, און ווי אַמאָל האָט עס אים געשליידערט פֿון גלויבן ביז יאוש, און ווי אַמאָל איז נאָך דער ביטערסטער פֿאַרצווייפֿלונג געקומען דער פֿאַרוואורף צו זיך אַליין, אַז ער איז אַ קליינלעכער, אַ נאַרישער מענטש, אַז ער האָט קיין גרונט נישט זי חושד צו זיין.

און די שרעקלעכסטע פֿון אַלע מאַטערנישן — די

אומגעוויסהייט — האָט אים ווידער געגומען פּלאָגן. די בענקשאַפט נאָך זיין פאַרלוירן גליק האָט זיך האָט ווי אָפּגערוקט אָן אַ זייט.

און ווי צו באַשטעטיקן זיין חשד און צו פאַרגרעסערן זיין אומרו, האָט זיך זיין חבר עטלעכע טעג נישט געוויזן.

און ווען זיין חבר איז ענדלעך געקומען, האָט ער זיך מער נישט געקאָנט באַהערשן און מיט פאַרצווייפלונג און געבעט איז ער צוגעפאַלן צו אים:

— דו מוזט מיר זאָגן דעם אמת. עס איז דאָך איצט שוין אַלץ איינס; זי לעבט נישט מער: זאָג מיר, זי איז דיינע געווען? זאָג דעם אמת...

נאָר זיין חבר האָט אויף אים איצט געקוקט מיט זיין ווייטן בליק און האָט געענטפערט באַוועגט, ווי ער וואָלט געזוכט זיך צו ראַטעווען פון אַ נויט:

— וואָס פעלט דיר איין? וואָס פעלט דיר איין? עס הויבט זיך נישט אָן. דאָס איז דיין פאַנטאַזיע, דיין קראַנקע פאַנטאַזיע...

און חיים האָט זיך פאַר אים שיער נישט צעוויינט:

— און איך, נישט־ווירדיקער מענטש, האָב זי חושד געווען! איך האָב זי חושד געווען.

— באַרויק דיך, חיים!

חיים האָט זיך באמת געוואָלט באַרויקן, נאָר אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָט ער באַלד ווידער דערפילט, ווי די ספקות און איבערקלערענישן קריכן אים נישט אַרויס פון קאָפּ, ער האָט ווידער געפרעגט:

— נאָר פון וואַנען, זאָג מיר, קומסטו צו רעדן וועגן די שיינהייטן פון איר קערפּער?

— דער חבר האָט זיך אָפּגערופן ווי איבעררא‌שט:

— וואָס?!

— גאָרנישט, אַנטשולדיק.

און אַזוי איז ער ווידער געבליבן ביי זיין אומגעוויסהייט.

כדי כאָטש אַביסל זיך צו באַרויקן און נישט פּלאָגן זיך טאָג און נאַכט מיט איין געדאַנק, האָט ער אינסטינקטיוו דערפילט, אַז ס'איז בעסער זיין חבר נישט צו זען. זאָל עס בלייבן אַזוי,

אין דער פינסטערניש, זאָל עס בלייבן אַ סוד פאַר אים. זאָלן די טויטע פאַרגעסן ווערן, און צוזאַמען מיט זיי די סודות, וואָס ליגן מיט זיי באַהאַלטן.

„סיי־ווי־סיי — האָט ער געטראַכט — זוך איך מער קיין גליק נישט. נאָר פאַרגעסנהייט איז מיר נויטיק, פאַרגעסן!!"

צוריקקומענדיק אין שטאָט אַריין, האָט ער זיין חבר אויסגע־מיטן. ערשט איצט האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן דער אמתער טרויער, דאָס לאַנגע שטיקנדיקע בענקען נאָך עטען. איר געשטאַלט האָט אים פאַרפאָלגט, ער האָט זיך געפילט נידערגעשלאָגן און אליין אויף דער וועלט, אַליין אויף אייביק. די דאָזיקע איינזאַמקייט און די דאָזיקע בענקשאַפט וועט שוין אים נישט פאַרלאָזן. אַ דריטע יוגנט וועט שוין נישט קומען...

אין לינדע פאַרנאַכטן, ווען דאָס קלעמעניש האָט נישט אָפּגעלאָזט, און ער האָט געפילט, אַז עס רוקט זיך אָן אַ שלאָפלאָזע נאַכט, פלעגט ער אַרויסגיין אויפן בית־עלמין, אַרומשפּאַצירן נעבן דעם קבר פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, און פאַרגלאָצט קוקן אויף דעם הימל, וואָס האָט זיך אויסגעשטערנט. געדאַנקען וועגן דער פאַרגאַנגלעכקייט פון אַלעם: פון דער ערד, אויף וועלכער ער טרעט, פון די מיליאָנען שטערן, וואָס פינקלען דאָרט אויבן, — אַז דאָס אַלץ פאַרגייט, פאַרוועלקט און שטאַרבט, צי יונג, צי אַלט, צי רייף און מיד, צי פריצייטיק און לעבנסגיריק — האָבן אים שטיל געטרייסט און באַרואיקט.

און אָט אין איינעם אַזאַ פאַרנאַכט, אין אָנהויב פון חדש חשון, האָט ער זיין חבר, וואָס ער האָט שוין אַ צייט נישט געהאַט געזען, געטראָפן ביי זיין פרויס קבר. אויפן קבר זענען געלעגן די פרישע בלומען, וואָס דער חבר האָט ערשט גע־בראַכט.

אין איין סעקונדע איז אים קלאָר געוואָרן, אַז זיין חבר האָט פון אים עפּעס באַהאַלטן, אי ביי עטעס לעבן, אי איצט, נאָך איר טויט.

„יאָ! דאָס איז געשען!"

ער איז געווען צעטומלט, צוריק האָט די אייפערזוכט

אויפגעפלאַקערט אין זיין האַרץ; ער האָט שטום און דראָענדיק געקוקט. זיין חבר אָבער האָט זיך באַהערשט און געזאָגט:

— ס'איז היינט פונקט זעקס חדשים נאָך איר טויט, איך האָב איר בלומען געבראַכט..

— בלומען? אַזוי ליב האָסטו זי געהאַט?...

— זיי נישט בייז, חיים! דאָ, ביי דעם קבר, לאָמיר נישט בייז זיין. ס'איז נישט דאָס אָרט דערפאַר. לאָמיר רעספעקט האָבן צו איר און צו דעם הייליקטום פון אונזער אייגן לעבן.

— אַזוי, הייסט עס? דו האָסט זי ליב געהאַט?

— נישט רעד אין אַזאַ טאָן! יאָ, ס'איז וואָר, איך האָב זי ליב געהאַט, און מיט איר איז דאָס הערלעכסטע פון מיין לעבן אַוועק, און גאָרנישט איז געבליבן.

— און זי דיך האָט אויך ליב געהאַט?

דער חבר האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך אָבער איז ער צוגעגאַנגען צו חיימען, האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, און שטיל, מיט אַ טאָן פון אינערלעכקייט, גערעדט:

— זיי אויף מיר נישט בייז, מיין גוטער מענטש, ס'איז די ליבע. ס'איז אַ מאַכט, וואָס שטייט איבער אונזער פאַרשטאַנד און איבער אונזער בעסטן ווילן. איך האָב זי געליבט, ווי קיין פרוי אויף דער וועלט...

— אָ, נאָך אַזאַ פרוי איז נישטאָ אויף דער וועלט — האָט זיך חיים אַרויסגעכאַפּט, און ער האָט געפילט, ווי מיט דער פראַזע איז פאַרשוואונדן דער ברענעדיקער האַס צו זיין חבר...

ס'איז געוועזן הארבסטיק, און אַ קילער ווינט האָט געבלאָזן. אויפן עק האָריזאָנט איז אַרויסגעשוואומען די לבנה, ווי אין בלוט געבאָדן, די בוימער האָבן גערוישט, און די לעצטע בלעטלעך האָט דער ווינט געריסן.

— איך האָב זי נישט פאַרגעסן. אָט שטייט זי פאַר מיר ווי לעבעדיק, מיט איר גראַציעזן קערפּער, מיט אירע בלאָנדע האָר און מיט דעם וואונדערלעכן אויסדרוק פון אירע אויגן...

נאָר חיים האָט מער נישט געקאָנט הערן ווי זיין חבר רעדט

וועגן עטען: ער האָט אַרויסגערוקט זיין האַנט פון זיין חברס און איז אַוועקגעגאַנגען, אָן אַ „גוטע נאַכט" צו זאָגן.

נאָר אין עטלעכע חדשים אַרום האָט זיי דאָס מזל ווידער צוזאַמענגעפירט, און איצט נאָך — ס'זענען שוין יאָרן פאַרביי און ביידע ווערן שוין אַלט — טרעפט, אַז זיי זיצן צוזאַמען און דערמאָנען עטען. און מיט דער צייט האָבן זיי זיך אַזוי צוגעוויינט, אַז זיי רעדן וועגן די אָפענע און באַהאַלטענע שיינקייטן פון דער פאַרשטאָרבענער און זשעניִרן זיך נישט, ווי צוויי ברידער וואָלטן גערעדט וועגן אַ ליבלעכער שוועסטער, גלייך טייער פאַר ביידן.

די שטראָף

(מעשה)

יאָרן נאָכאַנאַנד האָבן מלחמות רואינירט די גאַנצע געגנט אַרום. אין דער שטאָט זענען מענטשן געפאַלן פון הונגער און מגפות. די רייכע האָבן באַגראָבן זייער האָב־און־גוטס אין זיך באַהאַלטן אין די קעלערס צו עסן דאָס טרוקענע ברויט, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן אויף דער וואָג פון גאָלד, די מאַסן האָבן געשריגן, געמאַכט אויפשטאַנדן און זענען אָוועקגעשטאָרבן אין די טויזנטער, און קיינער האָט זיך נישט געקימערט זיי צו באַגראָבן.

אַ פאַרסמטע לופט האָט געוויייעט איבער דער שטאָט. דער טויט האָט געקוקט יעדן אין די אויגן.

שמעיה דער חכם האָט געטראָפן ברכיהן דעם חכם אויף דער גאַס און האָט אים געפרעגט, וואוהין ער גייט.

— איך גיי אויפן פעלד אַרויס, דאָרט איז די לופט ריינער, די זון וואַרעמט, און אַז מען שטאַרבט, בלייבט מען ליגן אויפן גראָז.

שמעיה האָט געדרונצלט זיין שטערן און נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט ער געענטפערט:

— קום, און מיר וועלן גיין צוזאַמען. אַלץ איינס, וואו צו שטאַרבן פאַר הונגער — אין שטאָט, צי אויפן פעלד.

מיט מידע שריט האָבן זיי זיך געשלעפט צו ווייטע לאָנקעס און פאַרלאָזטע פעלדער, וויסט-באַוואַקסענע.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו מערב און עס איז געוואָרן טונקל אויף דער וועלט.

ביידע חכמים זענען געלעגן אויפן גראָז, און אויף זייערע פנימער האָט געשפּילט אַן אָפּגלאַנץ פון צעפלאַקערטן הימל. זייערע כוחות האָבן זיי ביסלעכוויז פאַרלאָזט, און איינער צום אַנדערן האָט גערעדט מיט אַ פרעמד קול, אַזוי ווי פון שלאָף אַרויס:

— ברכיה, דו שלאָפסט? און דיין אויער הערט?

— איך לעב און האָרך, שמעיה. איך בין געווען אין דרימל: מיין אויער איז געווען צוגעלייגט צו דער ערד און איך האָב געהערט ציטריק־ווייסע געזאַנגען קומען פון שויס פון דער ערד. אַלע דורות, וואָס רוען נאָך אין די טיפענישן, אַלע פּאָטענצן פון לעבן, וואָס ליגן באַהאַלטן און וואַרטן אויף זייער געבורט, האָבן געזונגען אַ ליד, בשעת די זון איז פאַרגאַנגען.

— וואונדערלעך, ברכיה, איז דאָס, וואָס דו דערציילסט, ווייל איך בין אויך געווען אין דרימל און מיין אויער איז געווען צוגענויגט צו דער ערד, אָבער אַ יאָמערלעך געוויין האָב איך געהערט קומען פון טיפענישן, אַלע אומגעקומענע, פאַרוועלקטע דורות, וואָס רוען אין שויס פון דער ערד, האָבן ביטער געשריגן אין זייער פאַרלאָזנקייט, בשעת די זון איז אונטערגעגאַנגען. איך האָב געמיינט, די טונקלקייט האָט זיך אויף אייביק געלייגט אויף מיינע אויגן, ביז איך האָב גענומען רופן דיין נאָמען, און איך האָב דערשפּירט, אַז איך לעב.

די שוואַרצקייט פון דער נאַכט איז דערווייל צוגעקומען. אויפן הימל זענען נישט געווען קיין שטערן. די וועלט האָט איינגעהאַלטן איר אָטעם. נאָר ווייטע פייערלעך, משונהדיקע קולות, רופן פון טראָמפּייטן האָבן געגעבן צו וויסן, אַז אין דער נאָענט פלאַקערט די מלחמה.

ביידע חכמים האָבן דערשפּירט די נאָענטקייט פון טויט, אַן אייזיקע קילקייט האָט געווייעט דורך זייערע גלידער.

ברכיה האָט געזאָגט צו שמעיהן:

— צי קאָנסטו רירן מיט דיין גוף? מיר וועלן פּרואוון זיך אויסצודרייען מיטן פּנים צו מזרח, ווייל פון דאָרט וועט אָנקומען די זון, און די גאָלדענע ליכטיקייט פון באַגינען וועט מיט לעבעדיקע פאַרבן באַשפּריצן אונזער הויט, וואָס איז אַזוי ווי פאַרמעט, טרוקן און געל.

שמעיה האָט געענטפערט:

— ביז די זון וועט אויפגיין, וועלן מיר שוין זיין טויט, ברכיה. וואָס אַרט אונז די זון, וואָס אַרט אונז דער שפּיל פון פאַרבן? מיטן טויט הערט אַלץ אויף.

ברכיה האָט מער נישט געענטפערט, ער האָט געטראַכט: דער אוצר פון ליכטיקייט און לעבן וועט באַגינען צוריקקערן צו דער ערד, איך וועל מיין פנים ווענדן צו אים.

מיט די לעצטע כוחות, פאַרבענקט צו ליכטיקייט און לעבן, האָט ער זיין אָפּשטאַרבנדיקן גוף פּאַמעלעך גערוקט און גערוקט, ביז זיין פנים איז געווען געווענדט צו מזרח.

דאָס האַרץ זיינס האָט אַ צוק געגעבן און אָפּגעשטעלט זיין גאַנג.

ברכיה איז געלעגן טויט, וואַרטנדיק אויף דער זון, אָבער שמעיה איז געבליבן ליגן אויפן אָרט, און די אייזיקע קאַלטקייט האָט אַלץ געווייעט דורך זיינע גלידער.

פּלוצלינג איז אָנגעקומען אַ מחנה חיל אויף פערד. זיי האָבן אָנגעצונדן שטורקאַצן, איינער פון זיי האָט שמעיהן אַ שטויס געגעבן מיטן פוס.

— שטיי אויף, דו טויגעניש, דו ציווילע פלוי, העלף באַגראָבן די טויטע.

— איך בין שמעיה דער חכם, איך שטאַרב דאָ אויפן פעלד צוזאַמען מיט מיין חבר ברכיה דעם חכם. מיך לאָזט צו-רו.

אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט ער באַקומען נאָך אַ שטויס. מען האָט אים געגעבן אַ לאָפּאַטע אין האַנט אַריין. דער הייסער אָטעם פון דער מלחמה האָט אים געשטעלט אויף די פיס, און ער האָט באַגראָבן מתים ביז באַגינען.

דעמאָלט האָט ער דערזען פון ווייטן, ווי ליכטיקע פאַרבן ציען און מאָלן דאָס טויטע, רואיקע פנים פון זיין חבר — און ער האָט זיך צעוויינט, ווי אַ פיצעלע קינד.

מאָטיוון

I

אויפן באַל

פאַרוואָס זענט איר מיאוס אַזוי?

איר זענט געקומען אויסגעפּוצט צום באַל. דער סאַמעט און דער אַטלאַס און דער זייד הויבן אויף אַ געשריי: „איר האָט אונדז אָנגעשטעקט מיט אייער מיאוסקייט. דאָס לעבן, וואָס איז אונזער גלאַנץ, האָט איר געטויט מיט דעם מאַטן בליק פון אייערע אויגן”.

פאַרוואָס זענט איר מיאוס אַזוי?

פון דער עסטראַדע אַראָפּ שפּרינגען די טענער פון אַ פּיאַנאָ, און אַ זיסער זינגער האָט זיך פאַרגעסן אין טשייקאָווסקיס אַ ראָמאַנס, אַ פרילינגס-נאַכט שווימט אַהער פון דער עסטראַדע, טויזנטער קומענדיקע דורות כליפּן צוזאַמען... דאָס מיידל האָט פאַרמאַכט די אויגן, געעפנט די בליענדיקע ליפּן און גיט זיך אָפּ אַ קרבן — דעם כישוף פון די קומענדיקע דורות.

און אויסגעפּאַשעט זיצן די מענער ברייטער פון די שטולן, אויף וועלכע זייערע גופים רוען.

איינער האָט געגענעצט.

אַ צווייטער קוקט אָן זין.

אַ דריטער באַטראַכט זיינע לאַקירטע שיך.

און אַ פערטן איז באַפאַלן דער פחד פאַר זיין געלט:

— אַנגאַ, האָסט פאַרשלאָסן די שלאָף-שטוב?

פאַרוואָס זענט איר מיאוס אַזוי?

איר זענט געקומען אויף דער וועלט שענער, ווי די בלומען. מיליאָנען דורות, וואָס פאַר אייך, האָבן געבענטשט

אייער געבורט. אַ פרישער טוי איז געלעגן אויף אייער קינדהייט: עס האָט געשפּראָצט און געוואַקסן דאָס קלוגע באַשעפעניש, וואָס גייט מיט אויגן צום הימל — דער מענטש.

וואו איז אַהינגעקומען די ברכה פון גאָט? דאָס לעבן און די ליבע, וואָס האָבן אייך אויף דער וועלט געבראַכט — וואו זענען?

מיר האָט אַ רגע זיך אויסגעדאַכט: דאָס זענען מעכאַניזמען, מיט ספּרענזשינעס, אָנגעצויגן אויף זיבעציק יאָר.

די נאַטור האָט באַשאַפן אַ שפּאַס, אַ שפּילצייג פאַר אירע געליבטע קינדער, פאַר די, וואָס לעבן, איר לעבן כדי צו האָבן פון וואָס צו לאַכן און צו שפּאַסן.

נאָר דער אָטעם זייערער האָט געסמט, אַ טויטע אכזריות איז געלעגן אויף זייערע פּנימער. און זיי האָבן געשריגן מיט אויפגעריסענע מיילער:

— מיר זענען די אדונים פון דער וועלט!

און האָבן געבראַכט פאַר עדות: דאָס גאַנצע געלט און אַלע בריליאַנטן פון גאָר דער וועלט.

וואָס זאָל איך טון מיט מיין עקל צו אייך? וואו זאָל איך אָוועקטראָגן די חרפּה פון מיין אייגן לעבן —

אויב איר זענט לעבן;

אויב איך און איר, מיר זענען מענטשן.

און ווי אַזוי זאָל מען פאַרטראָגן דאָס לעבן מיט אייך אויף איין ערד?

פאַרוואָס זענט איר מיאוס אַזוי?

II

די זינדיקע וועלט

אין אַן אומרואיקער צייט בין איך געלעגן אַליין אין מיין שטוב. קיין ברויט איז אין שטוב נישט געווען, אַ שניי האָט פאַרלייגט די וועגן, און עס איז נישט געווען קיין צופיר, עס האָט געבנאָגט ביים האַרץ. אין שטוב איז געווען קאַלט און פינ־סטער — די גאַז־און עלעקטריץ־צענטראַלעס האָבן געשטרייקט, אין אַ וויסטן דרימל האָב איך זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער. מיינע נערוון זענען געווען אָנגעצויגן, ווי דער שנור ביי אַ בויגן: פון דער פּאָגראָם־שרעק, פון דעם שרעקלעכן געדאַנק, אַז אַ גאַנץ פאָלק איז פאַרמשפט צו לעבן אַ הינטיש לעבן... דער־מינדסטער שאָרך איפן הויף האָט אָפּגעקלונגען אין מיינע צע־רייצטן זינען, ווי אַ קנאַל פון אַ דונער, דער מינדסטער ציטער פון די שויבן האָט אָפּגעהילכט און פאַרטויבט, אַזוי ווי די ערד וואָלט זיך וואַקלען פון אַ קאַטאַסטראָפע, און הייזער זאָלן פאַלן איבער די קעפּ, אַלע רייצן פון דרויסן זענען געווען פאַרגרעסערט פאַרפילפאַכט אָן אַ שיעור מאָל. די מידע, שוואַכע צירקולאַציע, פון מיין אייגן בלוט האָט געהאַמערט אין מיינע שלייפן, ווי ריטמישע קלעפּ פון האָלץ־העקער: איינס און צוויי און איינס און צוויי...

„נו, צו וואָס? צו וואָס" האָט שטיל געוויינט מיין האַרץ, „צו וואָס די ליידן אָן אַן עק? די מלחמה האָט זיך געענדיקט, פאַרוואָס וויל די וועלט נישט צוריק אין איר רו?".

מיט דעם געדאַנק בין איך איינגעשלאָפן און האָב אויפגע־הערט צו ציילן דאָס האַמערן פון בלוט אין מיינע שלייפן.

עמעץ האָט מיך געוועקט, געהייסן אויפשטיין. זיין געבאָט איז געווען האַרט און שטרענג. איך האָב געוואוסט: עס גייט אין אַ לעבן.

דער שניי־מענטש

(פֿאַנטאַזיע)

(פאַנטאַזיע)

עס איז געווען אַ קאַלטע העלע ווינטער־נאַכט. דער הימל איז געווען באַזעצט מיט זייער פיל שטערן; די שטערן האָבן געפינקלט און געבליצט, ווי די אויגן פון אַ שטיפעריש ייִנגל. און אַ לבנה איז בלויז איינע געווען אין הימל, אָבער אַ וואַרעמע און אַ פולע איז זי געווען, שווייגנדיק האָט זי שפּאַצירט געלאַסן, טריט ביי טריט. אַ קלאָר העל ראָד האָט דער הימל געמאַכט אַרום איר, און די שטערן זענען אָנגעזאָגט געוואָרן מיטן האַרבן וואָרט: „איר האָט פאַר זיך די גאַנצע הימלישע שטרעקע, קונדסים, אָבער דאָרט אין ראָד זאָלט איר נישט וואַגן צו קומען, דאָרט איז די לבנה".

— דאָרט איז די לבנה, דאָרט איז די לבנה! שאַ, שאַ, שטיל! האָבן זיך די שטערן געשושקעט צווישן זיך און צוגעוואונקען איינער צום אַנדערן.

און אויף דער ערד איז געלעגן דער קלאָר־געפאַלענער שניי, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן און האָט אויך געפינקלט ווי דיאַמאַנטן; אַ קלאָרע גרינלעכע שיין האָט אָנגעפילט די לופט. אַלץ אַרום איז געווען ווייס, ניי און געגלאַנצט, ווי די זילבערנע כלים אויסגעפּוצט פּסח צום סדר.

און אַ חברה ייִנגלעך זענען אַרויס אויפן פעלד הינטערן בית־המדרש, דאָרטן איז די ריינקייט פון שניי נישט באַרירט געוואָרן דורך די טריט פון די דורכגייער. דאָרטן זעט זיך דער גרויסער ברייטער הימל פון אַלע זייטן. די קינדער זענען פריילעך און פאַרשטיפט. אַ גרויסע פּאַרע שלאָגט פון זייערע מיילער און באַזלעכער. און איינער צום אַנדערן — שרייען זיי: —

— אַ שניי־מענטש, אַ שניי־מענטש! לאָמיר מאַכן אַ שניי־מענטש!

גערעדט און געטון.

זיי האָבן זיך באַלד אַ לאָז געטון איבערן פעלד, יעדערער האָט גענומען אַ פולן הויפן שניי און האָט אים האַרט געמאַכט צווישן ביידע הענט. דערפון איז געוואָרן אַ קליינע קויל, די קויל האָט ער אַוועקגעלייגט אויפן שניי און האָט זי אָנגעהויבן קייקלען, דאָס יינגל שטייט איינגעבויגן, די קויל אין ביידע הענט, און די קויל האַלט אין איין וואַקסן און ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער. די אַרבעט ווערט אַלץ שווערער און שווע־רער, און די פּאַרע, וואָס שלאָגט פון די קינדער, ווערט אַלץ געדיכטער... (וואָלט ווער עס איז פונדערווייטן אַ קוק געטון אויף די איינגעבויגענע קינדער און אויף דער פּאַרע, וואָס שלאָגט פון זיי, וואָלט ער זיך געטראַכט, אַז קליינע דאַמף־מאַשינען אַרבעטן דאָרט).

און די קוילן ווערן צוזאַמענגעקליבן אויף איין אָרט. עס ווערט פון זיי פיס, אַ בויך, הענט, אַ קאָפּ, און אין קאָפּ — צוויי שוואַרצע אויגן. עס גייט אַריבער אַ קורצע צייט, און דער שניי־מענטש, אינגאַנצן ווייס, שטייט שוין פעסט אויף זיינע פיס, און זיינע שוואַרצע אויגן קוקן אויף די יינגלעך, וועלכע גלעטן אים מיט ליבשאַפט, ער קוקט, אָבער ער פאַרשטייט גאָרנישט...

די יינגלעך זענען געוואָרן מיד און הונגעריק. חיים האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט זיין שיעור נישט פאַרטיק געמאַכט; יאָסל האָט זיך דערמאָנט, אַז טאַטע־מאַמע וואַרטן אויף אים אינדערהיים און זענען געוויס באַזאָרגט וועג אים. אַנדערע זענען סתם הונגעריק געוואָרן. גרשון, אַ בלייך שוואַך יינגל, האָט גאָר־נישט געטראַכט און גאָרנישט געזאָגט, ער האָט נאָר געקלאַפּט מיט די ציין און האָט בלאָזנדיק מיטן מויל געוואַרעמט זיינע שפּיץ פינגער. און אַז חיים האָט פאָרגעשלאָגן צו גיין אַהיים, האָט ער זיך זייער פאַרוואונדערט אויף דער גוטער עצה און האָט מיטן גאַנצן האַרץ מסכים געווען.

— ט—ט—אַ—קע — האָט ער אויסגערופן — און די ציין האָבן אַלץ געקלאַפּט איינע אָן די אַנדערע.

די יינגלעך זענען אַוועק אַהיים און דער שניי־מענטש איז געבליבן איינער אַליין אויפן פעלד.

אַרום איז געווען אַ טיפע שטילקייט. דער שניי־מענטש האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און האָט דערזען די שטערן מיט דער לבנה; האָט אַ קוק געטון אויף דער ערד און האָט דער־זען דעם אויסגעשפרייטן שניי, וועלכער פינקלט אין די שטראַלן פון דער קלאָרער לבנה און ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט איבער אַלץ, וואָס ער זעט אַרום זיך און אין האַרץ האָט ער זיך געטראַכט: „ווייזט אויס, אַז איך ל ע ב דאָך און איך האָב עס גאָרנישט געוואוסט; כ'האָב אַ לעבן אין מיר, אויף מיין וואָרט!" און ער האָט זיך נאָך שטאַרקער געפרייט.

אַ שוואַרצע ראָב איז פאַרבייגעפלויגן אין דער קלאָרער לופט און האָט הויך אויסגעשריגן „קראַאַ!" — ווי איינער זאָגט: „ווער ביסטו דאָ? און וואָס שטייסטו דאָ?"

דער שניי־מענטש, וואָס האָט נאָך נישט געקאָנט ענטפערן (ווייל ער האָט זיך נאָך נישט אויסגעלערנט רעדן), האָט געשוויגן. די ראָב איז אַראָפּגעפלויגן פון דער הויך, האָט זיך עטלעכע מאָל אַרומגעדרייט אַרום דעם שניי־מענטש, און דערזעענדיק, אַז דער שניי־מענטש רירט זיך נישט פון אָרט, איז זי אַרויפגעפלויגן אויף זיין קאָפּ און האָט מיט גאווה אויסגעשריגן „קראַאַ!", ווי איינער זאָגט: „איך, די שוואַרצע ראָב, שטיי אויפן קאָפּ פון דעם ווייסן מענטש!" „קראַאַ!".

האָט עס דעם שניי־מענטש שטאַרק באַנג געטון, און ער איז געוואָרן זייער טרויעריק. אָבער וויינען אָדער זיפצן, כדי עס זאָל אים גרינגער ווערן, האָט ער נישט געקאָנט, ווייל זיין אויג האָט זיך נאָך נישט אויסגעלערנט וויינען און זיין האַרץ — זיפצן. און די ראָב שטייט אויף זיין קאָפּ און לאַכט פון אים, זי האָט שוין אַפילו איר שנאָבל אַריינגערוקט אין קאָפּ פון דעם שניי־מענטש. נאָר זי האָט שנעל צוריק אַ הויב געטון דעם שנאָבל קעגן הימל: „קראַאַ!" — האָט זיך געכעסט דער שוואַרצער פויגל, ווי איינער זאָגט: „דער קאָפּ איז פון שניי, מען קאָן אים נישט עסן".

און די שטערן קוקן פון הימל און לאַכן פון דעם שניי-מענטש, ווינקען מיט די אויגן איינער צום צווייטן, ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— „קוקט, קוקט! אָט שטייט אַ ווייסער מענטש, אויפן קאָפּ ביי אים איז אַ שוואַרצע ראָב. די ראָב שרייט און ער שווייגט. שוטה! שוטה!"

האָט עס נאָך מער באַנג געטון דעם שניי-מענטש, און ער האָט שוין נישט געקאָנט אַריבערטראָגן זיין שאַנד, האָט ער געעפנט דאָס מויל און מיט ביטערניש אויסגערעדט:

— איך בין דאָך אַ שטומער, ווי אַזוי-זשע זאָל איך רעדן?

אויסגערעדט די עטלעכע ווערטער, איז ביי אים אַ געדאַנק געבוירן געוואָרן: „איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט רעדן און איך האָב עס גאָרנישט געוואוסט, אויף מיין וואָרט! און ער האָט זיך דערמיט שטאַרק דערפרייט.

די שטערן, דערהערנדיק, ווי ער זאָגט, אַז ער איז אַ שטומער, האָבן זיך נאָך מער צעלאַכט, אַפילו די לבנה אַליין האָט זיך אויך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אויך געשמייכלט.

די ראָב האָט זיך שטאַרק פאַרוואונדערט, ווען זי האָט דערהערט, אַז דער שניי-מענטש רעדט פונקט ווי אַ בשר-ודם, און מיט כעס האָט זי אויסגערופן: „קראַאַ!", ווי איינער זאָגט: „ביסט דאָך אַ מענטש, פאַרוואָס-זשע קאָן מען דיין קאָפּ נישט עסן?"

און דער שניי-מענטש האָט געעפנט זיין מויל און געזאָגט דער ראָב!

— „איך קאָן רעדן, גיי אַראָפּ פון מיין קאָפּ!"

— „קראַאַ!" האָט אים די ראָב געענטפערט — אָבער רירן מיט די הענט און פיס קאָנסטו דאָך נישט, האָב איך פאַר דיר קיין מורא נישט, „קראַאַ"!

דער שניי-מענטש איז שטאַרק אין כעס געוואָרן און האָט אַ הויב געטון מיטן קאָפּ אַראָפּצוטרייבן די ראָב, און אין האַרץ האָט ער געטראַכט: „איך קאָן שוין שאָקלען מיטן קאָפּ און איך האָב עס גאָרנישט געוואוסט!"

די ראָב האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, האָט פונאַנדער-

געשפּרייט אירע שוואַרצע פליגל און איז אַוועקגעפלויגן. זי איז געפלויגן און געשאָלטן אַלע, דעם ווייסן מענטש, וואָס זיין קאָפּ איז פון שניי און מען קאָן אים נישט עסן; די יינגלעך, וואָס זייערע קעפּ קאָן מען יאָ עסן, זענען זיי אָבער ווילדע און לאָזן איר זיך נישט שטעלן אויף זייערע קעפּ; זי האָט געשאָלטן די שטערן, די לבנה, זיך אַליין און איר לעבן און די גאַנצע וועלט.

שטיל איז געוואָרן אויפן פעלד. די שטים פון דער ראָב האָט זיך פאַרלוירן צווישן די צווייגן פון די וואַלד-בוימער, וואָס זענען געשטאַנען אין איין זייט פון פעלד. די לופט איז געווען קלאָר. דער הימל ריין. שטייט זיך דער שניי-מענטש אַ שעה, צוויי שעה, קוקט אויף זיין שוואַרצן שאָטן, וואָס צעשפּרייט זיך אונטן אויפן ווייסן שניי, אויף דער לבנה, וואָס אויבן אין הימל, אויפן דערבייאיקן וואַלד און אויפן בית-המדרש, וואָס שטייט פון דער אַנדערער זייט. און, אַז עס איז אים נמאס געוואָרן דאָס שטיין ליידיק, האָט ער אויפגעעפנט דאָס מויל און האָט געגענעצט.

דערנאָך האָט ער זיך אַ טראַכט געטון: „מען דאַרף פּרואוון, אפשר קאָן איך גיין? אויף מיין וואָרט!"

האָט ער אויפגעהויבן די פיס און איז געגאַנגען. זיין שאָטן אויפן שניי גייט און שאָקלט זיך צוזאַמען מיט אים. ביידע הענט הענגען אים אַראָפּ פון ביידע זייטן (ווייל ער האָט זיך נאָך נישט אויסגעלערנט שאָקלען מיט די הענט). ער איז אַריבערגעגאַנגען דאָס פעלד און איז געקומען ביז דער צוים. ער האָט אָבער צעשלאָגן די פיס גייענדיק, איז ער שטאַרק אין כּעס געוואָרן.

אויפן בית-המדרש-הויף האָט ער דערזען דורכן פענסטער אַ טונקל ליכט. ער האָט אָדער נישט געוואוסט, אַז די שויב צעשיידט אים פון צימער. האָט ער אַ דרוק געטון זיין קאָפּ צו דער שויב, און זיין שיינע נאָז, וואָס דער בלייכער און שוואַכער גרשון האָט אים געמאַכט, איז איבערגעפּירט געוואָרן. איז ער נאָך שטאַרקער אין כּעס געוואָרן. „ווייטער — האָט ער זיך

געטראַכט — דאַרף מען זיין זייער פּאָרזיכטיק, מען דאַרף מיט חוקר ודורש זיין, וואָס מען טוט".

איז דער שניי-מענטש אַרומגעגאַנגען אַרום בית-המדרש, און ווייל ער האָט מורא געהאַט אייננצושטעלן זיינע פאַרוואונדעטע פיס און זיין קאָפּ, האָט ער אָנגעהויבן צו באַוועגן מיט די הענט. איז ער געגאַנגען טאַפּנדיק מיט די הענט, אַרומגעגאַנגען אַלע פיר ווענט פון בית-המדרש, ערשט אין מערב-זייט האָט זיך געעפנט אַ טיר. איז ער אַריין אינעווייניק און האָט פאַרמאַכט די טיר.

האָט ער דערזען, אַז אויפן טיש ליגט אַ מענטש אַזוי ווי ער, צוגעדעקט מיט אַ בגד, די אויגן פאַרמאַכט, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט. ער האָט אָבער מורא געהאַט צוצוגיין נאָענט. ער האָט געוואוסט, אַז מען דאַרף זיין פּאָרזיכטיק. איז ער אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן בית-המדרש. זיינע טריט האָבן זיך נישט געהערט, ווייל זיינע פיענטעס זענען צעגאַנגען געוואָרן און פון זיי איז געוואָרן וואַסער. ער האָט באַטראַכט דאָס הויז און אַלץ וואָס אין הויז, דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו דעם שלאָפנדיקן און האָט אים געפרעגט:

— קאָנסטו רעדן? איך קאָן! אויף מיין וואָרט!

דער שלאָפנדיקער האָט אים גאָרנישט געענטפערט, ער האָט נאָר שטאַרק געכראַפּעט. איז דעם שניי-מענטש געוואָרן אומעטיק, האָט ער זיך אָפּגעקערט מיט כעס פון דעם שלאָפנדיקן און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל, ווייל זיינע קרעפטן זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן. און אַז עס איז אים נמאס געוואָרן זיצן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און האָט זיך געוואָלט צולייגן אויפן טיש. ער האָט געזוכט אַ בגד, מיט וואָס צוצודעקן זיך, האָט ער גענומען טאַפּן די בענקלעך און די סלופּעס. דערזעענדיק, אַז מען קאָן זיך מיט זיי נישט צודעקן, איז ער צוגעגאַנגען צו דער מזרח-וואַנט און האָט גענומען טאַפּן דאָס פּרוכת מיט די הענט. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט, וואָס ער האָט געפונען מיט וואָס צוצודעקן זיין נאַקעטן גוף.

האָט ער אַראָפּגענומען דאָס פּרוכת, ערשט הערט ער עפּעס

אַ געוויין פון ארון. עפנט ער אויף דעם ארון, דערזעט ער, ווי דריי ספרי־תורות, צוויי אין די ווינקלען און איינע אין מיטן, שטייען איינגעוויקלט און זייערע שיינע קליידלעך און וויינען און קלאָגן.

— ווי איז אונז, ווי איז אונז, מיר זענען שוין אַלט געוואָרן. וואָס ווייטער ווערן מיר אַלץ מער פֿאַרגעסן פון דעם פאָלק ישראל. אַפילו די גוטע קינדער פוילן זיך אויך צו לערנען אונזער שפּראַך, און דער קומט נאָך און וויל אַוועקגזלנען פון אונז אונזער פּרוכת, דאָס שיינע פּרוכת, ווי איז אונז!

האָט דער שניי־מענטש רחמנות געהאַט אויף די ספרי־תורות און האָט צוריק אויפגעהאָנגען דאָס פּרוכת, און אין האַרץ האָט ער געטראַכט: „איך וועל גיין צו די גוטע קינדער און וועל זיי זאָגן, זיי זאָלן זיך נישט פוילן צו לערנען די תורה און איר לשון, ווייל עס קאָן נאָך, חלילה, אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן די תורה פון ישראל. איך וועל גיין און וועל זיי דערציילן, אַז די ספרי־תורות וויינען שטאַרק".

אַזוי האָט ער זיך געטראַכט און איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן בית־המדרש. ער האָט נישט געפילט, אַז זיין גוף ווערט אַלץ מער צעגאַנגען, אַז דאָס גאַנצע בית־המדרש איז שוין פול מיט וואַסער. פּלוצלינג האָט ער דערפילט, אַז זיין רעכטע האַנט האָט זיך פון אים אָפּגעריסן און איז אַראָפּ־געפאַלן אויף דער ערד, אין שרעק האָט ער אויפגעהויבן די פיס און האָט געוואָלט אַנטלויפן, נאָר איבערלויפנדיק די שוועל, האָבן זיך אים די פיס פאַרטשעפעט און ער איז געפאַלן און צעשיט געוואָרן.

אינדערפרי, ווען די קינדער זענען געקומען אין בית־המדרש, האָבן זיי דערזען, אַז נעבן דער טיר ליגט אַ גרויסע קופּע שניי, און קיינער האָט נישט געוואוסט, ווער האָט דאָס אַהער געבראַכט.

דער פֿילאָזאָף

ער שטודירט פילאָזאָפיע אין דער דירה פון אוניווערזיטעט, און איך האָב מורא, ער וועט נישט ענדיקן אין אַ מזלדיקער שעה, ווי זיינע חברים, איבער צוויי טעמים: איינמאָל, האַלט דאָס געלט אים ביי אויסגיין, צווייטנס, קאָן ער קאַנטן בשום אופן נישט איינבייסן ווי געהעריק.

ס'איז אַ רחמנות, דערציילן זיינע חברים, אים זען זיצן אין סעמינאַריום. ער מאַטערט זיך, נעבעך, שטרענגט אָן זיין שוואַך געהירן, און האָט יאַזאַ טרויעריק אויסזען דערביי. ער האָט שרעקלעך, שרעקלעך דרך-ארץ פאַר דער פילאָזאָפיע, און נישט בלויז פאַר דער פילאָזאָפיע מיט אירע דינע באַגריפן און אונטערשידן אויף אַ האָר, וואָס זיין בוכהאַלטערישער קאָפּ, געוואוינט צו קיילעכדיקע ציפערן, קאָן נישט דערגרינטעווען. ער איז בכלל אַ מענטש אָן עניו און אַ בעל-דרך-ארץ: פאַר די פראָפעסאָרן, פאַר זיינע חברים און בכלל פאַר מענטשן.

נאָר ווי קומט ער צו פילאָזאָפיע?

ס'איז כמעט נישט גלויבלעך. צען יאָר איז ער אָפּגעוועזן בוכהאַלטער, כסדר אַוואַנסירט, פון אַ שיק-יינגל ביז אַן אָנגעזעען חודש-געהאַלט. אַ מענטש אָן חכמות, אָן פוסטער גאווה און נאַרישער באַרימערייִ; אַ מענטש אָן פאַנטאַזיע, וואָס האָט תּמיד געקלערט נאָר וועגן איין הוספה צו זיין געהאַלט, וועגן איין שטאַפּל אויף דער לייטער, נעמט און ווערט פילאָזאָף און הויבט אָן טראַכטן וועגן וועלט-פראַגן, וועגן לעבן און טויט, וועגן דעם זין פון לעבן א. א. וו.

אמת, די דערמאָנטע וועלט-פראַגן האָבן אַ נאַטור צו קומען נישט געבעטענערהייט און קלאַפּן אָפּטמאָל אָן ביי דער טיר פון לעצטן וואַסער-טרעגער, ווי ביי דעם פיין-געבילדעטן. נאָר ווער מאַכט דערפון אַ וועזן? — אָט לויפט דורך אַ געדאַנק דורכן קאָפּ,

און אָט איז ער נישטאָ. אָבער אַוועקוואַרפן צוליב זיי אַ פּרנסה און פאַרן אינמיטן־דערין קיין צי׳ריך צו שטודירן פילאָזאָפיע — דאָס איז שוין באמת אַ זעלטנקייט.

עס האָט אָבער מיט דעם דאָזיקן טיף פאַסירט די זעלטנקייט. אין זיין בראַנזשע האָט ער זיך דערשלאָגן צו דער לעצטער און העכסטער מדרגה, וואָס ווייטער גייט שוין נישט. ער איז געוואָרן הויפּט־בוכהאַלטער מיט אַ געהאַלט פון 130 רובל אַ מאָנאַט, און דאָ האָט ער פּלוצלינג דערפילט אַ פוסטקייט. ער האָט אויפגעהערט צו שטרעבן העכער, און איז פּלוצלינג געבליבן שטיין און דערפילט, אַז זיין לעבן האָט אים אויפגעהערט צו אינטערעסירן.

זיין מוח איז געוואוינט געווען צו דערנערן זיך מיט אַ האָפענונג, מיט אַ פאַנטאַזיע — וועגן אַוואַנסירן. אַז אָט דאָס רעדל איז אַרויסגעפאַלן פון דעם ווערקצייג, איז ער געבליבן אַן אומבאַהאָלפענער מענטש, און האָט נישט געוואוסט, וואָס מען טוט מיט זיך.

ס׳איז אויסגעקומען אַזוי, אַז ער פלעגט שרייבן, עסן, גיין שפּאַצירן און אין קאָפּ ביי אים — פלעגט גריבלען אַן אמת־פילאָזאָפישער געדאַנק: וואָס איז דער תּכלית פון דעם אַלעם? פאַרוואָס מוז איך שטאַרבן אַמאָל, פאַרוואָס־זשע וויל איך דווקא לעבן? קיין ענטפער אויף די פראַגן, פאַרשטייט זיך, האָט זיין אָרעמער קאָפּ נישט געקאָנט געפינען.

נאָר בייטאָג, ווי בייטאָג. ביינאַכט אָבער, ווען ער איז געבליבן אַליין, ווען ער איז שוין געלעגן אין בעט, זענען די פראַגן געקומען, ווי טרויעריקע שוואַרצע שאָטנס און האָבן נישט אָפּגעטרעטן. אַזוי ווי ער איז געווען אַ מעלאַנכאָליקער פון נאַטור, איז אים דערצו באַפאַלן אַן אומגעהויערע שרעק — די שרעק פאַר משוגעת.

איינמאָל האָט ער זיך מישב געווען און איז אַריינגעגאַנגען צו אַ באַקאַנטן יידישן שרייבער פרעגן אַן עצה, ד. ה. אייגנטלעך נאָר פשוט, בעטן ביי אים, „אַזוי ווי ער איז דאָך אַ באַרימטער מאַן״, ער זאָל פאַרענטפערן די פראַגן, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין זיין קאָפּ.

ער איז אַריינגעקומען זייער פֿאַרשעמט, האָט עפּעס גערעדט, נאָר דער שרייבער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין פֿון זיינע רייד, וואָס ער וויל.

— האָט נישט פֿאַר איבל, וואָס איך בין אייך מטריח — האָט ער געטענהט זייער דערשראָקן, און דאָס פּנים זיינס האָט אויסגעדריקט אַזוי פֿיל וויטאָג, אַז דער שרייבער האָט זיך מיט אים פֿאַראינטערעסירט — איך וויל אייך פֿרעגן, איר זאָלט מיר זאָגן דאָס גאַנצע ענין פֿון לעבן, וואָס?

דער שרייבער האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ גוטן און קלוגן בליק און האָט אים אַלערערשטנס געהייסן אויסטון דעם פּאַלטן, זעצן זיך און שמועסן רואיק.

— איר ווילט פֿון מיר אַן ענטפֿער אויף אַלע פֿילאָזאָפֿישע פֿראַגן? — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל: וואָס קאָן איך אייך זאָגן? יעדער מענטש מוז זיך אַליין פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגן. האָט איר שטודירט פֿילאָזאָפֿיע? —

— איך האָב קיין צייט נישט געהאַט — האָט דער בוכהאַלטער זיך פֿאַרענטפֿערט.

און אַרויסגייענדיק פֿון דעם שרייבער, האָט ער באַשלאָסן צו שטודירן פֿילאָזאָפֿיע. ער איז געוועזן זיכער, אַז אין די שווערע ביכער פֿון היינטיקע און פֿאַרצייטיקע פֿילאָזאָפֿן מוז זיך דאָך געפֿינען אַן ענטפֿער, דער ריכטיקער ענטפֿער, אויף די פֿראַגן, וואָס האָבן אים אינטערעסירט, מען מוז זיך נאָר די מי געבן, פֿלייסיק אַרבעטן; פֿון זיין בוכהאַלטערישער פּראַקטיק האָט ער אַרויסגענומען די איבערצייגונג, אַז מיט מי און אַרבעט און אויסגעהאַלטנקייט דערגרייכט מען אַלץ אויף דער וועלט.

געלט האָט ער געהאַט אָנגעזאַמלט שיינע עטלעכע הונדערט רובל, אויף קאַרגן און באַגניגן זיך מיט אַן אָרעם לעבן, קלעקט עס אויף עטלעכע יאָר.

און אין איין פֿרימאָרגן האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיטן פּרינציפּאַל, אַרויפֿגעגאַנגען נאָך אַמאָל צום באַקאַנטן שרייבער און אַרויסגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן פֿילאָזאָפֿיע.

עס זענען דורך יאָרן, ער האָט זיך אָפּגעמאַטערט אַ צוויי

יאָר מיט דעם צוגרייטן זיך צו אַן עקזאַמען אויף אָנגענומען צו ווערן אין אוניווערזיטעט. די וועלט-פראַגן האָבן אים אין דער צייט דערווייל אויפגעהערט צו באַאומרואיקן, און די שרעק נישט משוגע צו ווערן איז פאַרשוואונדן, ווייל דערווייל האָט דאָס געווערק-צייג פון זיין מוח ווידער צוריק באַקומען דאָס רעדל, וואָס האָט דאָרט געפעלט: אַ שטרעבונג, אַ האָפענונג אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען, און ער האָט גאַנץ רואיק געגעסן זיינע אָרעמע מאָלצייטן און גוט געשלאָפן ביינאַכט און גאַנץ פלייסיק געלערנט.

אַז ער איז אָנגענומען געוואָרן אין אוניווערזיטעט, האָט ער ווידער אַמאָל דורכגעלעבט אַ געהויבענעם מאָמענט, אַ גליק-געפיל, וואָס האָט דערמאָנט יענע מאָמענטן, בשעת ווען דער פרינציפאַל פלעגט אים מודיע זיין, אַז ער האָט אים דערהויבן אויף אַ העכערער שטעלע.

און אַט אַזוי לערנט ער שוין עטלעכע יאָר, נאָר אָן גרויסן דערפאָלג, אים דאַכט זיך אַלץ אויס, אַז די ביכער און די פראָפעסאָרן פירן אים אַלץ אַרום און אַרום, און צום עצם-הענין קומען זיי נישט צו. קיינער האָט אים נאָך נישט דערקלערט אויף ריכטיק, וואָס איז דער תכלית פון לעבן.

און צייטנווייז דערוועקט זיך אין אים זיין בוכהאַלטערישער פראַקטישער זין, און ער גיט אַ טראַכט, אַז דאָס גאַנצע מין פילאָזאָפיע איז עפּעס אַזאַ מין געשעפט, געבויט אויף רעקלאַמע, נאָר אָן פעסטן יסוד.

און פונדעסטוועגן האָט ער דרך-ארץ פאַר דער פילאָזאָפיע, נישט אַזוי ווייט דעריבער, ווייל ער האָט אַזאַ גרויסן צוטרוי צו איר, אַז זי ווייסט צו ענטפערן אויף זיין האַרבער פראַגע, נאָר צוליב דעם אַליין, וואָס זי איז אַזוי טיף, אַזוי שווער פאַר זיין קאָפּ, און צוליב דעם, וואָס ער מוז זיך אַזוי אָנשטרענגען, ביז ער באַנעמט דעם אמתן פירוש, דעם ריכטיקן אינהאַלט פון אַ פילאָזאָפישן טערמין.

נאָר דאָס געלט האַלט אים ביים אויסגיין און ער האָט שוין עטלעכע גראָע האָר. ער וויל צוריקפאָרן קיין וואַרשע און אָנבעמען אַ שטעל פון אַ בוכהאַלטער.

ס'איז אַ גרויסער ספק, צי ער וועט באַקומען אַזאַ שטעל, ווי פריער. נאָר עס מאַכט נישט אויס. ער איז גרייט אָנצונעמען אַ שטעל כאָטש פאַר 40 רובל אַ מאָנאַט, און אָנהויבן — צו צוואַנסירן אויפסניי.

נישט קשה — מיט מי און אויסגעהאַלטנקייט דערגרייכט מען אַלץ אויף דער וועלט.

ביי אַן איינזאַמער מצבה

איך האָב אים באַגעגנט אין די בערג, אויפן וועג צו אַן אַלפּן-דאָרף, וואָס ליגט איינגעגראָבן אין אַ שמאָלן פּאַס ביים בערג פון אַ האַסטיקן שטראָם. איך האָב דאָ געוואָלט איבערנעכטיקן, כּדי מאָרגן העכער צו גיין; ער תּאָט ווייטער נישט געוואָלט גיין.

איך האָב באַלד באַמערקט, אַז דאָס איז נישט קיין געוויינלעכער טוריסט. ער האָט דאָס דערמאָנטע דאָרף גוט געקאָנט, האָט ער מיר דערציילט, אַז אין דעם קליינעם אָרט וואוינען אי קאַטאָליקן, אי עוואַנגעליקער, אַז ס׳זענען דאָ צוויי קירכן און צוויי בית-עלמינס, און אַז ער האָט דאָרט באַקאַנטע.

געקומען איז ער פון ווייטן צפון, פון נאָרוועגן, די שווייץ נעפעלט אים נישט. איך זאָל נאָר אַמאָל זען נאָרוועגן: די פיאָרדן, די ליכטיקע נעכט, די דאָרטיקע פעלזן! איך זאָל אים צוזאָגן אויף דעם צווייטן זומער אַהין צו קומען, וועל איך אַליין קאָנען אונטערשיידן.

איך האָב מיר נישט געקאָנט אויסטייטשן, וואָסער מין מענטש דאָס איז, וואָס ער טוט דאָ, און פאַרוואָס, דעריאָגנדיק מיך אויפן וועג מיט זיינע לאַנגע פיס, האָט ער זיך מיט מיר אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס און אַזש מיך געבעטן קומען קיין נאָרוועגן. וואָסער אינטערעס קאָן דאָס האָבן פאַר אים?

איך בין דאָך אַ „רוס"? נישט וואָר? — יאָ, געוויס. אַ ייד פון רוסלאַנד. — נאָר ער האָט אויך אַנדערש נישט געמיינט: עבן, עבן, ער האָט אַ באַקאַנטע געהאַט, איז זי געווען אַ יידיש קינד פון רוסלאַנד... און איך האָב שוין אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די באַגענטשאַפט, וואָס האָט זיך אַזוי גיך געלאָזט פילן צווישן אונז.

איבעריקנס, האָט דער גאַנצער מענטש געמאַכט אַביסל אַ פאַרפרעמדטן, נאָר שטאַרקן איינדרוק: הויך און בלאָנד, ריזיק געבויט, נאָר מיט מאָדנע ווייכע קינדערישע בלאָע אויגן; נאָיוו

אין רעדן, נאָר ענערגיש אין יעדער באַוועגונג, — איינער פון יענע מענטשן, וואָס אין זייערע פּשוטע רייד דאַכט זיך אויס צו הערן אַן אָפּקלאַנג פון לאַנגע און טיפע מאַטערנישן און זוכענישן, וואָס זייער בעסטער בליק און ליבסטער שמייכל פאַלט פונדעסטוועגן שווער און ערנסט, און ציטערט דערנאָך לאַנג אין אונזער זכרון, מאָנענדיק, באַאומרואיקנדיק.

מיר זענען אָנגעקומען אַהין צוזאַמען מיט דער טונקלקייט, בשעת ווען די שנייאיקע שפּיצן אַרום האָבן קוים-קוים נאָך געשימערט גאָר אין דער הויך אין אַ ראָזן אָפּגלאַנץ. איך בין געווען מיד און האָב מיך צוגעגרייט צו אַ שלאָפלאָזער, הייטער-נערוועישער נאַכט. אַ, איך קען די לבנה-נעכט אין די בערג! פאַרנאַכט, די לופט ווערט אָפּגעקילט, פאַרציט זיך דער הימל מיט גראָע נעפּלען; עס דאַכט זיך דיר אויס, אַז אַ געוויטער קומט. נאָר באַלד צעטראָגט דער מינדסטער ווינט די נעפּלען, די לבנה שווימט אַרויס און צעגיסט אַ שיכורע ליכטיקייט. קוקסט אַרויס פון פענסטער, זעסטו די שנייען בלאַנקען אין לבנה-ליכט און פון ווייט און פון נאָענט רופט זיך אָפּ די אַלפּן-מוזיק: די גלעקלעך פון פי, וואָס פיטערן זיך אין דער ווייסער נאַכט אויף די לאָנקעס, און בלאָנקען אַרום אָן אַ מענטשלעך צוזעען, זיי און זייערע שאָטן, באַרג-אויף, באַרג-אָפּ, און קלינגען, קלינגען, קלינגען, און אָן אויפהער רוישן דער שטראָם און די וואַסער-פאַלן. די נאַטור לעבט איצט איר לעבן און זינגט איר קלינגנדיק ליד... אַזוינע נעכט זענען נישט געמאַכט געוואָרן צום שלאָפן. טראָגסט אפשר אין האַרצן אַ שיינע האָפענונג אָדער האָסטו אפשר ערגעץ געלאָזן אויף דער וועלט אַ דיר ליבע און טרייע נשמה, אַ פריינט, אַ געליבטע — טראַכט וועגן זיי, טראַכט אַ גאַנצע נאַכט, ביז צו די ערשטע שטראַלן פון דער זון. נאָר מתים, יונג-פאַרוועלקטע נשמות, זאָלן דאָ רוען און שלאָפן... אָ, איך קען די לבנה-נאַכט אין די בערג!

איך בין געלעגן ווי איינגעשפּאַרט אין מיין צימער, וואָס איז פול געווען מיט לבנה-ליכט; לאַנג-לאַנג בין איך אַזוי געלעגן מיט אָפענע אויגן און איינגעאָטעמט די אויפרייצנדיקע, קילע

און לייכטע בערג־לופט, וואָס פאַרשיפּורט פּונקט אַזוי ווי די העלע ליכטיקייט, פּונקט אַזוי ווי די ווייטע גלעקלעך, וואָס קומען פון הינטן. איך בין אַרויס פון בעט — ס׳איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט — און צוגעגאַנגען צום פענסטער, דערזע איך אַ לאַנגען שאָטן פון אַ מענטש, איך קוק מיך איין, און דערקאָן באַלד מיין נייעם באַקאַנטן, דעם נאָרוועגער. ער האָט געשפּאַנט אין דער ווייסער נאַכט אַריין, קאָנטיק, אָן ציל, פאַרטראַכט, פאַרחלומט.

— אויב איך וועל אייך נישט שטערן — האָב איך אַראָפּגערופן צו אים — וועל איך מיך אָנטון און אַראָפּקומען. ווער קאָן דאָס שלאָפן אין אַזאַ נאַכט.

— גוט — האָט ער געענטפערט קורץ, און אין אַ ווײַלע אַרום מיך צוגערופן:

— נאָר איך ראָט אייך מיטצונעמען די פעלערינע און אַרומוויקלען דעם האַלז. עס בלאָזט אַ קילער ווינט פון די בערג.

איך האָב אים געפאָלגט און בין באַלד געשטאַנען נעבן אים הינטן. ער איז איצט געווען שווייגנדיק, זיין קינדערישער בליק איז געפאַלן נאָך שווערער: דער דאָזיקער מענטש, האָב איך מיר גע-זאָגט, פאַסט אַריין אין דער נאַכט, האָט עפּעס אַ שייכות מיט איר, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך אין זיין האַרץ רוישט עפּעס אָן אויפהער, ווי אַ באַרג־שטראָם, עפּעס לעבט אין אים, זינגט אין אים, און ער קאָן עס נישט באַוועלטיקן, נישט אַריבערשפּאַנען און נישט פריי ווערן דערפון.

אַ פאַרליבטער איז ער געווען אין אַ יידיש מיידל, אַ טויטע, וואָס איז געלעגן דאָ אין דעם דאָרף אויפן עוואַנגעלישן בית-עלמין, אין אַ באַזונדער ווינקל!

ער האָט מיר אָנגעטרויט די טרויעריקע געשיכטע און האָט זי מיר דערציילט מיט דער נאַיווקייט און מיט דעם צוטרוי פון אַ קינד. ער איז זיכער געווען, אַז דער טראַגישער גורל פון דעם מיידל איז פאַר מיין האַרץ נאָענט אַזוי ווי פאַר זיינעם, ווי יעדער גוי, גלויבט ער שטאַרק אין דער סאָלידאַריטעט און

ברידערלעכקייט פון אַלע יידן. זיין געליבטע, מיין שוועסטער, און מיר זענען נאָענטע, אייגענע.

ער האָט מיט אַ יאָר זעקס צוריק שטודירט און צירין און פאַרליבט זיך אין אַ יידיש מיידל. וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ פרויען-וועזן, וואָס האָט דעם פרעמדן מענטש פון וויטן צפון געפאַנגען און באַוועלטיקט אויף אייביק? — ער האָט זי געשילדערט: אַ בלאַסע, ברונעטע, גרויסע שוואַרצע אויגן, אַ שווייגנדיקע און אויפהאָרכנדיקע, מיט אַן אומגעוויינלעכער מעלאָדישער שטים.

— זי איז געווען אינגאַנצן — האָט ער געזאָגט — אַזוי ווי אַ פאַרשלאָסענע האַרפע — אָנגעצויגענע, ציטערדיקע סטרונעס, וואָס האָבן שטיל אין זיך געברומט. זי איז נישט געווען פאַר אַלע, זי איז נישט געווען קיין שיינהייט. זי איז געווען נאָר פאַר דעם, וואָס האָט געהאַט דעם שליסל צו איר האַרץ און האָט געקאָנט די סטרונעס באַרירן. וואָסער טעמפעראַמענט, וואָסער אינערלעך לעבן האָט זיך דעמאָלט אַנטפּלעקט! אַ שווייגנדיקע, אַ פאַר־טראַכטע, אַביסל מעלאַנכאָלישע, — נאָר ווי זי האָט געקאָנט צווישן פיר אויגן לוסטיק זיין און ווי זי האָט געקאָנט רעדן און רעדן און פישטשען אָן אויפהער, ווי אַ פויגעלע. פאַראַן טיפּן, וואָס די נאַטור באַשאַפט נאָר איינמאָל, נאָר איין איינציקער עקזעמפּלאַר. אָט אַזאַ איז זי געווען.

און זי האָט אים ליב געהאַט און האָט זיך אים איבער־געגעבן מיט דער גאַנצער קראַפט פון איר באַהאַלטענעם טעמפּעראַמענט.

זיי האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן, און צו דעם צוועק האָט זי באַדאַרפט שמדן זיך. ס'איז צו באַוואונדערן — האָט ער מיר געזאָגט — אייער צוגעבונדנקייט צו אייער רעליגיע. זי איז דאָך כלל נישט געווען רעליגיעז. נאָר איך, איך אַליין ווייס, וואָסער מאַטערניש דאָס איז געווען פאַר איר, ביז זי האָט זיך באַשלאָסן דערויף. לאַנגע, לאַנגע נעכט איז זי נישט געשלאָפן, לאַנגע טעג איז זי אַרומגעגאַנגען ווי דול, ביז די ליבע, איר ערשטע ליבע, האָט ענדלעך גובר געווען, און זי האָט געפּועלט ביי זיך צו מאַכן דעם שריט.

עס זענען געבליבן די עלטערן, רייכע אינטעליגענטע פּענטשן. זי האָט געהאָפּט צו באַקומען זייער הסכמה, איז עקסטראַ געפאָרן אַהיים צו דעם צוועק, נאָר זייענדיק אין דער היים, האָט זי קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן מיט די עלטערן. עס איז געווען נאָך די יידישע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, און אויך אירע עלטערן האָבן פון אַ פּאָגראָם געליטן, זי איז צוריקגעקומען מיד און צעבראָכן און נישט געוואוסט, וואָס צו טון. לסוף האָט זי אָנגעטרויט דעם סוד איר ברודער, וואָס האָט געלערנט אין בערן, יענער האָט טעלעגראַפירט צו די עלטערן, און דער פאָטער איז באַלד געקומען, און זי האָט אים איר וואָרט געגעבן, אַז זי וועט זיך נישט שמדן.

אַז איר פאָטער איז אַוועקגעפאָרן באַרואיקט, בין איך געקומען צו איר אין צימער און האָב זי נישט דערקאָנט: זי איז געווען שרעקלעך צעטראָגן, בלאַס, טרויעריק.

— וואָס איז דיר, ליבע?

זי האָט מיר די גאַנצע געשיכטע נישט דערציילט, נאָר איך האָב געזען, אַז עס איז נישט גלאַט.

— האָסטו מיך מער נישט ליב?

— אָ, נישט רעד, נישט רעד! איך בעט דיך...

און איר שטים, אירע קושן און אירע אויגן האָבן מיר מער דערציילט פון איר ליבע, ווי מען קאָן דאָס טון מיט ווערטער.

און אָט זענען מיר צוזאַמען געגאַנגען אין די בערג. אָט דאָ אין דעם דאָרף, אין דעם האָטעל, האָט זי זיך פאַרסמט נאָך אַ הייסער-הייסער ליבע-נאַכט.

אין אַ בריוו צו מיר האָט זי מיר די געשיכטע מיט איר ברודער און פאָטער דערציילט; אין אַ צווייטן בריוו צו אירע עלטערן, וואָס זי האָט אינערלעך געליבט, האָט זי זיך מיט זיי געזעגנט און געבעטן, מען זאָל איר קערפּער נישט באַאומרואיקן: דאָ וויל זי באַגראָבן זיין.

אָט דאָס איז די טרויעריקע געשיכטע פון דער יידישער טאָכטער, וואָס ליגט באַגראָבן אין דעם אַלפּן-דאָרף, אויפן צוואַנגעלישן בית-עלמין, אין אַ באַזונדער ווינקעלע.

מיר זענען געגאַנגען און האָבן שפּאַצירט אין דער לבנה־נאַכט, ביז מיר זענען צוגעקומען צו דעם קליינעם בית־עלמין, וואָס אַרום דער קירכע. קליינע מצבהלעך, צלמים האָבן געבלישטשעט אין דער דאָזיקער ליכטיקייט. קורצע האַרציקע אויפשריפטן פון די לעבעדיקע צו די טויטע קאָנט איר לייענען אויף די קליינע מצבהלעך מיט זייער באַזונדערן צנועותדיקן סטיל פון אַ פויערן־פאָלק. מיר זענען צוגעגאַנגען ביז צו אַ געוויסן ווינקעלע: אַ קליינע אייזערנע צוים פון אייזערנע שטאַכעטן, אַ ליגנדיקער שטיין, אַן אויפשריפט פון נאָמען און טאָג פון געבורט און טויט. גאָרנישט מער.

דער נאָרוועגער, נישט שעמענדיק זיך פאַר מיר, האָט אין זיין קינדערישער נאַיווקייט אַנידערגעקניט פאַר דעם קבר, אָנגעלענט זיך מיט די הענט אויף די שטאַכעטן און אַזוי האָט ער געקניט לאַנג, שטום, שווייגנדיק.

און פון וויטן האָבן די גלעקלעך זיך אַלע ווילע אָנגערופן, און די וואַסער־פאַלן האָבן געמורמלט, גערוישט אָן אויפהער.

אַ קרבן פון אומדאַנקבאַרקייט

(דערציילונג)

*) געלערמאַן איז געקומען קיין וואַרשע אין יענער צייט, ווען אין פוילן האָט זיך אָנגעהויבן די השכלה־עפּאָכע. אויף דער פּראָווינץ האָט זיך עפּעס גערודערט, פון צייט צו צייט איז אַן אַנדער שטעטל איבערגעשראָקן געוואָרן פּלוצלינג דורך אַן אַוועקקומען פון עפּעס אַ בחור, וואָס האָט פאַרלאָזט דאָס בית־המדרש, די גמרא, די עלטערן, און טיילמאָל אויך אַ כלה — און איז אַוועק שטודירן. אין וואַרשע האָט זיך אין יענער צייט געפונען אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָבן געשטיצט די אָנגעקומענע, איבערגעטון זיי אין קורצע קליידער, געלערנט פּויליש א. אַז. וו. די פעיקערע פון זיי, אָדער גלאַט אַזוי די, וואָס האָבן געקאָנט די מלאָכה פון קלאַפּן ביי די טירן און האָבן געוואוסט גוט ווי אַזוי צו געפעלן — זיי האָט מען אַ סך מאָל אונטערגעשטיצט און געשיקט קיין אויסלאַנד צו שטודירן אויף ד״ר ראַבינער.

געלערמאַן האָט אָבער נישט געהערט צו די דאָזיקע, וואָס קאָנען קלאַפּן ביי אַלע טירן און ווייסן ווי צו געפעלן. און נאָך אַ האַלב יאָר, ווי ער איז געקומען קיין וואַרשע, האָט ער זיך גענומען אַליין צו פאַרדינען. ער איז אַריין אין אַ געשעפט און האָט געאַרבעט פאַר עסן אין אָנהויב, דערנאָך האָט ער נאָך דערצו באַקומען צוויי רובל אַ וואָך.

קיין תכלית איז דאָס אָבער נישט געווען. דאָס האַרץ זיינס האָט געצויגן צו די ווייטע האָריזאָנטן, וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט אים אויסגעמאָלט נאָך אין דער היים זייענדיק, און ער האָט דאָס נאָר גערעכנט פאַר אַ דערווייל־זאַך, אַבי דורכצוקומען. אַביסעלע אָפּצורוען פון דעם שטענדיקן אַרומשלעפּן זיך אין די גאַסן, פון

---

*) געדרוקט ס׳ערשטע מאָל באַלד נאָכן טויט פון מחבר אין „פּראָגרעס".

דער זאַמלער

דעם קלעטערן אויף די שטיגן און קלינגען ביי די טירן. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז מאָרגן איבערמאָרגן, אין עטלעכע וואָכן אַרום וועט ער אַוועקוואַרפן דאָס געשעפט און וועט זיך נעמען צו דעם, צו וואָס ער איז אייגנטלעך געקומען. דערווייל איז אַזוי אַדורך אַ יאָר און נאָך איינס, און די האָפענונג אין זיין האַרץ האָט אַלץ אָנגענומען מער פאַנטאַסטישע געשטאַלטן.

צו יענער צייט האָט ער באַקומען אַ בריוו פון איינעם אַ באַקאַנטן זיינעם פון זיין שטעטל. אין דעם בריוו האָט זיך, ווי געוויינלעך, גערעדט וועגן השׂכּלה, וועגן דער פינסטערניש אין „די געצעלטן פון יעקב" א. אַז. וו. און אין דעם זעלבן בריוו האָט דער גוטער פריינט דערמאָנט איינעם שמאי געצל, און האָט געשריבן, אַז עס איז אים אַ גרויס רחמנות, צו עסן האָט ער נישט, ער גייט אַרום ממש בלויז, פון לערנען זיך עפּעס קאָן גאָר קיין רעדע נישט זיין, אַזוי ווי ער האָט נישט וואו, און האָט קיין ביכער נישט: געלערמאַן האָט זיך דערמאָנט אין דער צורה פון דעם שמאי געצל — זייער אַ רחמנותדיקע צורה איז דאָס געווען. פאַר אים האָט געשוועבט דאָס דערשלאָגענע פּנים, די אַראָפּגעלאָזטע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט נאָר דעמאָלט, ווען זיי האָבן געברויכט אויסצודריקן, אַז ער, שמאי געצל, איז הונגעריק, אַז עס איז אים קאַלט, און אַז עס איז אַ מצווה אויף אים רחמנות צו האָבן.

און דעמאָלט איז געלערמאַנען צום ערשטן געקומען אין קאָפּ אַריין די אידעע אַראָפּצוברענגען דעם דאָזיקן שמאי געצל קיין וואַרשע און צו מאַכן פון אים אַ מענטש. דער געדאַנק, אַז פון דער אָפּגעריסענער, דערשלאָגענער און אומבאַהאָלפענער בריאה קאָן אַרויסקומען מיט דער צייט אַ ראַבינער אָדער אַ דאָקטאָר, האָט אים אַזוי באַצויבערט, אַז ער האָט גלייך אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין באַקאַנטן, אַז שמאי געצל זאָל קומען.

שמאי געצל איז אָבער געקומען אין אַ מאָדנער מוראַדיקער לאַגע: אָפּגעריסן, באָרוועס, אַ היטל אָן אַ דאַשעק; געלערמאַן, וואָס האָט אים אָפּגעוואַרט ביי דער באַן, האָט זיך אין פלוג דערשראָקן אים דערזעענדיק. נאָך ווידער האָט ער זיך פאָרגעשטעלט

דעם שמאי געצל עלעגאַנט געקליידט, געבילדעט, אייראָפּעיזירט און ווי געווייגליך אין אַזעלכע מאָמענטן, האָט ער זיך צעהיצט און געוואָרן זיכער ביי זיך. ער האָט באַלד גענומען אַ דראָשקע — עס איז געווען אַ חרפה צו גיין מיט אים אויף דער גאַס — און איז מיט אים אַהיים געפאָרן, און אויף צומאָרגנס האָט שוין שמאי געצל אויף זיך געהאַט גאַנצע מלבושים, געווען זאַט, און גענומען זיך לערנען.

שמאי געצל האָט אויסגעוויזן צו זיין גאַנץ פּאַסיוו, אָן עפּעס אַן אייגענעם ווילן. גערעדט האָט ער כמעט גאָרנישט. אַז מען האָט אים געשיקט ערגעץ אויף אַ לעקציע, איז ער געגאַנגען, אַז נישט — איז ער אין דער היים געזעסן און געלערנט די לעקציע: אַפילו קיין ווערט האָט ער נישט אָנגעטון, אַז מען האָט אים נישט דערמאָנט. אינגאַנצן איז דאָס געווען אַ שנאָרערישע, נידעריקע נאַטור, נאָר מיט מיזאַמקייט, געדולד און אַרבעטס־פעיקייט — פון אַ באַגרענעצטן, נאָר געזונטן כאַראַקטער.

אין פאַרלויף פון צוויי יאָר האָט שמאי געצל געלעבט אויף געלערמאַנס רעכענונג. דערווייל האָט שמאי געצל געמאַכט פאָרשריטן, אַריין אין דיקשטיינס שול, וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט אין וואַרשע און געשמט אין גאַנץ פּוילן. ביסלעכווייז האָט ער זיך אויסגעלערנט צו קלאַפּן ביי די גרויסע טירן, די רחמנותדיקע צורה, מיט וועלכער די נאַטור האָט אים ווי ספּעציעל פאַרזאָרגט, כדי ער זאָל נישט פאַרלוירן ווערן אויף דער וועלט, האָט אים דערביי נישט ווייניק געהאָלפן. ער האָט באַקומען שטיצע, און גלייך דערנאָך איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד אויפן חשבון פון אַ גביר.

און געזעגנדיק זיך מיט אים, האָט געלערמאַן אינגאַנצן געלויכטן פאַר נחת, און שמייכלענדיק האָט ער געזאָגט:

— נו, שמאי געצל, זע, דו וועסט דיך נאָך אַמאָל מיט מיר שעמען...

און שמאי געצל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי פאַרשעמט, און האָט געזאָגט מיט אַ בעטנדיק, כמעט וויינענדיק קול:

— איר זענט דאָך מיין אויסלייזער, וואָס וואָלט

איך געטון אָן אייך? איר האָט דאָך מיך אַרויסגעראַטעוועט...

און יאָרן זענען פאַרגאַנגען. געלערמאַן איז אַלץ מער איינגעשפּאַנט געוואָרן אין יאָך פון לעבן, מער פאַרדינט און מער פאַרבראַכט. מיט דער צייט האָט ער אויך שוין חתונה געהאַט, קינדער געהאַט, דאָס ווייב איז געשטאָרבן, דאָס לעבן האָט געדריקט, געיאָגט, געמאַכט אים פאַר אַ קליין רעדל, וואָס דרייט זיך צווישן דעם געטומל פון די אַלע אַרומיקע מאַשינען, וואָס לויפט און יאָגט זיך אָן אייגענעם ווילן, אָן אייגענעם נחת. בטבע אַ געלאַסענער, פאַרקלערטער, איז ער געוואָרן איצט אַ מרה־שחורהניק, אָן לוסט, אָן נחת אין לעבן. אין האַרץ זיינעם זענען נאָך נישט פאַרלאָשן געוואָרן זיינע אַלטע האָפענונגען וועגן „השכלה", וועגן אַ פריי אויפריכטיק לעבן, וואָס ער האָט זיך אַמאָל פאָרגעשטעלט. פון דעם אַלעם איז גאָר נישט געוואָרן, און דערווייל איז דאָס לעבן שווער, און ווערט שווערער פון טאָג צו טאָג. און דאָס לעבן האָט קיין שום ציל נישט, שטעלט איין רגע נישט צופרידן. עס שלעפּן זיך טעג נאָך טעג, יאָרן נאָך יאָרן, און ברענגען גאָרנישט חוץ־דאגות, פאַריאָגעניש און מאַטערניש.

און אָט, אין די שווערסטע, אומעטיקע מאָמענטן פון זיין לעבן, אַז אַלץ איז אים דערעסן און פאַרמיאוסט געוואָרן, האָט זיך אין זיין האַרץ אָנגערופן עפּעס אַ צופרידן געפיל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן שמאי געצל, וואָס האָט שטודירט אין אויסלאַנד אין אוניווערזיטעט און האָט זיך שוין פאַרגעברייט צו קומען צוריק קיין פוילן אַלס דאָקטאָר — און עפּעס מאָדנע לינדער איז אים געוואָרן. אָט האָט ער נישט בחנם געלעבט, פאָרט עפּעס געטון אויף דער וועלט.

אַמאָל פלעגן צו געלערמאַנען אַריינקומען עפּעס באַקאַנטע, וואָס ער האָט נישט ליב, נישט פיינט געהאַט. מען האָט געשפּילט דערדע, אָנגערויכערט אַ פולע שטוב, די קינדער האָבן זיך דער־ווייל געוועקט, און מען איז אָפּגעזעסן ביז נאָך האַלבער נאַכט. טיילמאָל האָט מען אויך געטרונקען דערביי ביר, בראָנפן,

געלערמאַן, וואָס האָט בטבע געהאַט אַ שוואַכן קאָפּ, האָט זיך באַלד צעהיצט, געוואָרן באַרוישט אַביסל, זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן בלישטשען, און מיט אַ הייזעריק קול האָט ער אויסגעשריגן:

— וואָס טויג מיר דאָרט די מעשיות! ווייסט איר, שמאי געצל איז אַ דאָקטאָר, ווי איך בין אַ ייד! אַ דאָקטאָר! שמאי געצל, אָט דער זעלבער, וואָס איך האָב אַראָפּגעבראַכט אַן אָפּגעריסענעם פון שאָקוקע.

קיין בריוו האָט ער פון שמאי געצל די לעצטע צייט נישט באַקומען. און ער האָט אים אויך נישט באַשולדיקט דערפאַר. עפּעס אַ קלייניקייט אַן עקזאַמען אויסצוהאַלטן אויף דאָקטאָר! ער איז מן-הסתם פאַרטון, האָט קיין צייט נישט. דערפאַר, אַז ער וועט קומען קיין וואַרשע, ווי וועלן זיי זיך פרייען, און ווי אָנגענעם וועט דאָס זיין צו האָבן אַ מענטש, אַ גוטן פריינט, אַ האַרץ-מענטש, און דערצו אַ געבילדעטן — אַ דאָקטאָר! און געלערמאַן האָט אָנגעהויבן צו ציילן די וואָכן, וואָס זענען נאָך געבליבן ביז צום סוף זומער, ווען זיין חבר, וואָס האָט שוין איצט געהייסן דאָקטאָר באַרגער, וועט קומען, און עפּעס אַ מאָדנע פרישקייט האָט ער געפילט אין זיך, נייע האָפענונגען זענען אויפגעגאַנגען אין זיין האַרץ.

אין דער לעצטער צייט האָט געלערמאַן כמעט וועגן קיין שום אַנדער זאַך נישט געקלערט און נישט געקאָנט קלערן, ווי נאָר וועגן דער איינציקער זאַך, וואָס האָט אים נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן. ווי זעט איצט אויס שמאי געצל, ווי וועט ער זיך מיט אים באַגעגענען, ווי וועלן זיי רעדן, און ווי ער וועט זיצן ביי אים. דאָס אַלץ האָט אים דערפילט זיין גאַנצע אינערלעכע וועלט, און מיט אומגעדולד האָט ער שוין געוואַרט אויף דעם גליקלעכן טאָג...

— — — — — — — — — — — — — —

וואָס איז געשען? צי איז די וועלט עפּעס אַן אַנדערע, נישט די, וואָס ער, געלערמאַן, קאָן, אָדער האָט זיך ביי אים

עפּעס און מוח געפּלאָנטערט און ער פֿאַרשטייט נישט, גאָס ס׳טוט זיך אַרום?

געוואוסט האָט ער, אַז דאָקטאָר באַרגער איז אין וואַרשע; געוואוסט האָט ער, אַז ביי די אַלע גבירים, וואָס האָבן אים געשטיצט, איז ער געווען; ער האָט געוואוסט אַפילו, וואו ער וואוינט, און אַז ער האָט גלייך באַקומען אַ שטעלע, אַלס אינזשעניער-מעכאַניק, און פֿאַרדינט 150 רובל אַ חודש; אַלץ, אַלץ האָט ער נאָכגעפֿאָרשט און געוואָר געוואָרן: וואו ער עסט, וואו ער פֿאַרברענגט דעם טאָג, און אַז ער גייט שבת אין דער סינאַגאָגע אַריין, און ווי ער גייט פֿאַרקעמט און געגאָלט א. אַז. וו. און דאָך האָט ער גאָרנישט פֿאַרשטאַנען, לגמרי גאָרנישט.

וואָס איז געשען?

אין אמת אַריין איז גאָרנישט געשען. דאָקטאָר ב. האָט נאָר זיין אונטערשטיצער פֿאַרגעסן, און אַז איינער פֿון זיינע באַקאַנטע, וואָס האָט צופֿעליק אויך געוואוסט זיינע באַציאונגען צו געלערמאַנען, האָט אים אָן דעם דערמאָנט, איז ער לכתחילה בלייך געוואָרן, דערנאָך האָט ער געצויגן די וואָנסעס און האָט געזאָגט אויף פּויליש:

— אָ, דעם, האָב איך אַמאָל געקאָנט. נאָך וואָס פֿרעגט איר אייך?

ער האָט זיך געשעמט אָדער גלאַט מורא געהאַט צו באַגעגענען זיך מיט געלערמאַנען. ער האָט איצט געשטרעבט אָנגענומען צו ווערן אין די רייכע סאַלאָנען; דאָס איז געווען די איינציקע אויפֿגאַבע פֿון זיין לעבן. און אַלץ וואָס האָט געקאָנט אויף וואָסער עס איז אופֿן שטערן אים אין דער הינזיכט, פֿון דעם האָט ער זיך דערווייטערט, ווי פֿון עפּעס אַן אומגעהויער אומגליק.

געשען איז אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך, נאָר געלערמאַן האָט זי נישט באַגריפֿן, און עפּעס אַ מאָדנער טומל איז ביי אים געוואָרן אין קאָפּ, אַלץ האָט זיך איבערגעקערט, ער האָט שוין קיין שום זאַך מער נישט פֿאַרשטאַנען, נישט געטרויט. די מרה שחורה איז אַלץ מער אָנגעפֿאַלן אויף אים און האָט אים

געקוועלט ביטאָג, נישט געלאָזט שלאָפן ביינאַכט. ער האָט פאַר־
געסן, וואו ער האַלט אויף דער וועלט.

און אַרומשלעפנדיק זיך אַמאָל אין אַ טריבן האַרבסט־טאָג אין די גאַסן, האָט געלערמאַן דערזען פון ווייטן אַ מאַן מיט אַ הויכן צילינדער אויפן עלעגאַנטן, פיין־אויסגעפוצטן יונגען קאָפּ, גייט שטאָלץ קעגן אים, און נענטער צוקומענדיק צו אים, האָט ער דערקאָנט שמאי געצלען; די רחמנותדיקע צורה זיינע איז אַלץ נאָך געווען די זעלבע און האָט אַרויסגעקוקט פון אונטער דעם צילינדער. געלערמאַנען האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם, ער האָט קוים געשלעפּט די פיס. וואָס וועט דאָ געשען?

ד״ר באַרגער האָט געוואָרפן אויף אים אַ בליק, עפּעס אַ מאָדנע אומזיכערן בליק. ער איז בלייך געוואָרן, עס איז קיין ספק נישט געווען, אַז ער האָט אים דערקאָנט, נאָר ער האָט זיך באַלד באַרואיקט, געגעבן אַ מאַך מיטן שטעקן, און אַוועקדרייענדיק דאָס פּנים אין אַ זייט, איז ער פאַרביי געגאַנגען.

געלערמאַן איז געבליבן שטיין אויפן אָרט, און האָט געפילט, אַז ביים האַרץ האָט אים עפּעס אַ העפטיקן צופּ געגעבן, דערנאָך איז ער אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, דער־נאָך האָט ער שוין גאָר נישט געקלערט און גאָר נישט געדענקט.

„איך בין אַ ייד צי אַ פּאָלאַק״ ?

אין פענסיאָן איז אַזוי ווי אין וואַגאָן. די קומען אָן, יענע גייען אַרויס, מען כאַפּט אַ שמועס אויף אַ ווײַלע, מען מאַכט אַ באַקאַנטשאַפט, וואָס דויערט עטלעכע טעג, און קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט קיינעם, וואָס און ווער ער איז.

עס איז אַ לעבן פון זומער-פויגעלעך. גרינג און גיך, און עס לאָזט קיין שום איינדרוק נישט.

נאָר דער קליינער סטאַש האָט אַ בעסער מזל געהאַט. איך מיין: זייער פיל פון די טיש-געסט געדענקן אים נאָך איצט יעדער אין זיין היים. אָט האָב איך אים נישט פאַרגעסן.

אַ געזונטער ברוינער יונג פון אַ 6-7 יאָר מיט שוואַרצע, ברענעדיקע אויגן, טיילמאָל אַביסל איבערגעשראָקענע — אַזוי ווי די אויגן פון זיין ראַסע. שטענדיק אָנגעטון אין אַ לייכטן באָד-קאָסטיום, מיט נאַקעטע הענט און פיס, פאַרברענט פון דער זון, און שטענדיק פאַרטון, פאַרשפּילט. אַ קליינער דערפינדער פון נייע שפּילעכצן. אַן אומרו אויף דער פרייער לופט, נאָר ביים טיש — דאָס רואיקסטע קינד. ער זיצט, עסט און רעדט, ווי אַ דערוואַקסענער, עס געדויערט אים נאָר אַביסל צו לאַנג. אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט פון דערוואַקסענע פילט ער זיך נישט אין דער היים. נאָר — פאַרפאַלן! ער איז אַ קינד מיט געזונטע נערוון, מיט פאַרשטאַנד, און קאָן איבערטראָגן.

און די געסט האָבן אים ליב, קוועלן אָן פון אים.

ער ווערט דער ערשטער באַגריסט אינדערפרי פון אַלע געסט, און פון אַלע זייטן דריקט מען אים אויס סימפּאַטיע, און צוליב אים זוכט מען אויך די באַקאַנטשאַפט מיט זיינע עלטערן: אַ יונג פּאָרפאָלק פון גאַליציע.

ער — אַ יונגער אַדוואָקאַט; זי — אַ יונגע שיינע ברונעטע דאַמע. אַ יידיש פּאָרפאָלק, נאָר, פאַרשטייט זיך — אַסימילירט.

פון זייער יידישקייט ווייס איך נאָר אַליין, אָבער נישט אויף צו רעדן דערפון. אַ פּענסיאָן איז נישט דאָס אָרט, וואו מען זאָל דעבאַטירן וועגן דער פּאַרוויטיאָגטער יידישער פּראַגע. די מענשען זענען דאָך געקומען אָפּרוען.

אַ שאָד איז מיר נאָר דאָס קינד, אַ קליינער קאַנדידאַט אויף אַ משומד. וואָלט נאָר דאָס מיאוסע און שוואַכע אַוועק־געגאַנגען פון אונז! ליידער, איז עס נישט אַזוי.

און דער יונגער סטאַש דעראָבערט וועלטן. ער איז מיט זיינע עלטערן אַרויפגעקראָכן אויף אַ הויכן באַרג, וואָס נישט יעדער דערוואַקסענער מענטש גייט אַרויף צו פיס, און ער איז צוריקגעקומען פון דעם שווערן וועג פריש און געזונט. דער בעל־הבית פון פּענסיאָן האָט אים ביים טיש דערלאַנגט בלומען. און די געסט לאָזן אים נישט אַ רגע צורו.

ער איז דער העלד ביי אונז — אַ קליינער העלד.

* *
*

איך האָב מיך מיט דער פאַמיליע באַקאַנט, ווען מיר זענען עטלעכע טעג צוזאַמען געגאַנגען אין די בערג צווישן שניי און אייז. אַזאַ כוח האָט שוין די ריזיקע נאַטור, אַז זי מאַכט דעם מענטשן אָפנהאַרציקער. ביי דעם גערויש פון די וואַסער־פאַלן האָט ער זיך נישט געשעמט מיר צו דערציילן אַפילו וועגן זיין יידישקייט.

דער פאָטער זיינער איז אַ רייכער אָנגעזעענער ייד, וואָס פירט אַ יידיש הויז. צוויי ברודער זענען געשמדט, איינער איז אַ ציוניסט. אויף פסח צום סדר קומען זיך אַלע קינדער צוזאַמען, די משומדים אויך. זיי האָבן נישט געפונען קיין רו אין דער שויס פון דער נייער אמונה. די אַלטע מאַמע, אַז זי דערזעט זיי, ווישט שטילערהייט די אויגן, דער אַלטער אָבער מאַכט זיך נישט וויסנדיק, און מען פּראַוועט צוזאַמען אַ סדר.

די יונגע דאַמע ווידער איז שוין פון אַן אַסימילירט הויז,

אויפגעצויגן אויף דער פוילישער קולטור, אין איר פּאַטערס הויז האָט מען דעם סדר אָפּגעפּטרט מיט שפּאַס. יידישקייט הייסט ביי איר פּאות און שטריימל און סאַדיגורע, און דאָס האָט זי פיינט: אַ יידישע אַנטיסעמיטקע אָן שום אויסרעדעניש.

איך האָב מיר דערלויבט צו פרעגן די יונגע דאַמע, צי צום סדר ביי אירע שוויגער-עלטערן נעמען זיי מיט דעם יונגען סטאַש, אונזער קליינעם העלד.

ווייזט זיך אַרויס, אַז אָט די פראַגע האָט דעם יונגען פּאַרפּאָלק געקאָסט געזונט.

די מאַמע וויל נישט, אַז דאָס קינד זאָל האָבן יידישע איינגעבאַקענע איינדרוקן פון זיין קינדהייט, ווייל ד אָ ס, טענהט זי, וועט אים שטערן אין זיין לעבן. זי וויל נישט אויפהאָדעווען אַ צעבראָכענעם גוי, ווי אירע שוואָגערס די משומדים, וואָס ווען עס קומט פּסח, לאָזט עס זיי נישט רוען אין עס ציט זיי, ציט צו דער היים און צום סדר. זי וויל אויפהאָדעווען אַ גוי, אַ גאַנצן גוי אָן חכמות. זאָל ער נישט וויסן, וואָס פּסח איז, און זאָל ער דערנאָך נישט בענקען. זי וויל דעם קליינעם סטאַש צוגרייטן צו דער משומדישער קאַריערע. אירעטוועגן וואָלט אַמבעסטן געווען דעם קליינעם טאַקע שוין אָפּשמדן. נאָר איר מאַן איז אַליין אַזאַ פאַרבענקטער און צעבראָכענער ייד, וואָס לויפט אַהיים צום סדר. גיי טו מיט אים עפּעס!

דאָך צום סדר האָט מען סטאַשן נישט מיטגענומען. ער איז געבליבן אין דער היים מיט דער דינסט.

און ביידע עלטערן זענען געבליבן נישט צופרידן:

אַ קינד מוז דאָך האָבן עפּעס איינדרוקן, וואָס זאָלן אים פאַרבלייבן, עפּעס רעליגיעזע צערעמאָניעס, אַביסל פייערלעכקייט, אַ יומטובדיקע שטימונג, און סטאַשן פעלט דאָס, דאָס פאַרשטייען זיי ביידע, נאָר בנאמנות: די מאַמע פון דעם קינד טראַכט שוין לאָגישער.

נאָר דער יונגער אַדוואָקאַט האָט אַ ברודער אַ ציוניסט, צוויי ברודער משומדים, וואָס פילן זיך לגמרי נישט גוט אין זייער נייער לאַגע, און ער אַליין קלויבט בשעת די

וואַלן אַ סאָציאַליסט, כּדי צו דערשטיקן זיין יידיש געוויסן.

און שטיל רוימט ער מיר איין: די אַסימילאַציע האָט באַנקראָטירט.

דאָס הייסט, אייגנטלעך, ער אַליין האָט באַנקראָטירט. נאָר דערפון גיט ער זיך קיין דין־וחשבון נישט אָפּ.

איבעריקנס, איז ער אַ פּאַרנומענער מענטש, פון די פּאָליטישע רעדל־פירער, די ציוניסטישע ווי די אַסימילאַנטישע, האַלט ער נישט. צופיל ווערט געשווינדלט אין גאַליציע, די פּאָלאַקן זענען אַנטיסעמיטן, קלויבט ער אַ סאָציאַליסט, כאָטש בטבע האָט ער מורא פאַר די סאָציאַליסטן.

אָט אַזוי וואַקסט אויף דער קליינער סטאַש, אַ יונג, פריש און געזונט בוימל, און ווייסט נעבעך נישט, אַז איבער זיין אומשולדיק קעפּל שוועבט שוין די יידישע פראַגע אין איר גאַנצער שאַרפקייט.

און אפשר ווייסט ער יאָ, קינדער טראַכטן פיל ערנסטער, ווי מיר מיינען. זיי הערן זיך נישט איין, ווען מיר פּלאַפּלען. ווען מיר רעדן נישט פון האַרץ. צו אַן ערנסט געשפּרעך לייגן זיי שטענדיק צו קאָפּ און אויער, און די אויגן זייערע בלאַנקען דעמאָלט פון נייגיריקייט.

מיר זענען אַמאָל געגאַנגען צוזאַמען באַרג־אויף און מיר האָבן געשמועסט וועגן יידן. סטאַש האָט אונז געוויינלעך מיט זיינע יונגע פיסלעך איבערגעיאָגט. נאָר דאָס מאָל איז ער געגאַנגען מיט אונז צוזאַמען, און עס איז אונז נישט איינגעפאַלן, אַז ער הערט זיך איין צו אונזער שמועס. פּלוצלינג הויבט ער זיך אָן צו לאַשטשן צום פאָטער, נעמט אים פאַר דער האַנט און שיסט אַרויס מיט אַ פראַגע?

— פּאָוויעדז מניע, טאַטושו, יאַ יעסטעם פּאָלאַק טשי „זשיד”?

(זאָג מיר טאַטעשי, איך בין אַ פּאָלאַק צי אַ ייד?)

אַ מאָדנע פראַגע! דער יונגערמאַן האָט אָנגעקוקט זיין פרוי, איך — זיי ביידע. סטאַש אָבער האָט געבעטן אַן ענטפער, ער האָט געוואָלט וויסן, ס'איז געווען אַ פראַגע פון זיין לעבן, און ער האָט נישט געוואוסט.

— „ניעך מי טאַטוש פּאָוויע (זאָל מיר דער טאַטע זאָגן)".

דער פאָטער איז געבליבן אין אַ שטיקל פאַרלעגנהייט. ס'קאָן זיין, אַז איך וואָלט נישט געווען דערביי, וואָלט ער געענטפערט: „פּאָלאַק", נאָר מיר צוליב האָט ער געענטפערט:

— „טי יעסטעש זשיד-פּאָלאַק (דו ביסט אַ ייד-פּאָלאַק)".

נאָר סטאַש האָט דעם ענטפער נישט פאַרשטאַנען. עס האָט ביי אים געהייסן גלייך, ווי מען וואָלט אים געענטפערט: הייס-קאַלט, שוואַרץ-ווייס און דאָס גלייכן. ער האָט געוואוסט, אַז עס זענען פאַראַן צוויי קאַטעגאָריעס מענטשן: איינע אַ בכבודיקע, אַ העכערע, אַ צווייטע אַ נישט בכבודיקע, אַ נידעריקע, וואָס ס'איז אַ שאַנד אַזוינס צו זיין. מיט אַזוינע באַגריפן איז ער געווען אויפגעצויגן, און זיין פראַגע איז געווען: איך בין אַן אומגליקלעכער, צי אַ גליקלעכער, מיר איז גוט, צי שלעכט?

דו ביסט אומגליקלעך — גליקלעך, דיר איז גוט-שלעכט, דו ביסט אַ ייד-פּאָלאַק... אַ קינדערישער מוח איז נאָך נישט אויף אַזוי פיל פאַרדאָרבן, כדי דאָס צו פאַרשטיין.

און ער האָט פּראָטעסטירט און געוואָלט דווקא אַן ענטפער.

— זאָל מיר דער טאַטעשי זאָגן אין אמתן אַריין...

די מוטער האָט געענטפערט מיט אַ האַרטער בייזער שטים:

— „טי יעסטעש פּאָלאַק (דו ביסט אַ פּאָלאַק)", און סטאַש האָט מער נישט געפרעגט. ער איז נאָכגעגאַנגען שטיל און פאַרטראַכט.

נאָר דערמיט האָט ער זיך נישט באַרויקט.

אויף דער נאַכט, אַז מיר זענען שוין געקומען צוריק פון וועג, און מיר האָבן שפּאַצירט אין דרויסן, באַמערק איך, אַז סטאַש פּלאָנטערט זיך נעבן מיר און וויל מיך כאַפּן אַליין. איך בין אַוועק אין אַ זייט, דער קליינער איז באַלד געווען נעבן מיר און האָט מיך געפרעגט שטילערהייט, בסוד:

— „ניעך מי פּאַן פּאָוויע נאַפּראַוודען, יאַ יעסטעם זשיד טשי פּאָלאַק (זאָל מיר דער הער זאָגן די וואָרהייט: איך בין אַ ייד, צי אַ פּאָלאַק)?"

אָרעם קינד! ס'איז מיר אַ רחמנות געוואָרן צו זאָגן

אים די וואָרהייט, וואָס וואָלט געהייסן ביי אים, אַז טאַטע-מאַמע געגאַרן אים.

איך האָב אים אויפגעהויבן און געקושט אין שטערן אַריין.

— „ניעך מי פאַן פּאָוויע..." — האָט ער נאָכאַמאָל געפרעגט.

— דו ביסט אַ קלוג, גוט קינד — האָב איך געענטפערט — און אַז דו וועסט גרויס זיין, וועסטו אַליין שוין זען...

און ער איז אַוועק פון מיר ברוגז און אומצופרידן, די לעצטע האָפענונג זיינע צו באַקומען אַ ריכטיקן ענטפער האָט אים אויסגענאַרט.

יענעם אָוונט האָט ער זיך מער נישט געשפילט.

די יידישע פראַגע האָט אים באַגלייט אויף זיין גאַלעגער.

אין אַ יידיש געוועלב

עס איז געווען אַ ברענענדיקער פראָסט און אַ שטאַרקער ווינט. די פייערן פון די לאַמטערנס האָבן געציטערט, און פון יעדן בלאָז פון ווינט האָבן מיר דערפילט — איך און מיין באַגלייטער — ווי די הויט פון אונזערע געזיכטער וואָלט מיט שאַרפן גיפט באַרירט געוואָרן. מיר איילן גיך אַהיים, צו זיך אין וואַרעמען צימער אַריין. איך דערמאָן מיך אָבער, אַז איך האָב קיין פּאַפּיראָסן נישט און זוך אַ געוועלב.

— אָט איז אַ קראָם — ווענד איך זיך צו מיין באַגלייטער — איך וועל אַריינגיין קויפן פּאַפּיראָסן...

— אָבער שנעל! איז נישט צופרידן מיין חבר.

— קום אויך אַריין — לאַד איך אים איין — צו וואָס זאָלסט דו דאָ שטיין און פרירן? — זאָג איך, ווויסנדיק, אַז דער פראָסט פאַרשאַפט אים נישט קיין פאַרגעניגן.

— גיי און קום גיך אַרויס! — רעדט ער צו מיר מיט אַ באַפעלונגס-טאָן און שטאַמלט פון קעלט — גי— גי — כער!

איך קען מיין באַגלייטער און ווייס, אַז ער האָט נישט ליב אַריינצוגיין מיט וועמען עס איז אין אַ שטוב אָדער אין אַ קראָם, ווען ער אַליין דאַרף דאָרט גאָרנישט האָבן, זיך מיטצושלעפן סתם אין דער וועלט אַריין מיט אַ חבר — דאָס איז נישט זיין טבע.

איך בין אַריינגעגאַנגען. און צומאַכנדיק הינטער זיך די טיר, האָב איך געזען, ווי מיין חבר טאַנצט אונטער אויף זיינע פיס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו פרירן פון דעם פאַרפרוירענעם טראָטואַר.

— אַ גוט-האַרציקער בחור — טראַכט איך ביי זיך — נישט קיין נאַר, לעבעדיק, פריילעך... אָבער בלאַס און שוואַך; מאָגער, ווי אַ טראָפּן בלוט, ווי ס'רוב פון אונזער יונגוואַרג, אָט ציטערט

ער איצט שטאַרק פון קעלט — דער ריכטיקסטער סימן פון בלוט־אָרעמקייט. איך וועל אַרויסגיין, וועל איך אים געבן אַן עצה, ער זאָל טרינקען „פיש־אייל"...

איך גיב אַ בליק מיטן אויג צום אָרט, וואו עס ליגן די קעסטלעך פּאַפּיראָסן: אַ משונהדיקע צעמישעניש! רויטע, ווייסע, גרינע, בלאָע, קעסטלעך ליגן צעוואָרפן אין פאַרשידענע זייטן, ווי אַ מחנה מייז וואָלטן דאָרט אַ מלחמה געהאַלטן און איבערגעלאָזט אַזאַ איבערקערעניש און אַן אומאָרדענונג...

הינטערן בופעט שטייט דער קרעמער: אַ קליין־געוויקסיקער, גרייז־גראָער ייד, אָנגעטון אין אַ צעקנייטשט סאַמעטן היטל מיט אַ גראָבן האַלב־זיידענעם גאַרטל איבער דער לאַנגער שוואַרצער קאַפּאָטע; אין צווייטן ווינקל נעבן די פּאַפּיראָסן שטייט זיין ווייב, אַ יידענע, פאַרעלטערט פאַר דער צייט, און שטריקט אַ זאָק. נעבן בופעט שטייט ציטערנדיק פון קעלט אַ צעניאָריק מיידעלע און רייבט זיך די האַלב־אָפּגעפרוירענע הענט.

— צען פּאַפּיראָסן „קאַבינעט" — זאָג איך.

דער קרעמער גלייכט זיך אויס, נעמט אַרויס די הענט פון די קעשענעס און מיט אַן אויסגעצויגענעם ניגון, לויט דעם וואַרשעווער נוסח, פרעגט ער:

— וואו־ע (וואָס)?

איך זאָג אים נאָך אַמאָל.

— פּאַפּיראָסן? — פרעגט ער מיט אַ לשון בתמיה — ס'אַרענע?

איך זאָג איבער נאָך אַמאָל דעם נאָמען פון די פּאַפּיראָסן און בין זיך מכוון צו זאָגן וואָס העכער; איך האָב זיך דערמאָנט אַן מיין חבר, וואָס ציטערט אין דרויסן פון קעלט.

— „קאַבינעט"? — פרעגט ער אויפסניי נאָך מיט אַ גרעסערער בתמיה, ווי איך וואָלט אים דערציילט, אַז דער שור הבר שפּאַצירט אַרום איבער די גאַסן. — שרה! — שרייט ער צו זיין ווייב — גיב גיכער דעם הער אַ פּעקל פּאַפּיראָסן!

איך גיי צו נענטער צו דער קרעמערקע און וואַרט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. דורך דעם פענסטער, וואָס איז נאַדעקט מיט אייז, זע איך, ווי אַ מענטשן־געשטאַלט שפּאַצירט

האָסטיק אַהין אין צוריק און איך בין זיך משער, אַז מיין חבר מוז שוין זיין גוט אין כּעס אויף מיר. איך האָב גלייך געוואָלט צוגיין צו דער טיר און אַריינרופן מיין חבר, אָבער די קרעמערקע האָט דאַן אָוועקגעלייגט דעם זאַק פון האַנט און אויפגעהויבן אירע אויגן גראָד קעגן מיינע, — אַ גוטער סימן!

זי הייבט אָן אויפסניי מיך אויסצופרעגן:

— וואָס וויל דער הער?

— צען „קאַבינעט"...

„קאַבינעט"? — פרעגט זי איבער מיט אַ שוואַכערער שטימע, ווי זי וואָלט רעדן פון חלום.

— קאַבינעט, קאַבינעט! גיכער! — ווער איך ביסלעכווייז אין כּעס, אָבער איך גיב אַ קוק דער קרעמערקע אין די אויגן: גאָט, וויפיל דומהייט און וויפיל שמערץ!

— האָט רחמנות — בעט איך זיך ביי איר — גיט מיר שוין די פּאַפּיראָסן! מען וואַרט אויף מיר; אין דרויסן איז אַזאַ שטאַרקער פראָסט...

— אַ שטאַרקער פראָסט — שלאָגט מיר די קרעמערקע איבער מיינע רייד — פאָריק יאָר איז נאָך אין דער צייט געווען וואַרעם; אַ שווערער ווינטער...

איך האָב מורא געהאַט, דער מאָנאָלאָג אירער זאָל זיך נישט פאַרציען צו לאַנג. נאָך אַ מינוט, און זי וועט שוין רעדן וועגן די גרויסע פרעסט פון סיביר און וועגן דער גרויסער מלחמה, וואָס דאַרף באַלד אויסברעכן... און איך בעט זיך ביי איר:

— אָבער האָט רחמנות, גיט מיר די פּאַפּיראָסן. איך האָב נישט קיין צייט...

— „קאַבינעט" — זאָגט זי ווידער מיט אַ ניגון פון אַ פראַגע און ענטפער צוזאַמען, און דערנענטערט זיך מיט מזל צו די פּאַפּיראָסן.

איך זע נישט, וואָס דאָרט טוט זיך, נאָר איך הער, ווי די פּעקלעך פּאַפּיראָסן פאַלן און אַ שטים רופט דאָס געפרוירענע מיידעלע.

— חנהלע! קום אַהער און קלויב צונויף די פּאַפּיראָסן...
און צום מאַן ווענדט זי זיך אַביסל צאָרנדיק:
— וואו האָסטו געלייגט די „קאַבינעט"? האָסט דאָך זיי היינט געבראַכט! תּמיד קאָן מען נישט געפינען קיין זאַך...
— לאָז מיך צורו! — שרייט דער קרעמער צום ווייב — איך וואָלט שוין לאַנג געגעבן...
אַ געדאַנק איז מיר דאַן אָנגעקומען, וואָס גיכער אַרויס־גנבענען זיך פון קראָם, נאָר עס האָט מיך אָפּגעהאַלטן די פאָלגנדיקע סצענע:
דער קרעמער און די קרעמערקע האָבן זיך ביידע באַ־געגנט אין אַ ענג אָרט צווישן דעם טיש און דער וואַנט און האָבן זיך פלינק אָפּגערוקט אויף צוריק... קאָנטיק, צוליב אינערלעכע זאַכן... צווישן זיי האָט זיך אויך דורך אַן אומבאַוואוסטן אופן אריינגעגנבעט דאָס מיידעלע. זי האָט ביי אַ מינוט געקוקט אויף מיר מיט אַ מערקבאַרער רחמנות; קאָנטיק, זי האָט מיין כּעס מער פאַרשטאַנען ווי אירע עלטערן, און מיט אַ שנעלקייט האָט זי ביידע אָפּגעשטופּט, מיר צוגעבן די פּאַפּיראָסן, דער פאָטער האָט אָפּגעהאַלטן דאָס ווייב און אָפּרוקנדיק זיך אָן אַ זייט, האָט ער אָנגעהויבן צו מוסרן זיין שטיפערישע טאָכטער:
— איך ווייס נישט, וועלכעס משוגעת עס איז אַריין אין דעם שד; וואָס וויל זי!
— איך וועל באַקומען דאָ פּאַפּיראָסן, צי נישט? — פרעג איך מיט אַ געמאַכטן כּעס, כּדי צו מאַכן אַן ענדע צו דער אומאָנגענעמער סצענע.
— סאָרטנע? הויבט ווייטער אָן דער קרעמער אויסצופרעגן.
— „קאַבינעט".
— „קאַבינעט"??
— „קאַבינעט".
— פינף?
— צען וויל איך.
— צען?
— צען, נו, אַן ענדע.

ביידע האָבן אָנגעהויבן זוכן די פּאַפּיראָסן און ווען נישט די געשיקטקייט פון מיידעלע, וועלכע האָט גלייך אויסגעפונען און מיר דערלאַנגט, וואָלטן זיי געזוכט און געזוכט שעהן לאַנג. —

דאָס מיידעלע וועט אויסוואַקסן און וועט שוין זיין אַ גוטע קרעמערקע... האָב איך געטראַכט.

אין וועלכן צושטאַנד איך האָב געפונען מיין באַגלייטער — קאָנט איר זיך אַליין משער זיין. מיין חבר האָט נישט געקאָנט רעדן פאַר קעלט און האָט קוים איינגעהאַלטן זיין כּעס. נאָר קומענדיק אַהיים, האָט ער אָנגעהויבן צו טענהן:

— מען דאַרף דאָך זיין אָן אַ ברעקל האַרץ און פאַרשטאַנד צו לאָזן וואַרטן אַזאַ צייט אין פראָסט! — מיינע פאַרטיידיקונגען האָט ער גאָרנישט געוואָלט הערן און זיך געהאַלטן ביי זיינע ווערטער: „אַ מענטש מיט האַרץ און פאַרשטאַנד וואָלט אַזוי נישט געטון”.

ביי זיך אין האַרץ האָב איך געטראַכט: ווי עס זעט אויס, האָט דער פראָסט מיט דיר נישט געשפּאַסט, געערטער חבר! אָבער — ווען דו וואָלסט, אַזוי ווי איך, געזען דעם קרעמער מיט דער קרעמערקע, ווען דו וואָלסט פאַרשטאַנען די סצענע הינטערן בופעט — וואָלסט דו דיך נישט געבייזערט. עס איז ווערט צו פרירן אין אַזאַ פראָסט, כּדי צו זיין אָנוועזנדיק ביי אַזאַ סצענע, טייערער חבר!

דערנאָך...

(געדיכט אין פּראָזע)

גערוידמעט ליפאַ נאָוואָגרודזקי.

צו דער שיינהייט בין איך געקומען און געבעטן: איך בין אַ מענטש, וואָס בענקט נאָך שיינהייט; שענק מיר עטלעכע מינוטן, און זיי וועלן באַשיינען מיין לעבן;

צו דער קלאָרקייט בין איך געקומען און געבעטן: איך בין אַ מענטש, וואָס שטרעבט צו קלאָרקייט; שענק מיר עטלעכע מינוטן, און זיי וועלן לינדערן מיין שמערץ;

דו האָסט אויסגעהאָרכט מיין געבעט, און געשאָנקען האָסט דו מיר — ליגן און לייכטזיניקייט.

... איך האָב דורכגעשאַרט אַלע ווינקעלעך פון מיין נשמה, אויסגעקליבן פון דאָרט דאָס שענסטע און בעסטע און דערהויבנסטע, וואָס איך האָב נאָר אַמאָל פאַרמאָגט: יעדעס צאַרטע געפיל, יעדן קלאָרן געדאַנק; יעדן שיינעם חלום, יעדע האַרציקע תפילה. דאָס אַלץ האָב איך געזאַמלט, און מיט דעם אַלעם האָב איך דיך באַקליידט און באַצירט; און דו ביסט אַרויס שיין, קלוג, צאַרט און דערהויבן, אָן איין-איינציקן פלעק, אָן איין-איינציקער אומפולקומהייט, — ווי אַ גאָט!

און דעמאָלט בין איך געפאַלן אויף די קניען, און מיינע ליפן האָבן שטיל געשעפטשעט אַ געבעט...

ווי געטלעך שיין דו ביסט געוועזן!
איצט עסט אַ שאַנד אויף מיין האַרץ!

בעט קיין פאַרצייאונג נישט ביי מיר. — נישט קעגן מיר האָסט דו געזינדיקט.

אין מיין האַרץ לעבט די פאַרצווייפלונג אַליין, דער שוואַרצער פינסטערער יאוש. מענטשן אַנטלויפן פון אים; ער — נאָך זיי. איך האָב מיך שוין לאַנג אָפּגעשטעלט. מיר האָבן זיך שוין צוגעוואוינט איינער צום אַנדערן, לאַנג געקוקט זיך אין די אויגן אַריין, און מיר האָבן ביידע אָנגעהויבן צו לאַכן. ער — פון מיר, איך — פון דער וועלט און גליק.

ווער קאָן מיר דראָען מיט דער האַנט? ווער קאָן זינדיקן קעגן מיר.

דאָס בייזע קינד שלאָגט דעם מאַרמאָר, דער מאַרמאָר לאַכט.

טרייסט מיך נישט...

איך בין דער מענטש, וואָס האָט געהאַט די דרייסטקייט נישט צו האָפן מער אויף גליק; איך בין דער מענטש, וואָס האָט געהאַט די דרייסטקייט צו טויטן אין האַרץ יעדע האָפענונג, איידער נאָך זי האָט זיך צעבליט. איך בין דער מענטש, וואָס האָט בעסער געוואָלט דעם זעלבסטמאָרד פון זיינע פאַרלאַנגען, איידער זיי זאָלן געשטיקט ווערן דורך פרעמדע הענט!

ווילסט דו מיך טרייסטן?

דו האָסט מיין גאָט געלעסטערט...

קענסט דו דעם כעס פון אַ מענטש, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער וועלט, פון איר אַנגסט און יאוש, צו זיין גאָט; און מיט געבויגענע קניען, מיט אויגן פול עקסטאַז, שעפּטשן זיינע ליפּן אַ געבעט — ווען אינמיטן זיין געבעט באַשמוצט מען אים זיין גאָט?

דאָס איז דיין זינד, דיין גרויסע זינד קעגן מיין גאָט.

און וואָס פאַר אַ גאָט וואָלט ער געווען, ווען ער זאָל קאָנען פאַרצייען? געטער, וואָס פאַרצייען, צעפאַלן אויף שטיקער, ווי די ליימענע גולמס.

אַן אל קנא ונוקם איז מיין גאָט. מוחל זיין קאָן ער נישט.

בעט קיין פאַרצייאונג נישט — דו קאָנסט נישט ב ע ט ן.
דו האָסט אין מיין הייליקטום נישט געגלויבט. אויב דו וואָ/סט געגלויבט. וואָלסט דו עס געווען.
ווער עס קאָן לייגן, קאָן נישט בעטן, און דו האָסט געלייגט.
דיינע רייד זענען געווען פראַזן; דיין צערטלעכקייט — נעפּעלשט; דיין בענקשאַפט — אַ ליגן, און דיינע קושן — לייכטזיניקייט...
גיי און זוך דיין גאָט און בעט ביי אים פאַרצייאונג.

„ישמעאל איז אונזער פעטער"

דער באַלעבאָס פון פּענסיאָן האָט אָנגעזאָגט די פריילעכע בשורה, אַז מיר האָבן באַקומען געזעלשאַפט, ס׳זענען געקומען „רוסן״ — צוויי דאַמען פון מאָסקווע.

עפּעס אַז מען הערט אין אויסלאַנד „רוסן״, טראַכט מען זיך: משלנו, אחינו בני-ישראל אַוודאי.

וואָס דאַרפט איר מער? איך אַליין, אַ זינדיקער ייד פון וואַרשע, גילט אין אויסלאַנד פאַר אַ „רוס״. אַ שיינער „רוס״ פון מיר!

ביים טיש האָב איך זיך צוגעקוקט צו די נייע געסט. געוויס — יידישע טעכטער, יידישע אויגן, יידישע נעז און — יידישע פרעמדקייט.

וואָס איז דאָס אַזוינס יידישע פרעמדקייט? — עס איז שווער צו זאָגן. נאָר איר דערקאָנט עס, אַזוי ווי איר דערקאָנט אַ צופעליקן גאַסט אויף אַ פרעמדער חתונה. אחינו בני-ישראל לאָזן זיך גרינג דערקאָנען.

מיר זענען באַלד באַקאַנט געוואָרן. איך געדענק נישט, ווי אַזוי עס איז געקומען צו רייד, נאָר איינע פון די דאַמען זאָגט צו מיר, אויף רוסיש, פאַרשטייט זיך:

— מיר זענען אייגנטלעך דייטשקעס; רוסיפיצירטע לוטעראַנקעס.

אַז מען זאָגט, גלויב. אמת, איך האָב זיי געהערט רעדן דייטש, איז עס געווען „דייטשמעריש״ מיטן קנאַק, אַ צעקאַלעטשעטע צעבראָכענע שפּראַך. נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשה: אפשר האָבן זיי שוין פאַרגעסן זייער מוטער-שפּראַך. מאָסקווע איז דאָס האַרץ פון רוסלאַנד און רוסיפיצירט שטאַרק.

דערנאָך האָט מיר די ייִנגערע דערציילט, אַז זי איז

אַמאָל געווען אין ווילנע, אַז ווילנע איז זייער אַ פיינע שטאָט, נאָר — „דאָרט זענען דאָ שרעקלעך פיל יידן".

„שרעקלעך פיל יידן" — הייסט עס אַ רוסיפיצירטע דייטשקע מיט אַ יידיש פּנים און אַן אַנטיסעמיטקע דערצו. רוף איך מיך אָן:

— געוויס, ווילנע איז אַ יידישע שטאָט, איך אַליין בין אַ ייד און האָב דאָרט געוואוינט.

קיין שום איינדרוק האָט מיין ענטפער נישט געמאַכט. בין איך אַ ייד, איז זי נ י ש ט קיין אַנטיסעמיטקע, אונזער באַקאַנטשאַפט האָט לגמרי נישט געליטן דערפון.

דערנאָך בין איך געוואָר געוואָרן, אַז זי איז געווען אויף קורסן און פלעגט „דעזשורירן" 18 שעה, כּדי צו באַקומען אַ בילעט אויף סטאַניסלאַווסקיס אַ פאָרשטעלונג.

ווידער עפּעס צופיל יידישלעך.

מיט איינמאָל — אַ נייעס. ס'איז געקומען צו פאָרן צו די דאַמען אַ טערק, אַ טערק טאַקע ממש, אין אַ רויטער מיץ, און האָט מיטגעבראַכט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל עכט-טערקישן טאַבאַק.

אויף טערקישן טאַבאַק בין איך גראָד אַ מבין. אויף דעם פּונקט קאָן מען מיך נישט אויסנאַרן.

ער איז געווען אַ טערק און אַ יונגטערק דערצו, און מיר האָבן באַלד גענומען רעדן וועגן פּאָליטיק, וועגן דער רעוואָלוציע פון די אַלבאַנער און אַפילו פון ציוניזם.

— ביי אונז איז קיין אַנטיסעמיטיזם נישטאָ. די יידן און די טערקן זענען ברודערלעכע פעלקער, — האָט ער מיר געזאָגט.

גוט, נאָר נאָך דעם אַלעם — אַ מאָדנער פלאָנטער, אַ דור-הפלגה, דייטשקעס פון מאָסקווע, וואָס קאָנען קיין דייטש נישט, אַ קורסיסטקע, אַן אַנטיסעמיטקע, אַ לוטעראַנקע, יידישע פּנימער, און ביי דער זייט — געוויס אַ חתן! — אַ טערק.

ערשט אין אַ וואָך אַרום, אַז דער פלאָנטער איז נאָך גרעסער געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעהויבן אויפצוויקלען.

ס'איז געקומען דער פאָטער פון די טעכטער, אַ רוי פּנים און אַ יידיש פּנים, איך וואָלט געוואָלט שווערן — דאָס איז אַ ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט.

און איך האָב קיין טעות נישט געהאַט.

צופעליק בין איך דורכגעגאַנגען פאַר דער טיר פון צימער און האָב געהערט דעם אַלטנס קול טאַקע אויף מאַמע-לשון, אויף מאַמע-לשון פון אַ ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט.

— דאָ וויל איך זיין אַ ייד, פאָנימאַיעטע? פאָרט אַליין, איך וועל נישט פאָרן שבת.

„מאָז׳ערנע אַנוסים״ — הויב איך אָן צו פאַרשטיין. נאָר ווי קומט אַהער דער טערק?

איך האָב מיך אַמאָל נישט געפוילט, און ווען איך האָב דעם אַלטן געטראָפן שפּאַצירן אַליין, בין איך צוגעגאַנגען, אים אַריינגעשטעקט אַ האַנט יידישלעך און פראָסט געזאָגט:

— שלום עליכם, עליכם שלום. אויך אַ ייד?

און מיר האָבן גערעדט פון וועטער, ווי ס׳געהער צו זיין, און פון גזירות אויף יידן.

און אַז מיר האָבן זיך נענטער באַקאַנט, בין איך געוואָר געוואָרן דעם סוד. דער אַלטער האָט מיר אַלץ אָנגעטרויט.

זיינע טעכטער זענען מאַכמעדאַנערינס. „דייטשקעס״ האָבן זיי גאָר געוואָלט זיין, זיי האָבן געוואָלט אָנגעמען דעם לוטעראַנישן גלויבן, נאָר דערויף האָט דער אַלטער נישט דער-לויבט, און זיי האָבן אים געמוזט פאָלגן. די טעכטער אָבער, ווי איך פאַרשטיי, ווילן נישט אָנערקענען דעם פאַקט, וואָס איז געשען קעגן זייער ווילן, און רופן זיך דעריבער „דייטשקעס״.

— איך האָב זיי געזאָגט, די „דאָטשקעס״ מיינע, שמדט איר אייך אויף אַ כריסטיאַנסקע אמונה, אָדער האָט איר חתונה מיט אַ כריסטיאַנין, בין איך נישט מער אייער טאַטע. פאַשלי וואָן! קיין „פרידאַנאָיע״ און קיין „נאַסליעדסטוואָ״. געזונטערהייט. איך וויל אייך מער נישט וויסן, איר ווילט וואוינען אין מאָסקווע? נוט. נעמט אָן די מאַכמעדאַנישע אמונה. ווי זאָגט איר? ניע פראַוודאַ לי? ישמעאל איז דאָך אונזער פעטער...

און ער האָט אָפּגעזיפצט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ פאַמעלעך.

— עס איז ביטער. מען האָט פיינט דעם ייד, לוטעראַנער,

קאַטוילן, פּראַוואָסלאַוונע — אַלץ איינס. מאַכמעדאַנער — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. מיין עלטערע האָט אַ חתן אַ טערק — אַ פּאָריאַדאָטשני מאָלאָדאָי טשעלאָוויעק. מען קאָן גאָרנישט זאָגן. וואָס־זשע קאָן מען טון; איך האָב אַזוי נישט געוואָלט, גאָט איז מיין עדות. אָבער שמדן — אויך נישט. די מאַכמעדאַנער זענען דאָך די ישמעאלים. ווי זאָגט איר? נישט בעסער? איך האָב אַ קלאַפּ געגעבן אויפן טיש און געזאָגט: „כריסטיאַנסקאַיאַ אמונה — ניע ראַזרעשאַיו”! און זיי האָבן מיך געפאָלגט, ניע פּאָסמיעלי...

איך האָב מיר אָנגעקוקט דעם ייד, און עס איז מיר פאָרגעקומען, ווי ער וואָלט זיך געמשפּט מיט דער גאַנצער וועלט און מיט אירע אמונות פאַר דער יידישער קריוודע.

„ישמעאל איז אונזער פעטער”. און פונדעסטוועגן, אַז די פאַמיליע איז געווען צוזאַמען, האָט דער אַלטער זיך שטענדיק געהאַלטן פונדערווייטן פון זיין צוקונפטיקן איידעם, איך האָב נישט באַמערקט, ער זאָל מיט אים רעדן אַמאָל אַ וואָרט. עס האָט אים, קאָנטיק, נישט זייער געפרייט די האָפענונג צו ווערן אַמאָל אַ זיידע פון קליינע ישמעאלימלעך אין רויטע מיצלעך.

פאָרט נאָר אַ פעטער, נישט קיין אייגענער.

א פריילעכע נשמה

(דערציילונג)

אין יאָר תר"מ... איז פון אַ ליטוויש שטעטל אָנגעקומען קיין וואַרשע אַ ישיבה־בחור, אַ געכאַפּטער אויף אַפּיקורסות, וואָס איז אַנטקומען פון דער ישיבה. געהייסן האָט דער בחור יצחק טיבקאָפּ. ער איז נאָך דעמאָלט יונג געווען, אומגעפער 18 יאָר אַלט, און האָט זיך אויסגעצייכנט, ווי אַלע וואָס ווערן דערצויגן אין חדר, דערנאָך אין ישיבה, מיט אַ געבויגענעם אָפּגעמאָגערטן קערפּער, אַ בלאַס געזיכט, אַביסל קורצזיכטיקייט און אַ צעדולטן מוח, פול אָנגעשטאָפּט מיט אומבאַשטימטע פאַרלאַנגען און געדאַנקען. פון דער נאַטור איז ער געווען אַ לייכטזיניקער און אַ פוילער, מיט אַ שוואַכן ווילן, און האָט נישט באַזעסן דאָס גאָר געוויינלעכע מאָראַלישע געפיל פון אַ מענטש, וואָס לעבט צווישן מענטשן, נאָר איין מעלה האָט ער געהאַט, פאַר וועלכער ער איז מענטשן געפעלן געוואָרן, האָט געפונען חן אין זייערע אויגן, — דאָס איז געווען זיין פריילעכקייט. ער איז שטענדיק געווען פריילעך, אויפגערוימט און וויצלדיק און אייביק גרייט זיך אַליין אינגאַנצן מבטל צו זיין און אָנשליסן זיך צו יעדן געמיט, ווי אַ קאַץ, וואָס לעקט זיך צו צום מענטש און פאַרלאַנגט גאָרנישט דערפאַר מער, ווי מען זאָל אויף איר קוקן, וועגן איר אַ טראַכט טון.

אויף מאָרגן נאָך זיין אָנקומען האָט ער שוין געהאַט דריי חברים, וועלכע ער האָט געקלאַפּט אויפן אַקסל און געזאָגט, אויפמונטערנדיק זיי:

— נאָר נישט געזאָרגט! עס וועט שוין גוט זיין! אַז איך זאָג: עס וועט גוט זיין...

און שטעלעס האָט ער אָנגענומען און געטוישט אויך מיט דער ספּעציעלער לייכטזיניקייט, אָן עפּעס אַ זאָרג אָדער עפּעס אַ באַזונדער ערנסטקייט. אַ פלינק קעפל האָט ער געהאַט און האָט

באַלד פאַרשטאַנען דעם תּוך פון אַן עסק, נאָר זיינע מלבושים, וואָס זענען שטענדיק אַלט און אָפּגעריסן געווען, זענען אים אייביק געווען אַ שטן אין וועג. דעם פעלער האָט ער אַליין גוט געוואוסט און האָט גוט פאַרשטאַנען די ווירקונג, וואָס די בגדים מאַכן אויפן באַלעבאָס, וואָס דאַרף אים די אַרבעט געבן, און דעריבער, ווען מען האָט אים געענטפערט, אַז מען דאַרף אים נישט, איז ער ביי זיך גאָרנישט אַראָפּגעפאַלן, נאָר געבליבן שטיין אויפן אָרט, זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און געזאָגט מיט אַ לייכטן שמייכל:

— איר קאָנט דאָך פּרוּוון, וואָס קאָן דאָס שאַדן?

און נאָך איידער דער באַלעבאָס האָט צייט געהאַט זיך מיישב צו זיין, איז שוין יצחק געווען ביי די סחורות און געהאַלטן אַן עק פון אַ שטיק סחורה אין האַנט און געזאָגט מבינות און געשאַצט דעם פּרייז, און צו די ביכער אויך זיך אַליין צוגעשאַרט און גערעדט מיט אַזאַ זיכערן טאָן, אַז דער פּרינציפּאַל האָט געמוזט אויפמערקזאַם ווערן צו אים. און האָט יצחק גראָד געטראָפן דעם פּרינציפּאַל אין אַ גוטער שעה, ער האָט דעם טאָג געהאַט אַ גוטן פדיון און צופעליק האָט גראָד היינט דאָס ווייב אויך אים נישט געהאַט דערבייזערט, האָט דער פּרינציפּאַל אַליין אויך געמוזט אַ שמייכל טון צו דעם דרייסטן יונג, און איינגעוויליקט, ער זאָל דערווייל בלייבן אין געוועלב אויף פּראָבע — און מען וועט זען.

און אין די ערשטע טעג האָט זיך יצחק טאַקע אינגאַנצן אַריינגעלאָזט אין געשעפט, מיט אַלע זיינע חושים און מיטן גאַנצן שכל און מיטן גאַנצן ווילן, און דער באַלעבאָס האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון נחת, קוקנדיק אויף דעם געשיקטן יונג, וואָס אַרבעט ביי אים אין געשעפט ווי אַ באַלעבאָס ביי זיך אינדערהיים, און קוועלנדיק זאָגט ער צום ווייב:

— נו, וואָס זאָגסטו, חנה, אָבער איך האָב אַ נאָז, האַ? איך האָב באַלד דערשפּירט, אַז אין אים שטעקט אַ מענטש...

נאָר ווי עס זענען אַוועק עטלעכע חדשים, איז שוין יצחקן נמאס געוואָרן דער עסק, און ער האָט זיך מיישב געווען,

ער וועט גאָר ווערן בוכהאַלטער, און איינמאָל אין אַ פרימאָרגן גייט ער צו צום טיש, וואָס איז געווען אָפּגעצוימט מיט שטאַכעטלעך, און דער באַלעבאָס איז דאָרט געזעסן, און רופט זיך אָפּ:

— דער הער ווייסט וואָס?

— וואָס ווילסטו? גיי ליג אַוועק דעם פּאַק דאָרט... שנעל.

— איך וועל דאָ נישט אַרבעטן; איך וויל נישט...

דער באַלעבאָס איז פאַרוואונדערט געוואָרן, און איידער ער האָט בײַ זיך באַשלאָסן וואָס צו טון: זאָל ער אויף אים אָנשרייען, זאָל ער זיך בייזערן, אָדער זאָל ער זיך גאָר מאַכן נישט געהערט, — זאָגט שוין יצחק ווייטער:

— וואָס קוקט אַזוי דער הער אויף מיר? איך האָב זיך מיישב געווען, איך וועל ווערן בוכהאַלטער; איך וויל נישט דאָ אַרבעטן; צי מוז איך דען?

— גיי צום טייוול, שקץ, — האָט זיך אָנגעצונדן דער סוחר און אויפגעשטעלט זיך און געטופּעט מיט די פיס.

אָבער יצחק איז בײַ זיך גאָרנישט אַראָפּגעפאַלן און ענטפערט אים קאַלט, ווי אַ תּם:

— ניין, באַלעבאָס, איך וועל נישט גיין צום טייוול... איר וועט אַזוי גוט זיין און מיר באַצאָלן פאַר 11 טעג...

און יצחק האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער באַלעבאָס וועט אים נישט באַצאָלן, נאָר דאָס פאָדערן אַליין, צוערשט פערזענלעך און דערנאָך אין געריכט, דאָס איז אים אַליין גוט געפעלן. עס איז פאַר אים געווען אַן עסק, דערווייל האָט ער געהאַט וואָס צו טון און מיט וואָס זיך צו באַרימען פאַר די חברים, וועלכע האָבן אים צוגעשטימט און גאָר געהויבן אים אין די אויגן, און אויסגעלאַכט אים — הינטער די אויגן.

— גוט, טויבקאָפּ! ביסט אַ מענטש! און אין רעסטאָראַציע גייען מיר? האָסט געלט?

אַזוי האָבן זיי אים געזאָגט אין די אויגן, קלאַפּנדיק אים אויף די פּלייצעס און הינטער די אויגן צווישן זיך האָבן זיי אַזוי געשמועסט:

— אַ מין אָפּגעריסענער, איינגערעדטער שוטה דאָס איז! מיינט טאַקע, אַז דער באַלעבאָס קאָן זיך אָן אים גאָרנישט באַגיין.

און אַזוי האָט זיך דער יונגערמאַן געפּירט אין פאַרלויף פון אַ דריי-פיר יאָר, געשפּרונגען פון אַ שטעל אויף אַ שטעל, פון אַ געשעפט צו אַ געשעפט, פון איין באַלעבאָס צום צווייטן; און דערווייל האָט זיך דער קאָפּ ביי אים אָנגעשטאָפּט מיט שטיקער קאַפּיטלעך און גאַנצע און האַלבע פראַזן פון פאַרשידענע ביכער, און פאַרשידענע באַקאַנטע האָט ער באַקומען און געפילט און געליטן מיט זיי צוזאַמען, און שטענדיק איז די פּאָליטישע עקאָנאָמיע ביי אים אויפן טיש געלעגן, אין יעדן טאָג איז ער אַלץ גרייט געווען שוין אָנצוהויבן לערנען דאָס בוך; נאָר ווייל זיין קאָפּ איז אינגאַנצן נישט מסוגל געווען צו לערנען עפּעס מיט אַ אָרדענונג, סיסטעמאַטיש, איינס נאָכן צווייטן, דעריבער איז זיך דאָס בוך געבליבן ליגן אויפן טיש, און יצחק האָט פון דער לערע גאָר נישט געוואָסן.

און עס פלעגט טרעפן, יצחק גייט אין גאַס, לויפט אויף זיין שטייגער אָן שום ציל... און אין זיין קאָפּ וואַרפן זיך דורך פראַזן און האַלבע פראַזן פון דעם, וואָס ער האָט אַלץ געהערט און געלייענט, און דער קאָפּ זיינער איז פונקט ווי אַ בערגעלע פון מוראַוועס, וואָס האַלט אין איין רודערן, און לויפט מיט אַ שרעקלעכער געשווינדיקייט, נישט וויסנדיק וואוהין און צו וואָס... און דערנאָך פאַרטראַכט ער זיך, בלייבט שטיין און נעמט כפלען. 2 מאָל 2 איז 4; 2 מאָל 4 איז 8; צוויי מאָל 8 איז א. אַ. וו. ביז די ציפער פאַרפּלאָנטערט זיך אין קאָפּ, און ער בלייבט פּלוצלינג שטיין אויפן אָרט און טראַכט מיט אַ ווייטאָג:

— אָ! אָ! די „פּאָליטישע עקאָנאָמיע” נאָך נישט אָנגעהויבן! וואָס וועט זיין דער סוף מיינער?...

און באַלד לויפט ער אַהיים, מאַכט אויף דאָס בוך און הויבט אָן לערנען, דערמאָנט ער זיך אָבער געשווינד, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן צו קויפן פּאַפּיראָסן, גייט ער אַרויס. און אין דרויסן

שײַנט די זון, די דראָזשקעס שפּרינגען, דער טראַמװײַ קלינגט, און די מענטשן אײַלן, לױפֿן, יאָגן, און צװישן דער מאַסע גײען די שײנע װאַרשעװער טעכטער, — ער דריקט זיך אױך אַרײַן צװישן דעם המון און לױפֿט מיט.

און טרעפֿט אים דעמאָלט אַ באַקאַנטער אױף דער גאַס און װיל אים אָפּשטעלן, פֿרעגנדיק:

— טױבקאָפּ, װאו אַהין לױפֿסטו דאָס אַזױ? װאָס איז דאָס מיט דיר? — ענטפֿערט ער אים שנעל און קורץ:

— לאָז מיך נאָר, איך בעט דיך, איצט גײן, איך האָב איצט גאָרנישט קײן צײַט...

און רעדנדיק די װערטער, ציטערן אים די הענט, און דאָס געזיכט קרומט זיך אַזױ, אַז דער באַקאַנטער איז שױן נישט דרײסט אים נאָך אױפֿצוהאַלטן און גײט זיך אַװעק.

אַזױ זענען אים אַװעק די ערשטע יאָרן אין װאַרשע. דערװײַל האָט ער באַקומען אַ פּאָר שעה אױף בוכפֿירונג, דאָ אַ שעה, דאָרט אַ שעה, און אינצװישן איז ער געלאָפֿן... שװער איז די אַרבעט נישט געװען — די בעלי־בתּים האָבן זיך אױך צו אים גוט פֿאַרהאַלטן, און פֿון דעם, װאָס ער האָט פֿאַרדינט, האָט ער נאָך געגעבן אױף פֿאַרשידענע צװעקן, און זײַן געװײנלעכע אַרבעט האָט ער אין דער צײַט דערװײַל אױך נישט פֿאַרלאָזט, אין אַ פֿרײַער צײַט פֿלעגט ער זיצן אין אַ קאַװיאַרניע, לײענען צײַטונגען, אָדער געלאָפֿן אין די גאַסן, געזען זיך מיט די חברים, געשפּאַרט זיך, דיסקוטירט און געהאַט פּרעטענזיעס אױף דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג וכדומה.

צװײט קאַפּיטל

אײן סוחר, בײַ װעלכן יצחק האָט געאַרבעט צװײ שעה אין טאָג, האָט געהאַט אַ שײנע און באַשײדענע טאָכטער. זי האָט נאָך איר גאַנצע נאַיװיטעט, אױף איר פּנים ליגט די גערױטלטקײט פֿון יונגשאַפֿט, און אַ שװאַרצער דיקער צאָפּ פֿאַלט אַראָפּ זיך

שלענגלענדיק אויף אירע אַקסלען. און זי רעדט נישט, זי רעדט אַזוי תּחנונימדיק לאַנגזאַם, און זי גייט נישט, נאָר רוקט זיך אַזוי שנעל... און זי זיצט אינדערהיים, ווייל זי האָט שוין געענדיקט די גימנאַזיע און איז אונטער דער שוץ פון אירע עלטערן... און זי לייענט ביכער, פאַרנעמט זיך מיט שטריקערייען אין שטוב און פאַרצייכנט די העמדער און די איבעריקע וועש, און דערווייל האַלט זי אין איין טראַכטן, און די געדאַנקען זענען אָן אַן עק...

און ווען די פריילין איז אַמאָל געקומען אין געוועלב אַריין און זי האָט געלאָזט פאַלן אַ בליק אויף יצחקן, איז ער דערשטוינט געוואָרן, און געדאַכט האָט זיך אים, אַז זי פאַרשטייט אַלץ נאָך בעסער פון אים — און אין האַרץ האָט אים איר שיינקייט געריצט.

און די טעג זענען געלאָפן מיט אַ געשווינדיקער שנעלקייט, זיינע טריט זענען דאַן געווען געמאָסטענער, זיין רעדן און די באַוועגונגען — שטיל און באַשיידן, און ער האָט אויסגעזען ווי אַ גאַטספאַרכטיקער, וואָס אָנערקענט איבער זיך דאָס הויכע און דערהויבענע, און ער פלעגט ליב האָבן זיין פרייע צייט צו פאַרברענגען אין זיין צימער, ליגנדיק אויפן בעטל, און טראַכטן... זיין האַרץ-בענקשאַפט איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און ער פלעגט אָפליגן עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד אויף איין אָרט און צוגעהאָרכט זיך צו יעדער שטים, צו יעדן קלאַנג, וואָס האָט זיך געהערט פון הויף; אַמאָל גיט ער אַ שטיי אויף, ווייל עפּעס אָפּטון, באַשטימט, און ער גייט צו און גיט אַ לאָז אויף דעם קראַן וואַסער, און דאָס וואַסער לויפט און שפּריצט טראָפּנס, טראָפּנס און עס הערט זיך אַ גערוישעריי, און ער הערט זיך אַזוי צו און טראַכט זיך אין האַרץ: איך פאַרלאַנג דאָך גאָרנישט; קיין שום זאַך פאַרלאַנג איך נישט!... ער גיט אַ הויב דעם אַקסל און פאַרדרייט שטאַרק דעם קראַן, ער איז שוין גאַנץ רואיק.

אין אַזעלכע טעג איז אים די שיין פון טאָג געווען אַ סך ליבער, און געפעלן זענען אים אויך די מענטשנס געשטאַלטן, און אַפילו די טונקעלע ווענט פון זיין צימער האָבן אים אויך

צוגעשמייכלט, בלויז דאָס רעדן פון די מענטשן האָט אים נישט אינטערעסירט, און געוואָלט האָט ער בעסער, זיי זאָלן שווייגן און זיצן שטיל און ער זאָל אויף זיי קוקן... און ווען די נאַכט האָט זיך געשטעלט, און זיין צימער איז פול געוואָרן מיט די אַריינדרינגענדיקע שאָטנס, איז אויף אים געפאַלן אַ פינסטערע אימה, און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער, יצחק טויבקאָפּ, איז נישט מער ווי אַן אָרעם עלנט באַשעפעניש, און ער פאַרמאָגט נישט קיין זאַך, צו וואָס ער זאָל זיך פילן צוגעבונדן; און די דאָזיקע פריילין זיצט זיך אַוודאי אַצונד ביי אירע עלטערן, איר קאָפּ איז אָנגעשפאַרט, און מען זעט נאָר איר איינע באַק און איר קליין אויערל... און עס נעמט אים שטאַרק ציען אַהין צו גיין צו איר; ער האָט אָבער נישט קיין שום אויסרייד, מיט וואָס אַהין צו גיין — ער האָט שטאַרק צער דערפון.

און די נעכט זענען לאַנגע ווינטער-נעכט; עס שנייעט, די טראָטואַרן אויף דער גאַס זענען נאַס און עס וויייעט אַ ווינט; די מענטשן לויפן דורך איינגעבויגענע, זיך איילנדיק וואָס פריער איבערצוקומען די קעלט און דעם פראָסט; די נאַכט-וועכטער זיצן איינגעטוליעט אין די פעלצן און דרימלען, און ער לויפט פון איין גאַס אין דער צווייטער און קומט אַרויס אויף דער פאַרשטאָט; און דאָרט רייסט דער ווינט נאָך שטאַרקער, און באַשיט יצחקס געזיכט און די אויגן מיט שטיקער שניי. און פלוצלינג גיט ער אַ הויב אויף די אויגן, און דערזעט, ער איז אינגאַנצן ווייס, און ער דערפילט שטאַרק אַ קעלט אין זיינע ביינער און אַ נאַסקייט אין די פיס, און ער טראַכט אַריין אין זיך, וואָס מיט אים איז געשען.

און ער הויבט זיך אַליין אָן צו טרייסטן, אַז מאָרגן וועט ער זי זען, אַז זי וועט זיכער קומען אין געוועלב אַריין, און ער אַליין דאַרף זי גאָרנישט, ווייל ער איז דאָך — ער, און זי — זי, און ווי קומט ער צו איר? נאָר אַלע די טענות האָבן אָבער גאָרנישט געהאָלפן, און ער גאַרט ווידער זי צו זען, צו הערן איר שטים, און זאָל זי כאָטש אַ רגע מיט אירע גוטע און ריינע אויגן אויף אים קוקן.

און אָנגעקומען איז ער צום געליבטסטן פון זיינע חברים, צו מענדלען, אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק און אפשר מער; אַ הויכער שטערן, און אויף זיין געזיכט איז ווי אַן איינגעגאַנגענע גערויטלקייט. זיין שטוב איז געווען אַן אָפּלאָג פאַר אַלע עלנטע מענטשן. דאָרט פלעגט מען זיך פאַרזאַמלען, רויכערן, טרינקען טיי, עסן ברויט מיט פוטער, וואָס איז שטענדיק געלעגן גרייט, מען פלעגט אויך לייענען ביכער און דיסקוטירן און זינגען לידער, ביז די נשמה דערוועקט זיך און וויל זיך באַפרייען פון דער אומעטיקייט און קלעמעניש. און מענדל פלעגט טאַקע אין זינען האָבן זיינע חברים און זאָרגן פאַר זיי, ער האָט זייער באַדויערט יצחקן, וואָס קאָן זיין אַ מענטש און ווערט עס אָבער נישט, וואָס ער פירט זיך, ווי עס פאַלט אים איין. ער האָט אָבער אים נישט אָפּגעלאָזט פון אויג און געזאָרגט פאַר אים.

ווען מענדל האָט דערזען יצחקן, ווי ער זיצט אויף דעם אייזערנעם בעטל צווישן די אָנגעלייגטע מאַנטלען און קאַפּעלושן, מיט זיין טרויעריקן געזיכט און פאַרבענקטע אויגן, און שווייגט שטיל, און זיין קאָפּ איז זייטיק אָנגעשפּאַרט, און ער וויל קיין טיי נישט טרינקען און לאָזט נישט צו זיך רעדן — גיט מענדל אַ גיי צו צום בעט און נעמט אַראָפּ די מאַנטלען מיט די קאַפּעלושן, לייגט זיי אַוועק אָן אַ זייט, און זיך אַנידערגעזעצט נעבן יצחקן און זאָגט צו אים אַזוי:

וואָס ביסטו עפּעס אַזוי טרויעריק? סוועט דורך! אַלץ גייט דורך! ס׳איז גאָרנישט — טרינק טיי.

יצחק האָט זיך פאַרוואונדערט פון מענדלס חכמה, ער ווייסט די סודות פון האַרץ, און ער האָט דאָך אים דאָס נישט דערציילט, און ער פרעגט:

— האָסטו שוין אַמאָל ווען געליבט? — און בלייבט שטיל און פאַרשעמט, ווי ער וואָלט אַ בייזע טאַט באַגאַנגען.

— כ׳האָב שוין אַמאָל געליבט. נאָר זאָגן זאָג איך דיר: וויל זי דיך, האָב זשע מיט איר חתונה; שעם זיך נישט, עס איז דאָך אַ שוואַכקייט, אויב נישט — פאַרגעס און רייס אויס פון האַרץ,

און ס'וועט שוין דורך — אַלץ גייט דורך, און שפּיי אויף אַלעמען ... —
אַזוי זאָגט אים מענדל.

— איך וואָלט זי אָבער געוואָלט זען — האָט יצחק אַרויסגעשטאַמלט, און באַלד, געפילט, אַז די אויגן זיינע ווערן אים פול מיט טרערן. אַ נעפּל באַדעקט דאָס צימער, דעם רויך אין דער לופט, די גלעזער אויפן טיש, דאָס ברויט און די פּוטער און די געזיכטער פון אַלע מענטשן, וואָס זענען דערביי געווען, און אַלץ האָט זיך אויסגעוויזן אַזוי מטושטש, און ער פילט זיך אַזוי עלנט. ער שטעלט זיך אויף און געזעגנט זיך מיט מענדלען, און גייט אַרויס.

ער דרייט זיך אַלץ אַרום איבער די גאַסן און דער רייסנדיקער ווינט מיטן שניי יאָגן אים נאָך, און ער אַליין ווייסט נישט, אַז זיינע פיס פירן אים אויף שאַראָמינקאַ נומער 15. ער בלייבט שטיין פאַרן הויז און קוקט: אין די פענסטער אויפן צווייטן שטאָק איז ליכטיק, דאָס טויער איז נאָך אָפן, מען קאָן אַרויפגיין אויף די שטיגן, און מען קאָן דערנאָך אַ דרוק טוןביים קנעפּל פון עלעקטרישן גלעקל — אָ ווי שיין און ווי נאַיוו זי איז!

— איך פאַרלאַנג דאָך גאָר נישט, קיין שום זאַך פאַרלאַנג איך נישט! — טענהט ער מיט זיך אַליין, און בייזערט זיך אין געדאַנק אויף אַלע די מענטשן, וואָס פאַרצוימען אים דעם וועג, ווי ער וואָלט געוועזן אַ גנב אָדער באַנדיט, צי גאָר עפּעס אַנדערש...
און ער וויל שוין צוריק אַהיימגיין; נאָר אויפן טראָטואַר אַנטקעגן איבער גייט פאַרביי אַ פריילין, און יצחק דערזעט ביי דער שיין פון דער לאַמטער איר שוואַרצן לאַנגען צאָפּ און לויט איר גאַנג דאַכט זיך אים, אַז זי איז דאָס יענע פריילין, זיין האַרץ ציט אים, ער לויפט איר נאָך, ביז ער לויפט איר פאַרביי און קוקט זי אָן, און דערזעט — זי איז גאָר אַן אַנדערע! ער גייט אַהיים פאַרשעמט.

דריט קאַפּיטל

און אַזוי זעט אויס יצחקס דירה:
מען גייט אויף דזשיקאַ גאַס און מען קומט אויס ביז צום

עק, און דאָרט גייט מען אַריין אין אַ טויער פון אַ נידעריק הייזל. און אין טויער זענען אויסגעלייגט דורכגעפוילטע ברעטער, וואו עס פעלן נישט קיין גריבלעך, און ווער עס קאָן זיי נישט, קאָן ביינאַכט גאַנץ גוט געשטרויכלט ווערן; ווי מען קומט נאָר אַריין אין הויף, הויבן זיך גרויסע מויערן און שורות פענסטער איינע איבער די אַנדערע, און מען ווענדט זיך אין דער רעכטער אָפּיצינע און מען הויבט אָן אַרויפצוגיין אויף די שטיגן. דער קאָרידאָר איז שמאָל, און די שייבעלעך פון די לאָמטערן, וואָס הענגען דאָרט זענען אָממערסטן אויסגעהאַקט און קיין ליכט איז דאָרט נישטאָ, און גלייכער איז דעריבער נישט אָנצושפּאַרן זיך אָן פּאָרענטש, ווייל ער איז אויף אַ סך ערטער צעבראָכן און מען קאָן נאָך אין דער פינסטער געשטרויכלט ווערן; אַמבעסטן איז צו גיין איינדערמיט אַלץ העכער, ביז דער אַרויפשטייגנדיקער פוס פאַלט צוריק, דאָס הייסט, אַז איין שורה שטיגן איז מען שוין איבערגעקומען, און דערנאָך דרייט מען זיך אום און מען הויבט אָן ווידער אַרויפגיין. אַזוי גייט מען פאָרויס און צוריק צען מאָל און אַז מען קומט אויף דער לעצטער שטיג, בויגט מען אַביסל איין דעם קאָפּ, ווייל דער באַלקן איז אין דעם אָרט משופּע; אין איין זייט געפינט זיך אַ צורה פון אַ טיר און איבער איר הענגט אַ שליסל, וואָס שאָקלט זיך און לאָזט זיך הערן גייענדיק אויף די שטיגן, און דאָרט איז דאָ אַ בוידעמל, ווי אַ שטייג פון גענז און הינער, און פון דער אַנדערער זייט איז יצחקס צימער, וואו עס וואוינט נאָר ער אַליין.

דאָס צימער אַליין איז נישט קליין. נאָר פאַראַן איז דאָרט אַ זעקס ווענט און פיל ווינקלעך. אַלץ איז דאָרט משופּע און גייט אַרויף און אַראָפּ און מען דערקאָנט דאָרט די בוי-קונסט פון צונויפהעפטן פיל משופּעדיקע ווענט, וואָס לויפן אַוועק איינע פון דער אַנדערער. אין דעם צימער זענען דאָ צוויי קליינע פענסטערלעך, וואָס שניידן דורך דעם שטח צווישן הימל און ערד, אין דער קרום, ווייל זיי גייען אַרויס אויפן דאַך, און פון דאָרט קאָן מען נאָר זען אַ קליינעם פּאַס הימל און אויך די רויך-קוימענס און דעם דאַך פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער אָפּיצינע. האַרט ביים

פענסטער שטייט אַ קליין הילצערן טישל, דערויף געפינט זיך: אַ לאָמפּ, וואָס פון גלעזל איז אָפּגעהאַקט דער שפּיץ, און דאָס איבעריקע איז פאַרקאָפּטשעט; רוסישע זשורנאַלן און ביכער ווי: „דאָס לעבן״, „גאָטס וועלט״, „די אַנטוויקלונג פון די פּאָליטישע יסודות״ און „פּאָליטישע עקאָנאָמיע״, און יידישע שעכטעלעך פון שוועבעלעך, אַ פּאַפּירענער קאָלנער און אַ פאַרהעמדל, אַלט און צעקנייטשט, חוץ דעם אַ גלאָז מיט אַביסל קאַלטע טיי, שטיקלעך צוקער און ברויט, איבערבלייבעכץ פון פוטער אויף אַ פּאַפּיר...

ביים טיש שטייען צוויי בענקלעך. איינס וואַקלט זיך און מען מוז זיך דערביי צוהאַלטן, כדי זיך נישט אויסצוגליטשן, און דאָס צווייטע איז פולקאָם גאַנץ, און דאָס געהערט שוין צו יצחקס בעסטע שטוב-מעבל, נאָר אַממערסטן איז עס נישט פריי, ווייל דערויף ליגט קלאָרע וועש: העמדער, גאַטקעס א. ד. גל. דאָס אייזערנע בעטל, מיט איין קישן און אַ צודעק, בינדט צונויף צוויי ווענט און אַ פריי אָרט, ווי אַ לאַנגער דרייעק, בלייבט אינדערמיט אין ווינקל, און דאָרט ליגט די נאָכנישט געוואַשענע וועש, און הינטער דעם ליגן אָפטמאָל באַהאַלטן קליינע ביכלעך...

חוץ דעם געפינט זיך אין שטוב אַ נאַפט-מאַשינקע צו קאָכן טיי, אַ טעלער, אַ פלעשל אויף נאַפט און נאָך צוויי גלעזער, וואָס שטייען אין ווינקל און אַ בעזעם, וואָס שטייט פאַרשעמט ביי דער טיר, ווייל אַ לאַנגע צייט האָט מען אים שוין נישט אין האַנט גענומען, און די גאַנצע פּאָדלאָגע איז פול מיט שטיקער פּאַפּיר, שוועבעלעך און מונדשטוקן פון פּאַפּיראָסן, און ווען יצחק שפּרייזט איבער דער שטוב, שפּרינגען זיי קאַפּויר און פאַרטשעפּן זיך איינס אָן אַנדערן און פאַרטרייבן אַביסל דעם אומעט.

אין דעם צימער איז יצחק יענע נאַכט געקומען. דער זייגער איז געווען אַכט, און יצחק פלעגט אָבער שטענדיק קומען האַלבע נאַכט, ער האָט אָבער דאָך קיין ברירה נישט געהאַט... ער צינדט אָן דעם לאָמפּ, נעמט אַ בוך און הויבט אָן דערינען לייענען, נאָר אין זיין קאָפּ לויפן אַרום שטיקער איינדרוקן: אַן אויגנבליק, צאַרטע ליפּן, אַ לויטערע תּחנונימדיקע שטים, דער אַראָפּהענגענדיקער

צאַפּ, גלאַטיקע באַקן, קליינע אויערן און דאָס אַלץ האָט אים אויסגעפּילט זיין גאַנצע נשמה ביז איבער די ברעגעס און געשטיקט אים אין האַלז.

ער שטייט אַזוי און קוקט זיך אום איבער די ליידיקע און וויסטע ווענט, איבער זיין עלנט בעטל, איבער דער נאַכט-פינסטערניש דורך די פענסטער און ער דערמאָנט זיך, אַז ער דאַרף נאָך דאָ אַזוי זיצן פיר — פינף שעה אַליין, איינזאַם. עס פאַלט אויף אים אַ פינסטערע אימה, ער הויבט אָן שפּרייזן הין און צוריק איבערן צימער, און די שטיקער פּאַפּיר מיט די מונדשטוקן שאַרן זיך דורך זיינע פיס פון איין אָרט צום אַנדערן, און פון קאָרידאָר הערט זיך דאָס געגעגען פון די גענז און דאָס אָפּקלאַפּעריי אויף די ווענט... און פּלוצלינג שווימט קאַפּויר אין זיין קאָפּ אַ גוטער איינפאַל, וואָס האָט פאַרטריבן זיין אומעט און אים אויפגעמונטערט. ער לויפט שנעל אַרויס פון זיין צימער.

פערט קאַפּיטל

אין קאָרידאָר אויפן צווייטן שטאָק שטייט יצחק פאַר אַ טיר און לייענט איבער געלאַסן די אויפשריפט פון דעם מעשענעם ברעטל, וואָס גלאַנצט אָפּ ביי דער שיין פון דער גאַז-לאַמטער: מ. קייסעראָוויטש.

ער איז אַביסל רואיקער געוואָרן, ער פילט אָבער, אַז ער איז מיד, ס'האַרץ קלאַפּט אים און דער שטערן איז אים באַגאָסן מיט שוויס: „כ'האָב מיך אַזוי געיאָגט!" — וואונדערט ער זיך אויף דער אויסטערלישער איילעניש און לויפעניש פון זיין צימער ביז דאָ אַהער, און עס דאַכט זיך אים, ווי אַ ווינט וואָלט אים אַהער געטראָגן, און אַהער געגאַנגען איז ער נישט מיט זיין ווילן און אייגענער קראַפט, ווייל ער געדענקט דאָך גאָרנישט דעם וועג און זיינע געדאַנקען, און געפילט האָט ער זיך, ווי אַ מענטש וואָס איז ניכטער געוואָרן פון שכרות.

ער הויבט זיך אָן אומקוקן אויף זיינע בגדים: די עקן

פון די הויזן זענען אים צעריסן און פאַרבלאָטיקט און עס שלעפּן זיך נאָך פיל צויטן. ער הויבט אָן זיך גלייך צו מאַכן, רייסט אויס די צויטן און קנייטשט מיט די הענט די הויזן און ער האַלט, אַז ס'איז שוין גוט... דערנאָך טוט ער אויס דאָס היטל, וואָס איז אָבער נאַס און צעקנאָדערט, מאַכט עס גלייך, גלעט צו מיט דער האַנט דאָס בערדל, וואָס האָט שוין צוויי וואָכן צייט קיין גאָל-מעסער נישט געזען און ער וויל אָנקלינגען.

און געווען זענען דאָרט צוויי גלעקלעך. איינס אַ פּראָסט, וואָס קלינגט דורך אַ דראָט, און דאָס צווייטע — אַן עלעקטריש, וואָס קלינגט, ווען מען רירט עס אָן מיטן פינגער ביים קנעפּל; און יצחק נעמט טראַכטן, וועלכעס זאָל ער נעמען, און דערווייל שטייט ער אַזוי און בייסט זיין אונטערשטע ליפּ און מאַכט פאַרשידענע העוויות און סדרט זיך, ווי אַזוי ער וועט רעדן.

„הער קייסעראָוויטש, כ'וואָלט געוואָלט געלט פאַרדינען...“ — איז ביי אים אין קאָפּ פאַרטיק געוואָרן אַ גאַנצע פראַזע, און מאַכט אַ שמייכל-גרימאַסע, וואָס פּאַסט צו צו אַזאַ רעדן און גיט אַ קלונג אָן ביים עלעקטרישן גלעקל. ער גלייכט זיך אויס, מאַכט זיך מוט און בלייבט שטיין און וואַרט.

און עס הערן זיך לייכטע שטילינקע טריט און די טיר עפנט זיך אויף, און ביי דער שוועל נאָענט נעבן יצחקן שטייט טאַקע — זי אַליין, די שיינע פרייליין, מיט איר נאַיוויטעט און חן, צאַרט, ליבלעך און אַזוי לייכט ווי אַ קינדהייטס-חלום... און זי מאַכט צו די טיר.

— דער הער קייסעראָוויטש איז אינדערהיים? — פרעגט יצחק.

— מיין פאָטער אינדערהיים... כ'וועל באַלד זען — ענטפערט זי שטאַמלענדיק.

זי קערט זיך אום און גייט אַריין אין צווייטן צימער, און יצחק קוקט אויף איר שלענגלענדיקן צאָפּ, אויף דעם שוואַרצן לאַקירטן פּאַסעק, וואָס זי האָט געטראָגן, וועלכער האָט זייער געגלאַנצט, און געדאַכט האָט זיך, אַז אַלע צימערן זענען פול מיט איר שיינקייט.

זי איז באַלד צוריקגעקומען און געפרעגט:

— דער הער וויל זען מיין טאַטן? דאַכט זיך, אַז דער הער אַרבעט אין געשעפט...

— כ׳האָב עפּעס אַן ענין — ענטפערט יצחק מיט אַ שמייכל, און ער פילט, ווי ער קריגט צוריק זיין גלייכגעוויכט און געפינט זיך ביי זיך — כ׳האָב אים געוואָלט פאָרשלאָגן אַ שידוך... — ער טוט אַ שטילן שמייכל, צוריקגעהאַלטן און פאַרבאָרגן אין זיינע אויגן און ליפּן. ער וואַרט אַ רגע און גיט צו:

— צי קאָן איך אפשר רעדן מיט דער מאַדעמואַזעל? איר וועט זיך נישט באַליידיקן? כ׳האָב געוואָלט פאָרשלאָגן אַ שידוך אייך, מאַדעמואַזעל...

— מיר?... פרעגט זי שטיל און איר געזיכט רויטלט זיך. זי וויל אויך אַ שמייכל טון, נאָר זי פילט, אַז אַ שמייכל איז נישט אויפן אָרט. זי רוקט זיך אָפּ און גייט אַריין אין גרויסן צימער. ער גייט איר נאָך און זי ווייזט אים אָן, אויף וועלכער טיר. יצחק גייט אַריין אין קאַבינעט פון הער קייסעראָוויטש.

און דער הער קייסעראָוויטש איז אַן אָרנטלעכער מאַן, געקליידט האַלב קורץ, האַלב לאַנג, שוואַרצע באָרד און ברעמען און האַלב-אָפענע אויגן, ער זיצט ביים שרייב-טיש און פאַר אים זיצט אַ מאָגערער מאַן אַ גלות, אַ רירעווודיקער אין ברילן, און לויט זיין פליסיקן רעדן און די שנעלע באַוועגונגען — אַרויסנעמענדיק אַלעמאָל זיין נאָטיצל פון דער טעקע — איז געווען צו דערקאָנען, אַז ער איז זיינס אַן אַגענט. יצחק מאַכט צו די טיר און בלייבט אַ ווײַלע שטיין.

קייסעראָוויטש בויגט דעם קאָפּ און ציט נאָך זיך זיין קליינעם גוף, שטרענגט אָן די אויגן און קוקט זיך צו:

— פאַניע — אַ? — זאָגט ער זיך קרימענדיק און זשמורנדיק מיט די אויגן — טויבקאָפּ? זיצט!

ער ווענדט פון אים אָפּ זיין בליק און הויבט ווידער אָן רעדן מיטן אַגענט. דער אַגענט קוקט אויך אויף יצחקן אויפמערקזאַם, און דערשפּירנדיק, אַז ער איז נישט קיין האַנדלסמענטש, לאָזט ער פון אים אַראָפּ זיין בליק און רעדט זיך ווייטער פליסיק. ער רעדט און רעדט אָן אויפהער, מיט אַן אויסטערלישער שנעלקייט

און גרויס מסירות־נפש, און קייסעראָוויטש האָרכט זיך צו שטיל און געלאַסן און אַמאָל נאָר גיט ער אַ הויב אויף די האַנט אין דער לופט אויך אַזוי רואיק און געלאַסן, לאָזט הערן וועלכן קלאַנג, וואָס ס׳איז נישט קלאָר, צי „ע” צי „אי”, וואָס באַטייט, אַז ער שטימט נישט איין, און דער אַגענט גאַרטלט זיך נאָך מער אונטער און פאַרשטאַרקט זיין פּליסיק רעדן און גיט אַ כאַפּ אָן קייסעראָוויטשן פאַר דער האַנט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט פון אים אַנטרונען ווערן...

אַזוי איז דורך אַ האַלבע שעה, און יצחק זיצט דערווייל אויף אַ בענקל און זיין האַרץ איז פול מיט בענקשאַפט נאָך דער נשמה, וואָס בלויז די וואַנט טיילט זיי ביידע פונאַנדער, נאָך דעם לויטערן געזיכט און די ליבע באַוועגונגען, די אַראָפּגעלאָזטע ברעמען... עס ווערט אים זייער לאַנגווייליק און עס באַפאַלט אים אַ שרעק. ער הויבט אָן זיך רירן אויפן בענקל און עס טוט אים באַנג אויף אַלדינג: אויף דער טאַט, וואָס ער טוט דאָ אָפּ, ווערנדיק אַ שדכן פאַר דער דאָזיקער פריילין, אויף זיין גאַנצער פירונג און אויף זיין גאַנץ לעבן...

ענדלעך איז דער אַגענט אַוועקגעגאַנגען. קייסעראָוויטש שטעלט זיך אויף און ווענדט זיך צו יצחקן:

— וואָס דערציילט איר עפּעס נייעס, פאַניע טויבקאָפּ? אַ?

— נייעס? — ענטפערט יצחק — כ׳האָב נישט קיין שום נייעס צו דערציילן, פון וואַנען ווייס איך דען נייעס? כ׳האָב עפּעס אַן ענין... כ׳וואָלט געוואָלט געלט פאַרדינען ביים הער קייסעראָוויטש...

און אויף יצחקס ליפּן באַווייזט זיך אַ שמייכל, אָט דער שמייכל, וואָס מען קאָן אים אויסטייטשן פאַרשידן. איין טייטש: גאָרנישט מיט גאָרנישט בין איך, דער רעדער, און אַ גרויסער שוטה, און דער צווייטער — איך בין פאָרט אויף אַ העכערער מדרגה פונם הער, און כ׳ווייס וואָס עס טוט זיך טיף אין זיין נשמה און דער דריטער: איך לאַך פון אים, און נאָך פאַרשידענע טייטשן האָט דער שמייכל געהאַט, נאָר מען קאָן זיי נישט אויסרעכענען...

און דער הער קייסעראָוויטש גייט צו נענטער צו יצחקן, קוקט אים אָן און ענטפערט:

— געלט פאַרדינען? — או – הו. גוט, אַוודאי, אַ מענטש דאַרף געלט פאַרדינען.

איך וויל, הער קייסעראָוויטש, פאָרשלאָגן אַ שידוך פאַר אייער טאָכטער; געהערט האָב איך, אַז איר שטייט אין שידוכים, האָב איך מיר געטראַכט, לאָמיך פרוואון. אפשר וועט עס מיר געלינגען און כ׳וועל געלט פאַרדינען... וואָס שאַדט עס אייך דען, אויב איך וועל געלט פאַרדינען?

— או – הו, אוודאי, אַוודאי... איז דער הער קייסעראָוויטש מסכים.

— דער הער קאָן דאָך אַוודאי שויבערן, וואָס אַרבעט אין געשעפט פון די ברידער ד.

—פון די ברידער ד. — זאָגט הער קייסעראָוויטש איינשטימענדיק.

— ער נעמט 120 רובל אַ חודש, אינטעליגענט און... מיט איין וואָרט: אַ פלייסיקער מאַן. ער איז אַ קאָמיוואָיאַזשער, רעדט רוסיש, פויליש...

— אַ – אַ! דער! — דערמאָנט זיך הער קייסעראָוויטש — כ׳האָב אַמאָל געהאַט מיט אים צו טון, יאָ...

און יצחק ווערט מוטיקער און נעמט ווידער לויבן דעם מענטש, אַז ער איז פון אַ שיינער משפחה, האָט גוטע באַנעמונג און פירט זיך אויף אָרנטלעך, מאַכט נישט קאַליע קיין געלט, און נאָך און נאָך; און ס׳ווייזט אויס, זיינע רייד זענען דעם הער קייסעראָוויטש אַריין אין קאָפּ — ער רופט אים צו און הייסט אים זעצן זיך ביים שרייב-טיש און ער אַליין זעצט זיך אַנטקעגנאיבער און האָרכט אויס אויפמערקזאַם און ענטפערט אים ערנסט:

— איך וויל טאַקע אַ מענטש. וואָס הייסט מענטש — ער זאָל טאַקע זיין אַ מענטש... ער מוז זיין אַ מענטש... און ד אָ ס איז נישט שלעכט! מען קאָן רעדן; כ׳הייס געבן טיי.

און אָפּגעמאַכט האָבן זיי צווישן זיך, אַז מאָרגן קומט

יצחק מיט שויבערן צו קייסעראָוויטשן אַהיים, און ער וועט אים פאָרשטעלן פאַר דער טאָכטער, כדי זיי זאָלן זיך באַקאָנען...

— איר פאַרשטייט, פאַניע טויבקאָפ — דערקלערט קייסעראָוויטש — היינט זענען אַנדערע צייטן; ס'דאַרף איינער דעם אַנדערן קענען; מיין טאָכטער האָט געענדיקט אַ גימנאַזיע און זי דאַרף האָבן אַ היינטוועלטישן חתן; מיינט נישט, אַז זי איז, חלילה, אַ פאַרשייטע; אַדרבא, נאָר היינט דאַרף איינער דעם אַנדערן קענען.

און אַרויסגייענדיק, האָט יצחק ווידער געזען די פריילין; אירע האָר זענען שוין נישט געווען אין אָרדענונג, דער צאָפ איז געווען צעגומען; זי איז געזעסן אָנגעשפאַרט דעם קאָפ ביים טיש און האָט אַפילו אויף אים נישט אויפגעהויבן די אויגן...

— אַ גוטן אָוונט — זאָגט יצחק — מען האָט אים אָבער נישט געענטפערט.

אויף אַ זומער־וואַוינונג

(שטימונגען און געדאַנקען)

דאָס ליכט איז אויסגעגאַנגען.

מיט אָפענע אויגן ליג איך אַליין אין צימער און קוק מיך איין אין דער פינסטערניש, וואָס אַרום מיר. איינשלאָפן קאָן איך נישט.

עס ציט זיך און ציט זיך די לאַנגע קייט פון שווערע פאַמעלעכע, דריקנדיקע געדאַנקען:

איידער דער פלאַם איז פאַרלאָשן געוואָרן, האָט ער געצאַנקט, איז געשפרונגען אין דער הויך: ער האָט זיך געריסן צו לייכטן, האָט זיך צעפלאַקערט. אַם ענד האָט ער, אָפגעהוסט און געשטאָרבן, און האָט נאָר איבערגעלאָזט אַ שלעכטן גערוך אין צימער.

פאַרוואָס האָב איך דאָס ליכט נישט אַליין פאַרלאָשן? — פרעג איך מיך — איך בין דאָך אַהער געקומען אויף זומער-וואוינונג, צו שעפן פרישע לופט?

וואָס איז דאָס פאַר אַ שלעכטע נייגונג אין מיר? איך האָב ליב צוצוקוקן, ווי עמעץ ראַנגלט זיך אומזיסט, רייסט זיך און מאַטערט זיך, און קלאַמערט זיך מיט אוממאַכט פאַרן לעבן, ווען קיין שום האָפענונג איז שוין נישטאָ, עפעס אַ שפּאָט-געפיל רופט דאָס אַרויס אין מיין האַרץ, אַ שפּאָט-געפיל, וואָס איך ליב ליידנשאַפטלעך.

קינדווייז נאָך, געדענק איך, פלעג איך שטיין קאַלטבלוטיק ביים בעט פון אַ גוסס און איינקוקן זיך אין זיין פנים, ביז די נשמה איז אים אויסגעגאַנגען. און דאָס געוויין פון די הויזיקע האָט מיר נאָר געשטערט...

איך דערמאָן מיך איצט אַזוי קלאָר דעם טויט פון מיין מלמד ר׳ מענדל: מיר דאַכט זיך צו הערן דאָס כריפען פון זיין גאָרגל, און צו זען זיין פנים, ווי עס באַוועגט זיך קראַמפהאַפט... איך קאָן

מיר פֿאַרשטעלן, אַז דאָס דאָזיקע פּנים פֿאַרמאָגט מער נישט קיין האָר, נישט קיין הויט... אַזעלכע בייניקע שאַרבנס ווערן פֿאַרקויפֿט פֿאַר געלט דאָרט, אין דער גרויסער שטאָט, וואָס איך האָב פֿאַרלאָזט...

אין דער פֿינסטעניש באַריר איך מיט די הענט מיין קאָפּ: פֿאַראַן נאָך הויט און האָר.

און ווער איז דער מענטש, וואָס וועט שטיין נעבן מיין בעט, ווען איך וועל שטאַרבן, און וועט זיך איינקוקן לײדנשאַפֿטלעך אין מ י י ן קראַמפּהאַפֿט זיך באַוועגנדיקן געזיכט?

און ווער איז דער מענטש, וואָס וועט געפֿינען מ י י ן בייניקן קאָפּ און וועט אים פֿאַרקויפֿן און וועט דערנאָך באַפֿרידיקן זיין האַרץ-לוסט מיט דעם געלט? —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שווער געמיט דו מיינס! וואו אַהין אַנטלויפֿן פֿון דיר?

אַז די ברוסט איז קראַנק, גייט מען אַרויס אויף זומער-וואוינונג, צו שעפּן פֿרישע לופֿט — און אַז די נשמה איז קראַנק, וואו אַהין גייט מען?

און אין דרויסן איז טויט-שטיל.

נאָר אָט האָט אַ הונט אַ ביל געגעבן.

איך בין דאַנקבאַר פֿאַר דעם קלאַנג; מיר איז אָנגענעם איצט כאָטש די דאָזיקע שטים פֿון אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש.

פֿון קליינעם וועלדל אַרויס ענטפֿערט דאָס ווידער-קול. אַ קורצע פּויזע. דער הונט האָט ווידער אַ ביל געגעבן, דאָס ווידער-קול ענטפֿערט.

און דעם הונט, דאַכט זיך אַ פּנים, אַז דאָס ענטפֿערט אים זיינס גלייכן פֿון וואַלד, און ער בילט ווייטער, און וואָס אַמאָל — אַלץ העכער... אָט האָב איך דערהערט זיינע טריט, ער לויפֿט צו צום פּלויט און נעמט בילן מיט כּעס. דאָס ווידער-קול ענטפֿערט.

דער הונט ווערט אויפֿגערעגט. וואָלט ער איצט געכאַפּט יענעם, וואָלט ער זיך געוויס איינגעריסן לײדנשאַפֿטלעך מיט זיינע ציין אין אים, ער לויפֿט אַהין און צוריק, ווי דול פֿאַר כּעס און בילט און בילט. דאָס ווידער-קול ענטפֿערט.

וואָס וועט זיין דער סוף?

דאָס האָט לאַנג, לאַנג געדויערט.

מיינע אויגן ווערן מיד. איך פיל, אַז דער שלאָף הויבט מיך אָן צו באַוועלטיקן.

אין קאָפּ צעלייגט זיך אַ נעפּל. — אַך, פאַרשווינדט בייזע מחשבות! לאָזט רוען אַ מידן מענטש!

נאָך איין געדאַנק שלעפּט זיך פּאַמעלעך-פּאַמעלעך אין מיין קאָפּ: צי זענען מיר קלוגער פאַר דעם הונט?

וואָס איז אַזוינס אונזער לעבן? וואָס — אונזער טון, אונזער לויפעניש אין לעבן? צי ענטפערן מיר נישט אויף אונזער אייגן ווידער-קול, יאָגן מיר זיך נישט נאָך אונזער אייגענעם שאָטן, שרעקן מיר זיך נישט פאַר דער אָפּשפּיגלונג פון אונזער אייגן געזיכט? —

איך וויל עפענען די אויגן און קאָן נישט. אַ סימן — טראַכט איך, — אַז איך שלאָף איין. נאָר דעם הונט הער איך נאָך אַלץ בילן, און דאָס ווידער-קול — ענטפערן. ביידע שטימען זענען איצט נאָענט, אָט האַרט קעגן בעט.

און ווידער קריכט, שלעפּט זיך אַ געדאַנק:

אַז דער הונט וועט שטאַרבן, וועט אַ נייער פאַרנעמען זיין אָרט, און וועט ווידער בילן און דאָס ווידער-קול וועט ענטפערן, און ער וועט ווערן אויפגערעגט און בייז און וועט אַרומלויפן ווי משוגע. —

הענט און פיס זענען מיר, ווי צוגעשמידט, איך וויל מיך רירן און קאָן נישט. אָך, ווי מיד איך בין. באַלד קומט דער שלאָף.

און דער הונט בילט, בילט; דאָס ווידער-קול ענטפערט. קאָנטיק, וועל איך איינשלאָפן, און זיך נישט דערוואַרטן דעם סוף.

חוה די שיינע

(פאָלקס-לעגענדע)

אין אַ לאַנד איז אַמאָל געווען אַ מאַן, וואָס האָט געהייסן יצחק. דער דאָזיקער מאַן איז געווען זייער רייך און האָט פאַרמאָגט פיל גיטער, נאָר זיין פרוי האָט אים נאָך קיין קינד נישט געבוירן, און אַזוי איז פאַרביי גאַנצע צען יאָר.

טרויעריק פלעגט דער מאַן אַרומגיין און טראַכטן: „כ׳האָב קיין קינד נישט, וואָס זאָל מיך ירשענען און מיין נאָמען אַמאָל דערמאָנען, און אַז איך וועל שטאַרבן, וועט מיין נאָמען אינגאַנצן פאַרלוירן גיין פון דער וועלט". אַזוי האָט ער אין זיך געטראַכט און נישט געוואָלט הנאה האָבן פון זיין גרויס פאַרמעגן און אָפּגעלעבט די טעג בלויז מיט ברויט און וואַסער, מיינענדיק: „צו וואָס טויג דאָס אָנפילן זיך, ווען איך שטאַרב אַליין?"

איינמאָל זיצנדיק אַזוי אין שטוב ביים טיש, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט, איז ער געוואָרן שטאַרק אומעטיק און טרויעריק. די זון איז פאַרגאַנגען, און די נאַכט-שאָטנס דרינגען אַריין אין שטוב און פאַרטרייבן פון דאָרט ביסלעכווייז די גאַנצע ליכטיקייט, די שטוב ווערט אַלץ פינסטערער און פינסטערער, ביז ס׳איז געוואָרן שטאָק-פינסטער, און דער מאַן איז איינגעהילט אין אַ שוואַרצן נעפּל.

ער זיצט אַזוי מיט אָפענע אויגן און קוקט זיך איין אין דער אַרומיקער פינסטערניש און וויל אַלץ נישט אָנצינדן קיין ליכט, ווייל שטאַרק געפּרעסט האָט אים דער אומעט און ער טראַכט זיך: „צו וואָס אָנצינדן ליכט, ווען די וועלט מיינע איז פ י נ ס ט ע ר!!"

ער זיצט און קוקט זיך איין, — עפּעס ווערט די אַרומיקע פינסטערניש ליכטיקער און ליכטיקער און זי זעט באַלד אויס,

ווי אַ וואָלקנדל אויף דער שיין פון דער זון, און אינם וואָלקנדל דערזעט ער אַ גרייז-גראָען מאַן, אַ ווייסע באָרד, אינגאַנצן אָנגעטון ווייס, און ער שטייט גלייך ווי אַ צעדערבוים.

דער אַלטער הויבט אָן צו רעדן: אליהו הנביא בין איך! אָט ערשט האָב איך געהערט וואָס דיין האַרץ טראַכט, האָסט געזאָגט: איך וואָלט דאָך מיין גאַנץ פאַרמעגן אַוועקגעגעבן, ווען כ'זאָל נאָר האָבן אַ זון אָדער אַ טאָכטער. אָט האָט גאָט מיך אַראָפּגעשיקט צו דיר, כ'זאָל דיר אָנזאָגן: דיין ווייב ווערט שוואַנגער און געבוירן וועט זי אַ טאָכטער. נאָר ווען זי וועט געבוירן ווערן, וועט דיין פאַרמעגן ווערן אַלץ קלענער און וויניקער. ווען דאָס קינד וועט אַנטווינט ווערן, וועט שוין אַ האַלב פון דיין פאַרמעגן נישט זיין, און ווען עס וועט דערוואַקסן ווערן, וועט פון דיין פאַרמעגן קיין פאָדעם נישט בלייבן, און דו וועסט מוזן לעבן פון שווערער האָרעוואַניע. אַצינד, אויב דו ווילסט טאַקע מיטן גאַנצן האַרץ אַוועקגעבן דיין פאַרמעגן, כדי דו זאָלסט האָבן אַ זון אָדער אַ טאָכטער,— זאָג-זשע דיין וואָרט, און גאָט דערפילט דיין באַגער.

און נאָך איידער אליהו הנביא ענדיקט זיין רעדן, און דעם מאַנס ליפּן פליסטערן שוין: „יאָ, יאָ"— איך וויל.

און אליהו הנביא איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

צום יאָר האָט יצחקס ווייב געבוירן אַ טאָכטער. אַ נאָמען האָט מען איר געגעבן חוה. דאָס קינד איז אַנטווינט געוואָרן, און חוה איז שוין געווען אַ בילד-שיינע פריילין, זי איז יעדן געפעלן. און גערופן האָט מען זי: „חוה די שיינע", וואָרום קיינמאָל האָט מען נאָך אַזאַ שיינע פריילין אין לאַנד נישט געזען.

יצחק און זיין פרוי האָבן זייער ליב געהאַט די טאָכטער, חוה, און שטאָלצירט מיט איר. זיי פלעגן זיך נאָר מיט איר פאַרנעמען, און זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף דעם פאַרמעגן, וואָס איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ קלענער און וויניקער.

אַז דער מאַן איז געזעסן אין דער היים, פלעגט ער זיך מיט איר שפּילן, געקושט איר שטערן, געקושט אירע באַקן און

אירע אויגן און געגלעט אירע האָר און זיך גאָר נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט דער שיינקייט פון דער פריילין, זיין טאָכטער, — אָן זיינע געשעפטן און זיין פאַרמעגן האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן.

און די פרוי, יצחקס פרוי, האָט אויך זייער ליב געהאַט חוהן, איר טאָכטער, און די גאַנצע שטוב-אַרבעט אוןווירטשאַפט האָט זי איבערגעלאָזט פאַר דער דינסט. זי האָט נישט מער געוואוסט, ווי נאָר אַרומצונעמען קושנדיק די טאָכטער און טאָג-און-נאַכט זיך פרעגן, ווי זי פילט זיך און באַזאָרגן זי מיט פאַרשידענע קליידער.

און איז ווער אַריינגעקומען צו יצחקן האָלץ צו קויפן ביי אים פון זיין וואַלד און פרעגן: ווי טייער איז דאָס האָלץ? — פלעגט יצחק ענטפערן:

— גוט, גוט! לאָז נאָר קומען דער פרילינג, וועסטו שוין, חוהלה פאָרן אין וואַלד אַריין: די לופט איז דאָרט זייער ריין.

וואָרום יצחק האָט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט פאַר-שטאַנען, און ס'איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז ס'זאָל ווער מיט אים רעדן וועגן האָלץ פון וואַלד, אָדער וועגן עפּעס אַנדערש, חוץ וועגן חוהן, די שענסטע פון אַלע מיידלעך.

און אַז יענער האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט וועגן פרייז פון האָלץ, פלעגט יצחק זיך בייזערן אויף אים, וואָס ער פאַרשטייט נישט און ווייסט נישט, ווי שיין און ווי ליבלעך זיין טאָכטער איז, און אים שפּאָטיש געענטפערט:

— אַ גראָבער יונג זענט איר, הער! איך וועל מיט אייך קיין געשעפטן נישט מאַכן!

און אויך זי, יצחקס פרוי, האָט פאַרגעסן די שטוב-ווירטשאַפט און געדענקט נאָר אָן דער טאָכטער. אַז די דינסט איז אַריינגעקומען און געפרעגט: „זאָל איך קויפן די גענז אויף שבת?" — פלעגט זי איר ענטפערן:

— חוה, מיין טאָכטער, גייט היינט אין גאָרטן אַריין; און דו גיי נאָר אַרויס און זע, צו דער הימל איז ריין, און צי עס וועט נישט זיין באַלד קיין רעגן!

חוה איז געווען אַ שיינע, קלוגע פריילין און זי האָט זייער ליב געהאַט די עלטערן.

מאַן-און-ווייב פלעגן זיצן אין דער היים און פאַרגעניגן געהאַט שמועסנדיק פון זייער שיינער טאָכטער, און יעדער ריר פון חוהס האַנט, יעדער קלאַנג פון איר מויל פלעגט זיי זייער אינטערעסירן.

און רעדנדיק אַזוי טאָג-און-נאַכט בלויז וועגן איר, האָבן זיי זיך אַמאָל אָנגעהויבן צו שפּאַרן איבער איר געשטאַלט: צו וועמען איז זי ענלעך. דער פאָטער ווייזט אויף, אַז חוהס געשטאַלט איז אינגאַנצן ווי זיינס, אַפילו אירע באַוועגונגען, איר גאַנג און איר רעדן זענען ענלעך צו זיינע באַוועגונגען, זיין גאַנג און זיין רעדן; די מוטער ווייזט ווידער אויף, אַז חוהס געזיכט איז גאָר ענלעך צו אירס, און חוהס באַוועגונגען — צו אירע, — און פונם רעדן און שפּאַרן זיך איז אַרויס אַ קריג.

און חוה האָרכט אַזוי, ווי אירע טאַטע-מאַמע קריגן זיך איבער איר, זי קאָן אָבער נישט פאַרשטיין, צוליב וואָס מען קריגט זיך — און זי האָט דאָך ביידע אַזוי ליב.

„אָ, ווי ליב איך האָב זיי, מיין גוטן פאָטער און מיין גוטע מוטער!“ — טראַכט זי זיך.

חוה נעמט אַרום דעם פאָטער און די מוטער און קושט זיי, זאָגנדיק: „ווי ליב איך האָב אייך, מיינע גוטע עלטערן!“

— גוט, גוט, טעכטערל! — זאָגט יצחק — זאָג מיר אָבער, טעכטערל, וועמען האָסטו ליבער: מיך, דיין טאַטן, צי דיין מאַמען?

ער האָט נאָך נישט געענדיקט זיין פראַגע, און די פרוי רייסט אים איבער:

— אמת, מיך, דיין מאַמען, האָסטו ליבער, גוט טעכטערל?

— אמת, מיך? — לאָזט יצחק נישט רעדן זיין פרוי.

און חוה שטייט שטיל פאַרטראַכט און ענטפערט דאָך:

— דעם טאַטן און די מאַמען האָב איך ליבער, כ'האָב אייך ביידע ליבער! אָ, ווי ליב איך האָב אייך, גוטע עלטערן!

— מיך — מער! אמת, טעכטערל? זאָגט דער פאָטער.

— מיך, מיך, די מאַמען — מער, אמת, טעכטערל? — לאָזט אים די מוטער נישט ענדיקן.

און חוה בלייבט שטיין אומעטיק, און פאַרקוקט זיך מיט אירע לויטערע און אומשולדיקע אויגן אויף אירע עלטערן, און איר הערצל ווערט פול רחמנות אויף זיי — אויפן טאַטן און אויף דער מאַמען.

און פלוצלינג — גיט זי אַ שטאַרקן וויין אַרויס...

שטאַרק דערשראָקן לויפט צו יצחק מיט דער פרוי צו איר, זיי ווישן איר אויס די טרערן, קושן זי און לייגן זי צוועק אויף איר בעטל זיך אָפּצורוען.

חוה מאַכט צו די אויגן, שעמענדיק זיך אָנצוקוקן אירע עלטערן, און טאַטע-מאַמע זיצן נעבן איר און קוקן זיך איין אין איר געזיכט און מיינען, אַז חוה שלאָפט.

— איר שטערן איז ענלעך צו מיינעם, קוק נאָר, — זאָגט יצחק צו זיין פרוי אין דער שטיל, נישט איבערצוּוועקן חוהן.

— נישט אמת! — ענטפערט זי אויך אַזוי שטיל — איר שטערן איז ענלעך צו מיינעם, זע נאָר אירע שלייפן — און זי רירט אָן מיטן פינגער חוהס שלייפן.

— זאָגסט ליגן!

— דו זאָגסט ליגן!

— דו וועקסט דאָך איבער חוהן!

— איבער דיר האָט חוה היינט געוויינט!

— איבער דיר! אַלץ איבער דיר!

— שאַ!

— שווייג דו!

און חוה האָרכט אַזוי אויס אַלץ און מאַכט נאָך מער צו די אויגן, כדי מען זאָל נישט דערזען אירע טרערן, און טראַכט זיך: יאָ, אַ שלעכט מיידל בין איך, די עלטערן קריגן זיך איבער מיר; איבער מיר איז אַלדינג!

זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן, און עס חלומט זיך איר, ווי די טאַטע-מאַמע שטייען פאַרן שפּיגל און קריגן זיך און שפּאַרן זיך בייז: אין וועמען איז חוה געראָטן מיט איר שיינקייט? די

טאַטע־מאַמע האַלטן זי, נעמען זי אָן און פירן זי צו צום שפּיגל, כדי אַלע דריי געזיכטער צו זען צוזאַמען. און חוה האָט שוין נישט געקאָנט פאַרנעמען דאָס קריגן זיך און איז אַנטלאָפן און אַריין אינעווייניק אין שפּיגל, און דאָרט דערזעט זי אַ גרייז־גראָען מאַן מיט צוויי פלעשלעך וואַסער אין די הענט, ער גייט צו איר צו און קושט זי, זאָגנדיק:

אליהו הנביא בין איך, טעכטערל! דו האָב נאָר נישט קיין מורא פאַר קיין זאַך! אָט האָב איך געהערט דיין בעטן, אַז דיין שיינקייט איז דיר שוין נמאס געוואָרן, וואָרום זי שטערט דעם פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון דיינע עלטערן. איצט נעם צו די דאָזיקע צוויי פלעשלעך, און אַז דו וועסט נאָר דיין געזיכט וואַשן מיטן וואַסער פון ערשטן פלעשל, פאַרלירסטו באַלד דיין שיינקייט און וועסט העסלעך אויסזען, אַז אין גאַנצן לאַנד וועט דיר קיין גלייכן נישט זיין, און ווען דו וואַשסט זיך נאָר מיטן וואַסער פון צווייטן פלעשל, קריגסטו צוריק דיין שיינקייט, און זיין וועסטו אַזוי שיין, אַז ס'וועט אין גאַנצן לאַנד קיין גלייכן נישט זיין, און אַצינד, אויב דו ווילסט טאַקע מיטן גאַנצן האַרץ, אַז דיינע עלטערן זאָלן לעבן בשלום — נעם־זשע אָט די פלעשלעך און טו מיט זיי לויט דיין פאַרשטאַנד.

צומאָרגנס באַגינען עפנט חוה אויף די אויגן און טראַכט זיך: „ס'האָט זיך מיר בלויז געחלומט", און איז אַראָפּ פון בעט; און שטעקנדיק די האַנט הינטערן קישן צוקאָפּנס, געפינט זי דאָרט צוויי פלעשלעך. זי גיט זיי אַ נעם און באַהאַלט זיי שנעל אין קעשענע אַריין, און גייט אַרויס שפּאַצירן.

זי גייט אַזוי אין גאַס און הערט, ווי איינער זאָגט צום אַנדערן:

— זעסט, אָט דאָס איז יצחקס טאָכטער, פון דעם, וואָס איז אַמאָל געווען אַ גביר און פיל גיטער געהאַט; ווי נאָר זיין טאָכטער, חוה, איז געבוירן געוואָרן, האָט ער אָפּגעלאָזט זיינע געשעפטן און ער פאַרברענגט בלויז מיט דער שיינער טאָכטער; וואָס אַמאָל פאַרמאָגט ער וויניקער, ער ווערט אַן אמתער אָרעמאַן. חוה איז טרויעריק געוואָרן, דערהערנדיק, אַז איבער איר

קומט אויף אירע עלטערן אַ גרויס אומגליק, און זי נעמט אַרויס דאָס ערשטע פלעשל און עפנט עס אויף און וואַשט איר געזיכט מיט דעם וואַסער, און באַלד איז איר שיינקייט פאַרשוואונדן, און זי איז געוואָרן העסלעך.

זי קומט אַהיים, און די עלטערן דערקאָנען זי נישט, זיי דערקאָנען אָבער איר שטים, און פאַרוואונדערנדיק זיך, ברעכן זיי אויס אין געוויין:

— ס'איז נישט אַנדערש, ווי מען האָט אונזער שיינער טאָכטער כישוף געטון! די, וואָס האָבן זי געזען, האָבן איר דאָס נישט געקאָנט פאַרגינען און געדונגען אַ כישוף-מאַכער, ער זאָל איר אַוועקנעמען איר שיין געזיכט.

און עס טרעפט זיך, אַז יצחקן האָט עמעצער געזאָגט: אין אַ לאַנד פון יענער זייט טייך גאַנגעס, אין אינדיע, איז פאַראַן אַן אַלטער כישוף-מאַכער, וואָס שטייגט איבער מיט זיינע צויבער-שטיק אַלע מכשפים און טרעפערס פון דער גאָרער וועלט, און וואָס ער זאָגט נאָר, געשעט עס באַלד.

יצחק באַשליסט דאַן צו פאַרקויפן אַלץ וואָס ער האָט, כדי ער זאָל האָבן אויף הוצאות אין דעם ווייטן וועג אַריין, וואָס פון יענער זייט טייך גאַנגעס. ער האָט שוין זיין גאַנצן פאַרמעגן פאַרקויפט און אָפּגעצאָלט אַלע זיינע חובות, און געבליבן איז אים פון דעם אַלעם אַפילו קיין איין גראָשן נישט.

יצחק מיט דער פרוי האָבן ביטער געוויינט, חוה האָט אויך געוויינט, וויסנדיק, אַז איבער איר איז דאָס גאַנצע אומגליק געקומען; איר סוד זאָגט זי אָבער נישט אויס, טראַכטנדיק: גלייכער מיינע עלטערן זאָלן זיין אָרעם, ווי זיי זאָלן זיך איבער מיר קריגן טעג-און-נעכט.

וואָרום יצחק האָט די טאָכטער אויסגעלערנט לייענען די ספרים פון די נביאים: און אין ספר „משלי שלמה", וועלכער איז קלוגער געווען פון אַלע מענטשן, לייענט חוה אַזאַ זאַץ:

טוב פת חרבה ושלוה בה מבית מלא זבחי ריב. *)

---

*) בעסער אַ טרוקן שטיקל ברויט און רואיק, ווי אַ הויז פול גוטס און קריגעריי.
דער זאַמלער

יצחק איז אינגאַנצן פאַראָרמט געוואָרן, און ער האָט געמוזט פאַרקויפן אַלע שטוב-כּלים אויף ברויט, כּדי ער, זיין פרוי און זיין טאָכטער זאָלן האָבן וואָס צו עסן — און פון די שטוב-כּלים איז קיין שפּור נישט געבליבן.

יצחק האָט שוין פאַרקויפט אויך זיינע מלבושים, פאַרקויפט שוין אויך דאָס בעטגעוואַנט און געקויפט זיך אַ האַק און געוואָרן אַ האָלץ-האַקער.

חוה זעט, אַז זי איז אַ לאַסט פאַר אירע עלטערן, וואָרום די פּאָר גראָשן, וואָס דער פאָטער ברענגט אַהיים אַלע טאָג, קלעקט נישט אויף צו דערנערן דריי נפשות, און חוה טראַכט זיך: ווי איז מיר! פאַר מיינעטוועגן טוט דער טאַטע די שווערסטע אַרבעט און פאַר מיינעטוועגן אַרבעט ער איבער די כּוחות.

חוה ברעכט אויס אין אַ גרויס געוויין און בעט גאָט, ער זאָל איר צונעמען די נשמה, ווייל איידער אַזאַ לעבן, איז איר שוין ניחא דער טויט.

ווי זי האָט געענדיקט איר געבעט צו גאָט, איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן אויף דער האַרטער פּאָדלאָגע (ביי יצחקן אין שטוב איז קיין בעטגעוואַנט, אַפילו קיין שטרוי שוין נישט געווען), און אין חלום באַווייזט זיך איר אליהו הנביא און זאָגט צו איר:

— גאָט האָט צוגעהערט דיין געבעט, טאָכטער מיינע! און אַצינד פאַרלאָז דיין טאַטנס הויז און דיין געבורטשטאָט, און די פלעשלעך, וואָס איך האָב דיר געגעבן, זאָלסטו מיט זיך מיטנעמען און גיי אין דאָרף אַריין צו איינעם אַ פּויער, און וועסט דאָרט בעטן אַרבעט, וואָרום גאַנץ גוטע מענטשן זענען די פּויערן, וואָס באַאַרבעטן די ערד.

דאָס מיידל איז אויפגעשטאַנען אינמיטן דער נאַכט, און צוגעגאַנגען שטיל צום פאָטער און צו דער מוטער, וואָס זענען געשלאָפן, און שטול זיי אַ קוש געטון, נישט איבערוועקנדיק זיי פון שלאָף, און איז אַרויס פון אירע עלטערנס הויז.

אויפן וועג נעמט זי דאָס ערשטע פלעשל און וואַשט איר געזיכט מיט דעם וואַסער — און חוה ווערט אַ בילד-שיינהייט, וואָס אין גאַנצן לאַנד איז איר גלייכן נישטאָ.

און פֿאַרטאָג צו איז זי אָנגעקומען אין דאָרף.

די זון איז נאָך נישט געווען אויפֿגעגאַנגען, נאָר פֿון מזרח־זייט האָט זיך שוין באַוויזן אַ לייכטער פּורפּור, ווי אַ גערויטלטקייט אויף די באַקן פֿון אַ תּמימותדיק מיידל, ווען עס זאָגט איר ווער, אַז זי איז שיין. און פֿון מזרח־זייט ביזן האַלבן הימל אַריין צעגיסט זיך אַ לייכטע ווייסקייט, און די שטערן גייען איין איינער נאָכן אַנדערן. די לבֿנה ווערט צוקוקנדיק בלייכער; אַ פֿריש לייכט ווינטל בלאָזט אויפֿן וועג, וואו חוה איז געגאַנגען, און שפּילט זיך מיט חוהס האָר און צעשפּרייט זיי אויף אַלע זייטן... און חוה גייט אַזוי שטיל פֿאַרטרויערט און קאָן נישט אַראָפּנעמען קיין אויג פֿון דעם הערלעכן בילד, וואָס אַנטפּלעקט זיך פֿון מזרח־זייט.

דער פּורפּור, וואָס באַדעקט דעם הימל ווערט אַלץ שטאַרקער און צעשפּרייט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט; און דער פּורפּור — איז אַזוי לויטער און לייכט, און ווען דו קוקסט זיך צו, פֿילט דיין האַרץ, אַז דאָס איז נישט קיין רויטקייט פֿון פֿאַרניכטנדיקן פֿייער, נאָר יונגנטלעכע גערויטלטקייט — די יוגנט פֿון נייעם טאָג, וואָס ווערט געבוירן אויף דער ערד.

די זון האָט שוין אויפֿגעשיינט!

און אויף וועלכן בוים אויפֿן וועג באַגריסט די שוואַלב די זון...

— טשיר — טשיר — טשיר! טשיר — טשיר — טשיר!...

דאָס הייסט: גוט מאָרגן דיר, זון!

און אין דער לופֿט אַרום הערט זיך דאָס זשומען פֿון די קליינע ברואימלעך, וואָס שוועבן הין און צוריק, וואָס זענען ערשט אויפֿגעקומען פֿון שלאָף און זינגען צו דער זון דאָס פֿרימאָרגן־געזאַנג.

און אַ נייער גייסט באַהערשט חוהן, און זי פֿאַרגעסט אָן איר שווער האַרץ, און זי ווערט פֿול האָפֿענונג, אירע אויגן פֿילן זיך אָן ליכט און לעבן, און גייענדיק הויבט זי אויך אָן צו זינגען.

— גוט מאָרגן דיר, זון! גוט מאָרגן דיר און מיינע עלטערן און אַלע גוטע מענטשן אויף דער וועלט.

און חוה גייט פאַרביי פאַר אַ טייך, און דערזעט אין וואַסער איר שיין געזיכט, און איז צופרידן; קוקט זיך אום אויף די בוימער — און איז צופרידן; קוקט אויף דער אויפשיינענדיקער זון — און איז צופרידן; און אויף דעם גאַנצן אַרום קוקט זי — און איז זייער צופרידן.

און די זון דערזעט חוהס געזיכט און צעשמייכלט זיך, טראַכטנדיק:

כ׳האָב ווירקלעך נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שיין און חנעוודיק מיידל אויף דער ערד, כ׳האָב ווירקלעך גוט געטון, וואָס איך בין אַרויס צו באַלייכטן די ערד פאַר די מענטשנס זין און פאַר די מענטשנס טעכטער, וואָס זענען אַזוי שיין.

און חוה איז אָנגעקומען אין דאָרף און איז זייער געפעלן די פויערן, וואָס באַאַרבעטן די ערד, און אַלע, וואָס האָבן זי געזען, האָבן זי ליב געקריגן, און געגעבן האָט מען איר אַ סטאַדע שאָף צו פיטערן — און חוה איז געוואָרן אַ פאַסטוכין.

די פויערישע זין פון אַרום, הערנדיק וועגן חוהן, די שיינע פאַסטוכין, זענען געקומען צו איר און געפרואווט איבער־רעדן זי, — יעדער פון זיי האָט שטאַרק געוואָלט מיט איר חתונה האָבן.

און חוה האָרכט אַזוי שטיל זייערע רייד; זיי רעדן, און זי שווייגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און גלעט מיט איר האַנט אַ קעפּל פון אַ יונג שעפּעלע פון איר סטאַדע.

און חוה ענטפערט (די אויגן קוקן אַראָפּ צו דער ערד, וואָרום זי איז שעמעוודיק):

— איין געזאַנג קאָן איך; און דאָס געזאַנג פרעגט אַ פראַגע, און אַז דו וועסט אויף איר ריכטיק ענטפערן, ווער איך דיין... ווייב.

און דאָס יינגל זאָגט:

— זינג דיין געזאַנג, חוה די פאַסטוכין, די שענסטע פון אַלע טעכטער!

און חוה זינגט:

יונגער, יונגער, האָרך מיך אויס.
נאָר דעם אמת זאָג מיר אויס,

צו מיין האַרץ טוט נעמען דיינס,
צו דיך גלוסט צום שיינקייט מיינס?

און ס'ענטפערט דער יונגערמאַן:
— איך שווער דיר, שענסטע פון אַלע טעכטער, אַז נאָר דיין גוט און אומשולדיק האַרץ נעמט מיין האַרץ; און ווען דו זאָלסט אַפילו העסלעך זיין, וואָלט איך אויסגעווײלט דיך, נאָר דיך, וואָרום נישטאָ אַזאַ גוט האַרץ, ווי דו — חוה די פּאַסטוכין, די שענסטע פון אַלע טעכטער!

און חוה זאָגט:
— שווער מיר צו.

און דער יונגערמאַן שווערט איר ביי אַלע הייליקייטן:
דאַן זאָגט חוה צום יונגענמאַן:
— אַצינד גיי אַהיים. און קום צו מיר מאָרגן באַגינען, און אַז דו וועסט מיך ווען, ווער איך דיינס — אַ...

אַ ווייב! — דערגאַנצט דאָס יינגל חוהס רעדן. וואָס שעמט ייד הויך אַרויסצוזאָגן דאָס וואָרט „ווייב".

דאָס יינגל גייט אַהיים צופרידן און גוט געשטימט.

ס'קומט אָן דער אָוונט, נעמט חוה דאָס ערשטע פלעשל און וואַשט מיט דעם וואַסער איר געזיכט, איר שיינקייט איז אַראָפּ, און זי האָט ווידער אויסגעזען העסלעך.

באַגינען — און דער יונגערמאַן איילט זיך אָנצוקומען, ווען די שעפּעלעך גייען אַרויס — ער זוכט אַרום חוהן, און ער געפינט זי נישט, ער האָט זי נישט דערקאָנט.

און חוה האָט אָבער דעם יונגענמאַן געזען פונדערווייטנס, און זי רופט אים אָן ביים נאָמען:
— אָט בין איך דאָ! איך בין דאָך — חוה, וועמען דו האָסט נעכטן ליב, געקריגן, היינט ווילסטו מיך נאָך? שטיי אויף און נעם מיך פאַר אַ —

דער יוגערמאַן דערקאָנט חוהס קול, און ווערט דערשטוינט, און טראַכט זיך: נישט אַנדערש, ווי נעכטן האָב איך געמוזט זיין שיכור, דען ווי אַזוי האָב איך מיר גאָר געקאָנט אָפּקלייבן פאַר אַ פרוי אַזאַ העסלעך מיידל!

ער ווענדט זיך צו חוהן:

— אַנטשולדיק דאָך, חוה, נעכטן בין איך שיכּור געווען און גערעדט נישט פּאַסיקע ווערטער. דו ווייסט דאָך, אַז איך בין רייך, און מיין ווייב מוז ווערן נאָר אַ שיין מיידל.

חוה שמייכלט אין זיך, און זאָגט אָבער דעם יונגעמאַן נישט קיין וואָרט. דער יונגערמאַן איז געגאַנגען זיין וועג, און חוה נעמט אַרויס דאָס צווייטע פלעשל און וואַשט מיט דעם וואַסער איר געזיכט, און זי ווערט באַלד אַ בילד־שיינהייט, וואָס אין גאַנצן לאַנד איז איר גלייכן נישטאָ — און זי היט ווייטער אָפּ איר סטאַדע, וואָרום חוה איז אַ גוטע פּאַסטוכין, וואָס זאָרגט פאַר איר סטאַדע, אירע שעפעלעך און ציגעלעך.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז אין לאַנד פאָרט דורך אַ קיניג, ער מיט זיין גאַנצן מיליטער. אין וועג ווערט דער קיניג דורשטיק, און ער פאַרלאָזט זיין לאַגער און גייט צו צום טייך. און חוה טרינקט דאַן אָן איר סטאַדע. דער קיניג דערזעט זי און קריגט צו איר שטאַרק חשק, און ער גייט צו איר צו:

— ווער ביסטו דאָס, די שענסטע פון אַלע טעכטער?

און חוה ענטפערט דעם קיניג:

— אַ פּאַסטוכין בין איך, און מיין נאָמען איז חוה; און ווער ביסט דו?

— איך בין נמרד, דער גרויסער קיניג, וואָס באַהערשט פיל פעלקער — און דיך, חוה די פּאַסטוכין, די שענסטע פון אַלע טעכטער, נעם איך פאַר מיין ווייב, וואָרום דו ביסט זייער שיין.

חוה צעוויינט זיך זייער. דער קיניג טרייסט זי און רעדט איר איין:

— האָב נישט קיין אַנגסט און שרעק דיך נישט! שטיי אויף און קום מיט מיר, און איך וועל דיך ברענגען אין מיין קיניגלעכן הויף אַריין, וואָרום דו ביסט מיר זייער געפעלן געוואָרן! נאָר אַז דו וועסט אַריינקומען אין מיין הויף, זאָלסטו נישט זאָגן, אַז דו ביסט אַ פּאַסטוכין (פאַרן קיניגס וועגן איז פאַראַן אַ געזעץ, אַז ער טאָר נישט נעמען קיין ווייב, אויב נישט פון די פירשטלעכע טעכטער), דו

זאָלסט ליבערש זאָגן, אַז דו ביסט אַן אינדישן פירשטס אַ טאָכטער.

און חוה וויינט ביטער און זאָגט צום קיניג:

— גרויסער האַר קיניג! איך בין דאָך נישט קיין אינדישן פירשטס אַ טאָכטער, און מיין פאָטער האָט מיך שטענדיק געלערנט, אַז ליגן זאָגן טאָר מען נישט.

און דער קיניג ענטפערט:

— דו דאַרפסט נאָר טון, וואָס מען באַפעלט דיר! שוין שטיי אויף און קום מיט מיר מיט.

און חוה איז געבראַכט געוואָרן אין דער הויפּט-שטאָט אַריין.

דער קיניג גרייט צו א גרויס מאָלצייט פאַר אַלע זיינע האַרן און דינער, אויף דער פייערונג פון זיין חתונה מיט דער פירשטין חוה.

אויף דעם מאָלצייט זאָגט חוה צו איינער פון אירע באַדינערינס:

— לאָמיך אַ רגע אַריינגיין זיך אָפּרוען אין מיין צימער. איך קום באַלד צוריק.

זי איז אַריין אין צימער און וואַשט איר געזיכט מיטן וואַסער פון ערשטן פלעשל, און איז געוואָרן העסלעך, און איז אַרויס און צוריקגעקומען אין זאַל, וואו דער קיניג און זיינע גרויסע האַרן זיצן. אַלע קוקן זי אָן און דערקאָנען זי נישט און וואונדערן זיך, טראַכטנדיק: „ווי קומט עפּעס דאָס דאָזיקע העסלעכע מיידל אין קיניגלעכן פּאַלאַץ?"

און חוה שאַרט זיך שטיל אַרויס פון קיניגלעכן פּאַלאַץ, און קיינער דערקאָנט זי נישט, און זי איז צוריק אַוועק אין דאָרף און פיטערט ווידער איר שאָף.

און דער קיניג האָט זייער באַדויערט, וואָס די קיניגין האָט זיך אַרויסגענאַרט פון זיין קיניגלעכן פּאַלאַץ און איז פאַרשוואונדן אָן שום שפור. ער לאָזט אַרויס אַ באַפעל און צעשיקט אים איבער אַלע זיינע באַהערשטע לענדער:

„זוכט אין אַלע דורך מיר באַהערשטע לענדער און געפינט מיר אויף די פאַסטוכין חוה, די שענסטע פון אַלע טעכטער".

און אַלע שרייבערס ענטפערן אים אָפּ שריפטלעך:

„מיר ווייסן נישט און מיר האָבן גאָרנישט געהערט וועגן דער פּאַסטוכין חוה, די שענסטע פון אַלע טעכטער".

און זיין שטעלפאַרטרעטער פון דער פּראָווינץ, וואו חוה האָט געפיטערט איר שאָף, ענטפערט אים אָפּ אין זיין שריפט:

„ס'איז ווירקלעך דאָ אַ פּאַסטוכין מיטן נאָמען חוה, נאָר זי איז אָבער זייער, זייער העסלעך, און דעם קיניג שטייט גאָר נישט אָן צו ברענגען זי אין זיין קיניגלעכן הויף".

פון דעמאָלט אָן, זייט חוה איז אַרויס פון קיניגלעכן הויף, האָט זי זיך שוין מער נישט געוואַשן מיטן וואַסער פון צווייטן פלעשל, און געבליבן איז זי העסלעך, אַז קיינער האָט זי נישט דערקאָנט.

און דער קיניג איז פון שטאַרקן כּעס און ווייטאָג קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

ווי נאָר דער קיניג איז געשטאָרבן, איז חוה ווידער געוועזן די בילד-שיינע.

און יצחק האָט יאָרנלאַנג אַרומגעזוכט זיין טאָכטער און האָט זי נישט געפונען. אָנגעוויינט זיך טעג און יאָרן.

ער הויבט אָן צו האַנדלען, און גאָט בענטשט אים מיט הצלחה, און ער ווערט אַלץ רייכער און רייכער, און איצט האָט ער שוין פיל מער גיטער געהאַט, ווי איידער ער איז געוואָרן אַ האַלץ-האַקער.

און ס'טרעפט, אַז יצחק איז געשעפטלעך אין וועג, און באַנדיטן באַפאַלן אים. יצחק איז אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין און דאָרט גענעכטיקט.

ביינאַכט אין חלום קומט צו אים אליהו הנביא און זאָגט אים:

— דיין פאַרלוירענע טאָכטער חוה לעבט; און זי איז דאָ גאַנץ נאָענט. אויפשטייענדיק באַגינען, וועסטו אַרויס פון וואַלד פון מזרח-זייט, — דאָרטן וועסטו זי געפינען.

דער מאַן שטייט אויף באַגינען און ווענדט זיך צו מזרח, און ער דערגייט צו אַ לאָנקע, וואו חוה האָט געפיטערט איר

שאָף, ער האָט זי דערקאָנט, און פֿאַלט איר אויפֿן האַלז פֿון גרויס שמחה, און חוה פֿאַלט דעם פֿאָטער אויפֿן האַלז און צעוויינט זיך, — אַ חודש צייט איז דער פֿאָטער מיט איר געווען.

און אָט קומט צו חוהן אַ יינגל, און ער וויל זי נעמען פֿאַר אַ ווייב.

חוה טוט אים דאָס זעלבע, ווי זי טוט אַלע אַנדערע יינגלעך: וואָרום איבערנאַכט ווערט זי אַ העסלעכע.

דאָס יינגל איז אָבער געווען זייער אָרנטלעך, און זעענדיק צומאָרגנס חוהס שלעכט אויסזען, האָט ער שוין זיין וואָרט נישט צוריק געצויגן, דאָס יינגל איז חוהן אויך געפֿעלן, און זי איז געוואָרן זיין ווייב, און רואיק און גליקלעך האָבן זיי אויסגעלעבט זייערע יאָרן.

פֿון העברעיש: יצחק וויינטרויב

ביינאַכט

(שטימונגען און געדאַנקען)

די נאַכט איז זייער פינסטער, ס'איז איינע פון די סוף-חודש-נעכט. דער אומעט טרייבט מיך אַרויס פון שטוב, און באַהערשט פון דער פינסטערניש אין דער שטאַרקער שטיל-שווייגעניש, שפּאַציר איך אַרום צווישן די אַלעען-ביימלעך פאַר מיין הויז.

שוין נאָך האַלבער נאַכט. די לבנה ווייזט זיך נישט און וועט זיך נישט ווייזן, און נעכטן ביינאַכט האָט מען זי אויך נישט געזען. דער הימל איבער מיין קאָפּ איז זייער פאַרנעפּלט: נאָר וועלכע שטערן, ווייט איינער פון אַנדערן, זעען זיך קוים, און זייער שוואַכע שיין, ווי זי וואָלט געזונקען אין די הויכן, און וויל נישט אַראָפּ אויף דער שוואַרצער ערד. אַרום מיר איז פינסטער און אַ טיף-שווערער שלאָף.

דער אומעט פאַרשווינדט לאַנגזאַם, דאָס האַרץ פילט זיך אָן מיט זאַכטקייט און רו. מיין נשמה שטילט זיך איין, פונקט ווי כ'וואָלט זיך ערשט גוט אויסגעוויינט און אַ גוטע שוועסטער האָט מיר די טרערן אויסגעווישט. אַ געדאַנק באַגלייט מיך אין וועג, אַז איך איינער בין אויף, בעת די גאַנצע וועלט אַרום שלאָפט.

איינער אַליין! הימל און ערד און פינסטערניש און שטיל-שווייגעניש — און איך נעם זיי אַלע אַריין אין מיר, וואָרום כ'לעב דאָך. „גר — גר — גר" ענטפערט מיר אַ שטים פון דער שטיל-שווייגעניש. אָט ער איז אויך אויף, פונקט ווי איך, צווישן אַלע, וואָס שלאָפן. ווער איז דאָס? אַ ווערמל? וואָס וויל עס איצט, אין דער נאַכט-פינסטערניש? וואָס שטערט עס עפּעס די שטיל-שווייגעניש? כ'קום אָן צום עק שטעג, ווערט די שטים שטיל. געוויס האָט עס געהערט טריט, וואָס דערנענטערן זיך, און איז פאַר מורא שטיל געבליבן. איך שטיי אויפן אָרט אַ פּאָר מינוט און שווייג.

און ווידער די שטים: „גר — גר". כ'גיב אַ ריר אָן מיט דער האַנט דעם נאָענטן בוים, די בלעטער רוישן, און די שטים ווערט שטיל. און די שטילקייט אַרום איז אַזוי אומשולדיק און רואיק. איך בין אָבער נישט איינזאַם: איך ווייס גאַנץ קלאָר, אַז אין גראָז, נאָענט פון מיר, באַהאַלט זיך ווערעלכעס ווערעמל, וואָס פילט מיין נאָענטקייט, פונקט ווי איך פיל זיין נאָענטקייט, און שרעקט זיך פאַר מיר, ווייל איך שרעק עס איבער. און ווער ווייסט? אפשר פרעגט עס גאָר ווי איך: ווער איז דאָס דער, וואָס שטערט די שטילקייט, זיין שטילקייט; ווער איז דאָס דער, וואָס רייסט איבער די רו, זיין רו? „גר — גר — גר" הערט ווידער זיך זיי שטים, וואָס איז נאָך שוואַכער און געדריקטער ווי פריער. יאָ, עס פרעגט טאַקע; האָט עס אַ קאָפּ, פרעגט דער קאָפּ, אַנישט — פרעגן אַלע גלידער. עס פרעגט, און קיינער, קיינמאָל וועט מען אים אָבער נישט ענטפערן. צווישן איין באַשעפעניש און דעם אַנדערן האָט דער באַשעפער געשטעלט אַ גרענעץ, אַן אייביקע גרענעץ, וואָס קיין לעבעדיקער וועט זי נישט אַריבער! אָפּגעריסן, איינזאַם און אַליין זענען מיר אויף דער וועלט, און יעדער איינער טאַפּט אין דער פינסטער — צווישן איין באַשעפעניש און אַנדערן, צווישן איין מענטש און אַנדערן, צווישן אַלעם דעם, וואָס האָט אַ נשמה אין זיך, שטייט אַ גרענעץ, וואָס מען קאָן זי נישט אַריבער.

און זאָלן מיר לעבן טויזנט יאָר, און זאָלן מיר רעדן אָדער גרילן — נישטאָ, ווער ס'זאָל הערן, נישטאָ, ווער ס'זאָל פאַרשטיין, וואָס מיר רעדן אָדער גרילן. און אומזיסט איז דאָס רעדן, און אומזיסט מערן מיר רייד, וועלנדיק אויסדריקן אונזערע געפילן, ס'זאָל ווער הערן, ס'זאָל ווער פאַרשטיין. דער, וואָס הערט, הערט נאָר זיין אייגענע שטים, און דער, וואָס פאַרשטייט, פאַרשטייט נאָר זיך זעלבסט. און אונזערע נשמה-געפילן וועלן גלייך מיט אונז פאַרלוירן גיין.

יאָ, אין דער פינסטער זענען מיר געקומען און אין דער פינסטער וועלן מיר אַוועקגיין. און דאָס רוישן פון די צווייגן אויף די ביימער, וואָס אַ ווינטל האָט זיי אַ גלעט געטון, ווי עס

וואָלט געענטפערט אויף מיין געדאַנק: פינסטערניש, פינסטערניש, אָן עק, אָן גרענעץ...

און דאָס בעסטע וואָלט דער מענטש געטון אין לעבן — טראַכט איך — ווען ער שווייגט שטיל, פאַרשליסט און פאַרהאַמערט גוט דאָס האַרץ, און פאַרבאָרגט אין זיך טיף זיין ווייטאָג, אַז קיינער זאָל דערפון גאָרנישט וויסן, און דערפון זאָל גאָרנישט אָפּקומען און פאַרשוועכט ווערן...

און די ביימער זענען פלוצלינג שטיל געבליבן, ווי זיי וואָלטן זיך אַליין דערמאָנט, אַז אומזיסט און אומגישט באַמיען זיי זיך אויסצודריקן זייער זיין און האָבן דערפון רעזיגנירט און בעסער שטיל געבליבן. — — —

די פינסטערניש אַרום מיר ווערט אַלץ געדיכטער. איך זיץ אַזוי אויף דער באַנק, אין דער מיט שטעג, און מיין בליק דרינגט טיף אַריין אין דער פינסטערניש. און אַן אומגעהויערע אימה באַפאַלט מיך: כ'האָב מורא אַ ריר צו טון מיט אַ האַנט אָדער פוס... די שטיל־שווייגעניש און די פינסטערניש אַרום מיר זעען אויס, ווי אַ לעבעדיק ווען, וואָס איז שטאַרקער פון מיר און באַהערשט מיין ווילן. די אויגן פאַלן מיר צו. איך זיץ אַזוי און וויל אַנדרימלט ווערן, אַביסל אָפּצושוואַכן מיין שרעק.

כ'זע שוין נישט די אַרומיקע פינסטערניש, אָבער גרויס איז די פינסטערניש אין מיר זעלבסט, און פונדערווייטנס דערהערט זיך אַ וואָיען פון אַ הונט. און דאָס קול איז שרעקלעך, זייער שרעקלעך. אַנדערע הונט ענטפערן אים אָפּ וואָיענדיק, און עס שוועבט אַרום אין דער לופט אַ שווער דערדריקנדיק געיאָמער, פול האַרץ־ווייטאָג, נישט איבערצוטראָגן, יאוש אָן גרענעץ און אָנמעכטיקייט: אַ — או — — — ו, אַ — או — — — ו. און דאָס געיאָמער דרינגט מיר דורך די נשמה און די ביינער. איך טראַכט, אַז אַ מחנה שוואַרצע הינט באַגראָבן דאָס איצט זייער גליק און האַלטן דערביי טרויער־און קלאָג־רעדעס: אַ — או — — — פאַרלוירן שוין דאָס גליק, פאַרלוירן שוין זייער טאָג־ליכט אויף שטענדיק און אויף אייביקע צייטן. אַ — או — — — און מיר און אונזערע קינדער

און קינדס-קינדער וועלן, ווי לאַנג די וועלט וועט שטיין, אַזוי לעבן אין דער פינסטערניש!

פון העברעיש: יצחק ווײנטרויב

אין וועלדל

(שטימונגען און געדאַנקען)

ס'איז זייער אַ הייסער טאָג, און איך דריי מיך אַרום צווישן די בוימער פון וועלדל און זוך ערגעץ אַ דיקערן צווייגיקן בוים זיך אַביסל אָפּצורוען הינטער אים. זיך אָפּרוען? — כ'זאָל זיך נאָר קאָנען אָפּרוען! אָט איידער כ'האָב נאָר באַוויזן אַ רגע אָפּצורוען אויפן אָרט, און מיין אומרו גיט מיך באַלד אַ שטעל אויף אויף די פיס. און דאָס האַרץ יאָגט מיך: גיי! און גלייך ווי מען וואָלט מיך געיאָגט און ווי מען וואָלט געשלאָגן איבערן רוקן מיט אַ באַפּעלערישער שטים „ווייטער", איך איל מיך צו גיין, זיך אַנידערזעצן און באַלד ווידער אויפשטיין. —

„רו, אַך גאָט מיינער!" פּליסטערט אין מיין נשמה אַ תּפילה, נאָר מיינע ליפּן באַוועגן זיך נישט — איך קאָן נישט תּפילה טון: כ'האָב מורא פאַר מיין אייגענעם שאָטן, ער זאָל מיר נישט געבן אַ רוף אויס אויפן הויכן קול: „שקר"... און פונדערווייטנס הער איך, ווי דער קוקוק רופט, און איך גיי צו נענטער צום אָרט, פון וואַנען איך הער די שטים. אין וועלדל הערשט אַ שטיל־שווייגן. ס'הערט זיך קוים אַמאָל דאָס זשומען פון בינען, און דער רוף פון קוקוק צעגיסט זיך איבערן גאַנצן וועלדל. די בוימער שטייען אָבער שטילשווייגנדיק. אָ, ווי ליב איז דער דאָזיקער רוף! ווי נאַיוו, ווי פּשוט און ריין דאָס געזאַנג איז, קו — קו, קו — קו, קו — קו... אָט דאָס קליינע באַשעפענישל קאָן נאָר איין געזאַנג, און דאָס חזרט עס דאָס גאַנצע לעבן, עס ווערט גאָר נישט מיד איבערצוחזרן עס אומצאָליקע מאָל, וואָרום זיין נשמה גיסט זיך אויס אין דעם, אין דעם איינעם געזאַנג!

איך שטיי אַזוי נאָענט פון בוים, פון וואַנען עס הערט זיך די שטים, און האָרך מיך גוט איין. צוויי טענער בלויז זענען דאָ אין דער מעלאָדיע, און פונדעסטוועגן איז אין איר

פאַראַן אַ גאַנצע קאָמפּאָזיציע, וואָס טיילט זיך אויף צוויי טיילן, וואָס דער צווייטער דערגאַנצט און פאַרענטפערט דעם ערשטן. רופט דער געליבטער זיין געליבטע, אָדער רופט די געליבטע איר געליבטן? אָדער אָנערקענט ער זיין זיין אויף דער וועלט און זינגט זיין לעבנס-געזאַנג? און דאָס געזאַנג דרינגט טיף אַריין אין מיין נשמה און רודערט זי אויף.

ליג איך אַזוי אויסגעצויגן, קוק מיך איין אין ריינעם הימל, אינם טיפן הימל, און דער קוקוק רופט און רופט אָן אויפהער. איך וויל אַלץ דערגיין דעם תוך און די טיף פון דעם פשוטן געזאַנג, און מיין האַרץ ווערט פול פון מינוט צו מינוט מיט ליבע. מיט ריינער, פשוטער ליבע, ווי אָט די מעלאָדיע, צו אָט דעם קליינעם באַשעפענישל, וואָס שטייט אויפן בוים און חזרט זיין געזאַנג.

זיכער אַזוי — טראַכט איך מיר — אין דעם געזאַנג דריקט עס אויס דעם סוד פון זיין באַשאַפן ווערן, זיין לעבנס-פרייד און דעם אומעט פון טויט, וואָס וואַרט אויף אים — עס זינגט דאָס געזאַנג פון לעבן און טויט, און דאָס געזאַנג נעמט דורך די נשמה. קו — קו, קו — קו, קו — קו...

די ערשטע העלפט פון דער מעלאָדיע איז, ווי זי וואָלט זיך געפרעגט, גערוגזט און אַביסל געקלאָגט, נאָר די צווייטע העלפט אָבער איז פול מיט טיפן באַהאַלטענעם טרויער, מיט אונטערגעבן זיך דעם עול פון דעם מוז און מיט צוריקקער צום לעבן, צום פשוטן לעבן, וואָס אַזאַ פשוטע מעלאָדיע איז גענוג אימשטאַנד עס אויסצודריקן. אין דעם דאָזיקן געזאַנג אַנטפּלעקט זיך אין דער וועלט זיין נשמה. מיין נשמה הערט אין דעם דעם כוח פון לעבן, דעם „אייביק", וואָס געהערט אָן סיי מיר, דעם מענטשן-קינד, וואָס גייט אויף צוויי פיס, סיי אים, דעם קליינעם שוואַכן פייגעלע.

גוטער פויגל, ווי קליין זענען דיינע באַגערן אין דער גרויסער וועלט! ווי גוט אָבער דריקסטו זיי אויס אין דיינע צוויי טענער, וואָס דיינע עלטערן האָבן דיר איבערגעלאָזט בירושה, און וועלכע דו ווידער וועסט פאַר דיינע קינדער איבערלאָזן! קו—קו, קו—קו, קו—קו...

אָ, ווען מיין נשמה זאָל קאָנען באַגרייפן אירע באַגערן און אויסדריקן זיי אין אַ שפּראַך, וואָס דער פויגל זאָל זי פאַרשטיין!

און דאָס ליבע-געפּיל, וואָס דאָס באַשעפענישל דערוועקט אין מיר, מאַכט מיר שווער אויפן האַרץ, און ס'ווילט זיך אויסגיסן און זיך אַנטפּלעקן פאַר דעם קוקוק, וואָס איך האָב ליב איצט אַזוי ריין, נאַיוו און פּשוט, ווי די דאָזיקע מעלאָדיע.

און די דאָזיקע געדאַנקען גיט פּלוצלינג אַ רייס איבער אַ מיט שרעק אַריינדרינגענדיקע שטים:

קראַ—אַ! קראַ—אַ! קראַ—אַ!

די קראָ איז דאָס, וואָס האָט די לופט אויפגעציטערט מיט איר רייסנדיקער שטים. אַרויס איז זי פון צווייגן-געפלעכט און געפלויגן צום טייך צו. „קראַ! קראַ! קראַ!" איר שטים הער איך נאָך פונדערווייטנס, און זי דרינגט דורך מיין נשמה, און מיין גוף ציטערט אויף איינגאַנצן... און ווידער שטעל איך מיך אויף פון אָרט, צאָרניק און בייז אויף דער דאָזיקער קראָ און איר גלייכן, און דריי מיך ווידער אַרום צווישן די בוימער. אַ שווערער געדאַנק לעכערט מיר דעם מוח.

— און וואָס איז די קראָ שולדיק? פרעג איך זיך זעלבסט — וואָס איז דער חטא און דער פאַרברעך פון דעם קליינעם באַשעפעניש, ווען זיין שטים דערוועקט אָפּשיי און עקל ביי מיר, אין קאָפּ פון אַ מענטש, וועלכער איז דאָך נישט מסוגל צו באַנעמען לויט זיין פאָרם און בוי אַזאַ אַרט רוף? דאָך קאָן זי נאָר איין געזאַנג אין לעבן, מיט וואָס זי דריקט אויס פאַר דער גרזיסער וועלט איר גאַנץ ווען, אַ געזאַנג אַזוי פּשוט און נאַיוו, דאָס געזאַנג, „קראַ—קראַ—קראַ"; און אין דעם געזאַנג גיסט זי דאָך אויס איר נשמה, די נשמה פון דער קראָ, וואָס אין תוך און גרונט איז זי דאָך איינס מיט דער נשמה פון קוקוק און מיט מיין נשמה, וואָרום איין קראַפט באַלעבט דאָך אונז אַלע דריי, מיר אַלע וועלן שטאַרבן, און איין געמיינזאַמען פאַרלאַנג האָבן מיר אַלע — זינגען אונזער געזאַנג פון לעבן און טויט!..

און ווי מען וואָלט מיך געיאָגט, און ווי מען וואָלט מיך געשלאָגן מיט אַ בייטש איבערן רוקן מיט אַ באַפעלערישער שטים „ווייטער”—יאָג איך מיך גיין, אַנידערזעצן, באַלד אויפשטעלן זיך און ווידער גיין, גיין...

פון העברעיש: יצחק ווינטרויב

אויפן דאַך

(שטימונגען און געדאַנקען)

אין צימער איז מיר ענג, און איך גיי אַרויס דורכן פענסטער אויפן דאַך פון ערשטן שטאָק, וואָס איז פיל ברייטער פון דעם העכערן, וואו מיין צימער איז. דער דאַך איז נישט אַזוי שיף, איך ליג אַזוי דאָרט און קוק זיך אום איבער דער געראַומיקייט, וואָס איז פאַר די אויגן. אַ האַלבער עגול ערד, וואָס ציט זיך אויס פאַר מיר, איז טריב און טונקל; ביים עק זיינעם איז פאַראַן אַ וועלדל, וואָס זעט מיר אויס זייער נידעריק. איבערן וועלדל שפרייט זיך אויס דער הימל, וואָס איז אויסגעזייעט מיט פיל שטערן, גרויסע און קליינע, פינקלדיקע און טונקלערע. דורך דעם וועלדל ציטערט אַ שיין, וואָס באַהאַלט און פאַרלירט זיך אַלע ווייַלע אין דער געדיכטעניש פונם וועלדל. שווער צו דערקענען, וואָס פאַר אַ שיין דאָס איז: צי איז עס אַ ציטערדיקער שטערן אין הימל איבערן וועלדל, צי גאָר אַ שיין, וואָס שניידט זיך דורך אַ פענסטער פון אַ הויז, וואָס איז באַהאַלטן צווישן די ביימער. דאָ, איבער מיין קאָפּ, איז דער הימל זייער הויך און טיף; איך זע גוט דעם מילך-וועג מיט זיינע אָפּוויַיכונגען, איך קען אָבער נישט דערקענען זיינע גרענעצן: דער ווייסער שיין-פלעק ווערט וואָס אַמאָל טונקעלער פון אַלע זייטן, ביז ער גייט איין אין שוואַרצן הימל.

איך ליג אַזוי און קוק אין הימל אַריין, און מיין האַרץ פרעסט אַ געפיל פון שפלות, הכנעה און אייביקער קנעכטשאַפט פאַר דער גרויסער וועלט, פאַר די מיליאָנען גרויסע וועלטן...
ס'טוט מיר באַנג, וויאַזוי איך קען זיך נישט באַהאַלטן און פאַרבאָרגן ערגעץ וואו, פון וואַנען עס זאָל מיך נישט קאָנען געפינען די גרויסע וועלט, וואָס דריקט אַראָפּ דעם שטאָלץ פון מיין גייסט, און מאַכט מיך מיט אַלץ אין מיר צונישט. צי איז טאַקע שוין נישטאָ קיין אָרט, וואו כ'זאָל קאָנען זיין אַליין, וויסן און

קאָנען בלויז מיך אַליין, מיין וועזן!! און די דאָזיקע גרויסע וועלט ווערט אין מיינע אויגן, ווי אַ גרויסע תּפיסה, וואוהין מען האָט איינגעזעצט אויך מיך, דעם אונטערטעניקן קנעכט...

איך מאַך עטוואָס צו די אויגן, און דער האַלב-רונד פון הימל-און-ערד ציט זיך איין אין איין מטושטש בילד, וואָס איז ענלעך צו אַ גרויס אָפן מויל, גרייט איינצושלינגען אַלץ. די אויגן דרימלען איין, און איך מיין, אַז דאָרטן, איבער דער גרענעץ פון הימל-און-ערד, שטייט זייער אַ גרויסע שרעקלעכע חיה, און זי עפנט אויף איר קעל, וואו מיר קריכן אַרום; און מיר דאַכט זיך, אַז גענוג איז בלויז וועלכער ריר אין בויך פון דער דאָזיקער חיה, אַז זי זאָל געבן אַ פאַרמאַך די קעל, און מיר ווערן צעקוועטשט צווישן די צונויפגעפרעסטע הימל-און-ערד.

דעם דאָזיקן אויסטערלישן געדאַנק וויל איך פון מיר אַוועקיאָגן, און שטרענג מיך אָן צו ליגן אויף אַ זייט, און מיין באַוועגונג דערמאָנט מיך, אַז דאַך ליג איך אויף אַ האַרטן דאַך און נישט אויפן בעט. די גלידער זענען מיר שווער, און איך טראַכט, ס'איז גלאַט נאַריש צו באַוועגן זיך, צו ווירקן און עפּעס אויפטאָן, וואָרום ווירקלעך, וואָס פאַר אַ ווערט און נוץ איז פאַראַן אין דעם, אויב וועלכעס באַשעפעניש, וואָס ליגט מיד ערגעץ אויף אַ דאַך פון אַ הויז, וואָס שטייט אויף וועלכן קליינעם און פאַרוואָרפענעם שטערן, וועלכער הייסט „ערד“, א יב דאָס באַשעפעניש דרייט אום דעם רוקן אויף דער אָדער יענער זייט, אויב עס ליגט אויפן בעט צי גאָר אויפן דאַך....

מיט דעם דאָזיקן געדאַנק בין איך איינגעשלאָפן, איבער-געוועקט האָט מיך דער פויגל, וואָס נעסטעט אויפן דאַך פון צווייטן שטאָק.

נישט פרעמד איז מיר די שטים פון דעם פויגל; יעדן באַגינען, פאַר זון-אויפגאַנג, וועקט ער מיך אויף מיט זיין צוויטשערן און רופן... כ'האָב אים נישט גערן. אמת, אַז די ערשטע טעג פון מיין אָנקומען אַהער, בין איך גראָד צופרידן געווען, וואָס ער פלעגט מיך אויפוועקן פון שלאָף, און כ'האָב

זיך מיט פאַרגעניגן צוגעהאָרכט צו זײַנע פרימאָרגן-געזאַנגען...
די געזאַנגען זענען אָבער געוואָרן עפּעס משונהדיקע רופן, וואָס שטערן מיר דעם שלאָף; געוואוינט בין איך געווען אים צו הערן צוויי אָדער דרײַ אַרטן קלאַנגען, וואָס ער חזרט כסדר, איבערגייענדיק פון איין רוף צום צווייטן, פון צווייטן צום דריטן און ווידער אַמאָל צום ערשטן, און אַלץ מיט אַ הויכן טאָן, מיט אָנגעשטרענגטקייט און זיכערקייט. אָן שום צוריק-געהאַלטנקייט, פּונקט ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ שיינע רעדע, וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געהערט געוואָרן, — פון דעמאָלט אָן איז ער מיר געוואָרן דערווידער. און אינדערפרי, ווען ער וועקט מיך איבער און איך דערזע זײַן פליען פון נעסט אַרויס אויף די בוימער, פיל איך אַ שטאַרקן דראַנג אים נאָכצויאָגן אין דער לופט, אָנצוכאַפּן אים בײַם גאָרגל און דערווערגן. איך עפן דאַן בייז די אויגן, און דערמאָן זיך, אַז ער האָט פליגל, און איך האָב אָבער נישט, און דאָ ליג איך אין בעט מיד און ס'גלוסט זיך אַזוי צו שלאָפן, וואָרום כ'בין דאָך ערשט קוים אַנטשלאָפן געוואָרן.

דאָ אָבער, אויפן דאַך, האָב איך זיך מיט פאַרגעניגן צוגעהאָרכט צו זײַן שטים, איך עפן אויף די אויגן, און איבער מײַן געזיכט גייט דורך אַ פרישער, אָנגענעמער פרימאָרגן-שיין און באַלייכט עס.

דער פויגל האָט אַזוי געצוויטשערט און געפלויגן פונם דאַך אויף די בוימער און פון די בוימער צוריק אַרײַן און נעסט. מײַן מידקייט איז לאַנגזאַם אָפּגעטרעטן, און איך גיב מיך אַ שטעל אויף און קוק מיך אַרום.

דער הימל איז איגאַנצן העל, לויטער ווי אַ זײַדן קלייד, אַ סך שטערן זענען שוין אײַנגעגאַנגען, וועלכע פון זיי איז נאָך צו דערזען מיטן אויג, און ציטערדיק ווערן זיי פאַרשוואונדן, פאַרזונקענדיק אין הימל-אָפּגרונט. צו מזרח צו שוועבט אַ לייכט וואָלקנדל, אין עק באַדעקט מיט אַ לויטערן פּורפּור. עס גייט זיך אַזוי און פאַרשווינדט מיר פון די אויגן. דער צווייטער שטאָק פאַרשטעלט מיר דאָס בילד פון זון-אויפגאַנג.

דער פויגל צוויטשערט, רופט הויך, פליט הין און צוריק פון נעסט אויף די בוימער; די שיין, וואָס גיסט זיך אויס פון מזרח-זייט, ווערט אַלץ שטאַרקער, פאַר מיר זע איך ליכטיקייט, זעליקייט און גענאָד; מיינע גלידער זענען לייכטער געוואָרן, איך פיל אין מיר אַ נייע קראַפט; די גאַנצע וועלט זעט מיר אויס, ווי אַ שלאָפנדיק קינד, וואָס שמייכלט אין חלום און קומט אויף פון שלאָף, — איך געפין מיר אַן אָרט און קלעטער אַרויף אויפן דאַך פון צווייטן שטאָק, צו זען הימל-און-ערד פון יעדער זייט.

דאָס בילד, וואָס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט, איז ווירקלעך שיין געווען. דער מזרח איז אינגאַנצן פורפור-רויט, דער פורפור צעגיסט זיך אויף דריי זייטן און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַלערליי קאָלירן; די שטיקער וואָלקנס גירטלען אָן ליכט-גאַרטלען, און לאָזן זיך נידעריקער, געלאַסן, אין הייליקער פּראַכט, קעגן דער זון, און איך דערקאָן דאָס אָרט, פון וואַנען זי שיינט אויף; לייכט צו דערקאָנען, וואו דער ליכט-קוואַל איז. דער דאַך פון צווייטן שטאָק איז זייער שיף, און מיטביידע הענט האַלט איך זיך אָן אין קוימען, איך זאָל זיך נישט אַראָפּגליטשן.

איך קוק זיך אַרום — דער הימל איז קיילעכדיק און די ערד איז קיילעכדיק און אין דער מיט שטיי איך. דער העכסטער און דערהויבנסטער פון אַלע, וועלכער קוקט און ווייסט און דערקאָנט אַלדינג... „הע-הע!" גיב איך הויך אַ רוף, און מיין שטים צעשפּרייט זיך אַרום מיר אין דער לופט. איך פיל מיין דערהויבנקייט און גרויסקייט איבער אַלדינג, וואָס אַרום מיר; פון האַרץ שלאָגט אַ קוואַל פון נייעם לעבן; איך צי אויס די האַנט, נעם זי אַרום מיר, און אַ גרויסער געדאַנק שווימט אויף אין קאָפּ: אָט בין איך, אָט בין איך דער מענטש, וואָס איז אַרויס פון דער שויס פון דער נאַטור, כדי זי צו באַהערשן! אָט בין איך דער העכסטער און דערהויבנסטער פון אַלעם, וועלכער שטרעקט אויס די האַנט צו דער זון און הייסט איר אַרויס-גיין — אָט בין איך, אָט בין איך! הע! הע! — נאָר די פיס האָבן זיך אַ וואַקל געטון, און כ'בין שיער נישט אַראָפּגעפאַלן...

נאָך שטאַרק קלאַפּט מיר דאָס האַרץ, און איך קלעטער און שלײַך מיך אַרײַן אין מײַן צימער, ווי אַ מויז, וואָס ציטערט פאַר איר נאָרע, פול בושה, הכנעה און רעזיגנאַציע... און אײַנשלאָפנדיק אויפן בעט, איז מיר אין קאָפּ אַרײַן געקומען אַן אַלטע תפילה:

מה כחנו ומה גבורתנו, מה נאמר, מה נדבר ומה נצטדק וכו'. *)

פון העברעיש: יצחק ווײַנטרויב

---

*) וואָס איז אונזער כוח און וואָס איז אונזער גבורה, וואָס זאָלן מיר זאָגן, וואָס זאָלן מיר רעדן און וואָס זאָלן מיר זיך רעכטפאַרטיקן...
דער זאַמלער

דער טערפּענטינבוים

(שטימונגען און געדאַנקען)

זיי געגרוסט, איינזאַמער!

אומגעטראַכט זענען מיר די ווערטער געקומען אויפן גע־דאַנק, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען דעם איינזאַמען טערפּענטינבוים אויף דעם לעערן שטיק פעלד, וואָס איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט וועלדער. נישט וויסנדיק און נישט זוכנדיק קיין וועג, בין איך מיר אַזוי געגאַנגען אין וואַלד. פון רעכטס האָט אַראָפּגעשיינט די פּורפּור־רויטע פאַרנאַכט־זון, וואָס האָט גע־היפּערט צווישן די בוימער און מיך באַגלייט אין וועג. דער וואַלד האָט אינגאַנצן שימערירט, דאָס צוויטשערן פון די פויגל און דער שימער פון די בלעטער האָבן זיך פאַרייניקט אין איין דערהויבענער מעלאָדיע, וואָס האָט נישט קיין אָנהויב און נישט קיין סוף און נישט קיין מיט, אַ מעלאָדיע, וואָס דו ווייסט נישט, פון וואַנען זי קומט און וואוהין זי גייט, אַזוי פּשוט און תמימות־דיק איז זי און פול מיט לעבנס־קראַפט, און זי צעגיסט זיך גייענדיק אַזוי ווייט, ווי דאָס וואַסער פון אַ ברייטן טייך, וואָס פליסט אַזוי שטיל, נישט געקרעמפּט און נישט געיאָגט זיך.

די זון איז פאַרגאַנגען, נאָר דער הימל־פּורפּור האָט זיך מיר נאָך עטלעכע מאָל באַוויזן פון צווישן די בוימער, און, ווען איך בין ווייט אַריין אין וואַלד, איז ער אויך פאַרשוואונדן. די נאַכט פאַלט צו; אַלץ אַרום פאַרהילט דער שאָטן, וואָס ווערט אַלץ געדיכטער, די בוימער פונדערווייטנס פאַרשווינדן און שרומפּן זיך איין אין דער טונקעלער שטרעקע, און די פון דער נאָענט — ווי זיי גייען זיך צונויף, און דער לייכטער שימער ציט זיך און ציט זיך און פילט אויס דעם גאַנצן וואַלד און די אינעווייניקסטע לופט און דעם הימל פון אויבן.

אַלץ אַרום באַוועגט זיך און שימערירט שטיל. אָבער איך — וואָס? בין איך שוין באַרואיקט? מיין נשמה פליסטערט דאָך,

נאָר נישט מיטן וואַלד, מיט דער לופט, מיט די ביימער און מיטן הימל, נאָר איינזאַם און אַליין פליסטערט זי אין מיר זעלבסט. ווען איך גיב מיך אַ שטעל, ווי אַן איינגעוואָרצלטער בוים, און וויל שווייגנדיק אָפּוואַרטן דעם ווינט, וואָס זאָל מיך פאַרגיסן מיטן וואַלד-געזאַנג, וועט מיך דער ווינט אויפרודערן און רירן פון אָרט?

פול אַזעלכע און ענלעכע געדאַנקען בין איך אַרויס פון וואַלד אויף אַן אומבאַקאַנט שטיק פעלד. דאָס שטיק פעלד איז לעער; נידעריקע הויפנס זאַמד באַדעקן עס פון עק ביז עק; דער וואַלד נעמט עס אַרום פון אַלע זייטן; קיין גרעזל, קיין גרינס, קיינער גייט נישט דורך, נאָר אינמיט שטיק פעלד שטייט אַ הויכער פולצווייגיקער טערפּענטינבוים.

„זיי געגרוסט, איינזאַמער!"

איך גיי צו אים צו. פון אַלע וואַלדביימער, וואָס איך האָב ווען געזען, איז ער דער העכסטער, דער צווייגן-קאָפּ איז צעצויגן איבערן שטיק פעלד און בויגט זיך נאָכהער איין צו אים, צום שטאַם.

ער שטייט גאַנץ אַליין; דער הימל איבערן קאָפּ איז זיין, און די זאַמד-ערד איז זיין.

אָט בענקט ער אויך, אַלע זיינע צווייגן און בלעטער שימערירן ציטערנדיק, נאָר איינזאַם, אַליין. אַ לענגערע ווײַלע בין איך געזעסן הינטערן טערפּענטינבוים און צוגעהאָרכט צום שימער פון די צווייגן, ביז אַ ווינט איז אַדורך, און אַלץ איז שטיל געוואָרן. שטיל איז אַרום. איך שטעל מיך אויף פון אָרט און גיי מיר מיין וועג. עטלעכע טריט דערווייטערנדיק זיך, האָב איך נאָך אַמאָל אויף אים אַ בליק געוואָרפן, און דאָס מאָל האָט ער אין מיר דערוועקט אַזאַ אומעט און האַרץ-קלעמעניש, וואָס כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געפילט; דער צווייגן-קאָפּ, וואָס פאַרבויגט זיך אינמיטן וואַקסן, ווי ער וואָלט גערעדט צו מיר קוים — קוים: דער הימל איז ווייט, זייער ווייט, און וואַקסנדיק איינזאַם, ווערנדיק אויף אַן אייל אָדער צוויי העכער, וואָס האָט מען דערפון? דער הימל איז ווייט, דער הימל איז פאַרהוילן, און איך שטיי דאָ איינזאַם, אַליין — און די

נאַכט פאַלט צו... און אַרום איז אַ וואַלד, די בוימער שרומפּן זיך איין, ווי זיי וואָלטן געזוכט און געפונען שוץ איינער ביים אַנדערן פאַר דער אימה פון דער שוואַרצער נאַכט, און איינגעשלאָפן.

צי חלומט זיך זיי זייער איינזאַמער ברודער, וואָס גאַרנדיק צום הימל, געפינט ער נאָר זאַמד-ערד, יאוש און וויסטעניש? געדענקען זיי אים?

ווען נאָר עס ווערט מיר באַנג און עס פרעסט מיך דער אומעט, גיי איך גלייך זיך אָפּרוען אין זיין שאָטן, אינם שאָטי פונם לעצטן טערפּענטינבוים, אויפן לעצטן שטיק פעלד.

פון העברעיש: יצחק וויינטרויב

אַ טריבער טאָג

(שטימונגען און געדאַנקען)

דער אומאויפהערלעכער רעגן, וואָס גיסט פונדערפרי אָן, האָט מיך אויף אַ גאַנצן טאָג פאַרהאַלטן אין שטוב. אַט איז שוין נאַכט, זייער אַ שוואַרצע נאַכט, און דער רעגן גיסט און גיסט, אין דער הימל איז שוואַרץ ווי פעך.

פונדערפרי ביז אָוונט האָבן זיך געצויגן די וואָלקנס איבערן הימל, מחנותווייז זענען זיי אַוועק, מחנותווייז זענען זיי אָנגעקומען; מוראדיק שוואַרצע האָב איך זיי געזען אויפגיין פון וואַלד אַרויס, ציען זיך איבער מיין דאַך; שווער און פויל שלעפן זיי זיך — נאָך זיי ברומט דער ווינט און וואָיעט, ווי ס'וואָלט אים גוט פאַרדראָסן אויף דער סטאַדע, וואָס ציט זיך שלעפנדיק, אויך דער רעגן טריפט פויל; די שוואַרצע וואָלקנס ווייסן נישט און לייגן נישט קיין אַכט אויף די טראָפּנס, וואָס זיי פאַרלירן אויפן וועג, זיי קומען אָן און גייען אַוועק, נאָך זיי קומען אָן אַנדערע, יאָגן זיך און איילן זיך אין די וויטקייטן, און פרעמדע פאַר זיי מקומות...

און זיצנדיק אַזוי אָפּגעשלאָסן פונדערפרי ביז אָוונט, און אַרויסקוקנדיק דורכן פענסטער, און דו זעסט נאָר אַ טריבן הימל, אַ שטרעקע פויל וואַסער און ציטערדיקע בוימער, — קומען דיר אָן געדאַנקען, געדאַנקען שוואַרצע און שווערע, ווי די דאָזיקע וואָלקנס, און דו פאַרשילטסט דיר דעם טאָג און אַלע טעג פון דער וועלט. וואָרום אַזוי ביסטו, מענטש, באַשאַפן געוואָרן, זאָלסט זען און הערן אויף דער וועלט, וואו די ביסט, בלויז דיין אייגן לעבן און דיינע אייגענע געגנג, ווייל דיין פאַרשטאַנד איז לעער, דיין באַגרייפן — איז כאָאָס.

און אויב, ברודער, דיין האַרץ ווערט פאַרווייכט, דיין בליק האָסטו געוואָרפן פאַר די הינט און געמיינע מענטשן, שטרעבנדיק צו דערקאָנען דיין נשמה און גיין אין אירע וועגן, האָסטו, ברודער, דיר נאָר די אויגן פאַרבלענדט.

וואָרום פונקט ווי די דאָזיקע וואָלקנס, ביסטו אָנגעקומען אָן אַ צוועק, און ווי די דאָזיקע וואָלקנס גייסט דו פאַרביי און זינקסט אַראָפּ און ווערסט פאַרלוירן, געטריבן און געיאָגט פון ווינט, וואָס נישט דו קאָנסט אים און ועסט אים אויך קיינמאָל נישט קאָנען...

איצט איז שוין לאַנג נאַכט. נישטאָ מער קיין פאַרביי־גייענדיקע וואָלקנס, עס יאָגט זיי נישט און עס טרייבט זיי נישט, בלויז איין כמאַרע, אַ שווערע, אַ שלעפּנדיקע און שוואַרצע, ווי אַ לעבן אָן האָפענונג, באַדעקט דעם גאַנצן הימל, און דער ווינט ברומט און דער רעגן טריפט. ס'איז שוין גוט נאַכט!

מיינע געדאַנקען ווערן טריבער: דער פאַרשטאַנד גייט אַראָפּ פון דער שטעל, ווי אַ שיף־פירער, וואָס איז זיך שוין מיאש צו געפינען אַ וועג פאַר דער אונטערגייענדיקער שיף, און אַלץ אין מיר הילט זיך איין אין שוואַרצן און שרעקלעכן אומעט, וואָס האָט קיין גרענעץ נישט, און מיין נשמה באַוויינט באַהאַלטענע־הייט איר וועלט.

היט דיך, מענטש! אין די טיפענישן, אין דיינע נשמה־טיפענישן לאָקערט אויף דיר זי, די בלינדע באָבע.

וואָרום גאָך גישט אָפּגעשטאָרבן איז די באָבע, זי האָט זיך נאָר באַהאַלטן און שרומפּט איין אירע גלידער, כדי מען זאָל זי נישט באַמערקן; זי זיצט און לאָקערט אויף דעם טאָג, ווען דו וועסט זיך געבן אַ גליטש אויס און וועסט געפאַנגען ווערן.

דורך דער שפּאַרע קוקט זי אַרויס, ווי אַ רויב־חיה, וואָס לאָקערט, ציטרע און שנעל; אָט קומט זי אָן אָנגעשפּאַרט אויף איר שטעקן, אומשולדיקייט און טרייסט ליגן אין אירע איגן און אויף איר צונג, ליבלעך האַרציק רעדט זי...

אָט קומט זי שוין אָן — די אמונה.

אויף דער וואַך שטיי, מענטש!

פון העברעיש: יצחק ווײַנטרויב

דעם העלדס זיפצן

(געדיכט אין פּראָזע)

אין דעם גרויסן ווירוואַר, וואָס שטורמט אַרום אונז און באַוועגט זיך מיט אַזאַ שנעלן טעמפּאָ, אין דעם גאַנצן הו–האַ און שטאַרקן טומל, וואָס די גאַס רופט אָן „לעבן״ – אין דעם אַלעם וועסט דו, טאָכטער, נישט דערהערן דעם דופק פונם לעבן און זיין שאַפונג, אַפילו אין פרישן לעבעדיקן זעלבשטענדיקן קלאַנג וועסט דו אין דעם אַלעם נישט דערהאָרכן. וואָרום אַזוי דאָך – זאָגסט דו – רוישט און שטורמט דאָס טויטע אייזן-געצייג פון דער פאַבריק, אָן געדאַנק און ווילן, אָן לעבנסלוסט און שעפערישקייט, מיט דער קראַפט פון דאַמפּף אָדער דורך אינערציע באַוועגן און וועקסלען זיך דאָרט די רעדער אויף די שרויפן, נישט טרעטנדיק קיין טריט פאָרויס, איילן זיי און יאָגן זיך, קלינגען און רוישן – בלויז נאָר די אויערן צו פאַרטויבן. און אין שוואונג פון דיין נשמה, צובויגנדיק דיין איינהאָרכנדיק אויער צו אַלעם, וואָס טוט און וועבט זיך אַרום, כדי צו דערכאַפּן דעם דופק פונם לעבנס-גייסט, דערכאַפּסטו קוים אַ שוואַכן און געדעמפטן אָפּקלאַנג, וואָס גיט גלויבן דיין האַרץ, אַז דעם מענטשס גייסט איז נאָך נישט אָפּגעשטאָרבן; דעמאָלט דערהערסטו, טאָכטער, אַ גרויסן זיפץ, אַ זיפץ אַ שוואַכן, אַ ביטערן און אומאויפהערלעכן – דער זיפץ פון דער מענטשהייט, וואָס געפינט זיך אין פיין און דרוק.

שוואַך און צאַרט איז דער דאָזיקער זיפץ אין גרויסן הו–האַ, וואָס שטורמט אַרום, ער ווערט אָבער דערין נישט פאַרלוירן. און איינהאָרכנדיקע אויערן. ווי דיינע, טאָכטער, כאַפּן אויף, ווי דער דאָזיקער זיפץ ברעכט זיך דורך אַ וועג אינמיטן דעם גערויש פון די אייזערנע גולמס, וואָס פאַרטויבן די אויערן.

דאָס זענען זיפצן פון נשמות, פון לעבעדיקע נשמות, וואָס קאָנען זיך נישט אויסמישן אין גרויסן טומל פון טויטן מעטאַל.

— וואו זענען זיי — פרעגסטו אומעטיק — וואו זענען זיי די ריזן, יענע שטאַרקע מעכטיקע שטימען, וואָס פלעגן אַמאָל רופן צום לעבן, צום קאַמף, צו שאַפן, צעשטערן און בויען!

— זענען זיי ווירקלעך אָפּגעשטאָרבן?!...

און אויף דיין פּנים באַווייזט זיך דער ביטערער יאוש, ווי אַ כמאַרע אויפן לויטערן הימל.

— פון אַלע פיר עקן וועלט — קלאָגסטו זיך — הערן זיך נאָר זיפצן און זיפצן; שוואַכע און געדריקטע, שלאַבריק און אָן מאַכט שוועבן זיי אַרום אין דער לופט, און יעדער וואַכזאַם און פילנדיק האַרץ דערכאַפּט זיי, און האָרכנדיק, גיט עס אויך אַ זיפץ...

האָרך אויס, טאָכטער, וועל איך דיר עפּעס דערציילן:

אויף דער וועלט איז אַמאָל געווען אַ העלד. דער שטאַרקסטער העלד, מעכטיק און קראַפטפול איז געווען זיין גייסט, שטאַרק פעסט איז געווען זיין ווילן, און געהאַט האָט ער אַ גרויס האַרץ, אַ האַרץ, וואָס ברענט מיט ליבע צו אַלץ, וואָס לעבט, צו אַלץ, וואָס האָט נאָר אין זיך אַ נשמה. ווי אַ קוואַל שלאָגט מיט וואַסער, אַזוי האָט די לעבנס-לוסט געשלאָגן פון זיין האַרץ און קיין איבערמאַכט און יאָך האָט זיין האַרץ נישט פאַרטראָגן.

אַזוי פלעגט דער העלד גיין פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף. זיינע פינקלדיקע אויגן האָבן אים באַלויכטן דעם וועג; אויף די גאַסן און מערק פלעגט ער זיך לאָזן הערן הויך, וועקנדיק און רופנדיק צום לעבן די מענטשן-קינדער, וואָס דער שטן האָט, וואַרפנדיק אויף זיי אַ שלאָף, די הענט און די פיס זיי געפענטעט.

— צעררייסט די קייטן! — האָט ער געדונערט מיט אַ לייבן-שטים — נידער מיט די קייטן! אייערע הענט זענען דאָך פריי, דער שטן האָט נאָר אייך פאַרבלענדט, עפנט אויף די אויגן, עפנט זיי ברייט, און די רגע פאַרשווינדט די בלענדעניש, איר זענט פריי — און דערלאַנגט מיר, פרייע, די הענט!

און לאַנגזאַם האָבן די מענטשן-קינדער געעפנט די

אויגן און די קייטן פון פאַרבלענדעניש האָבן זיך באַלד אַראָפּ-געגליטשט פון זייערע הענט...

דער שטן האָט דאָס דערזען, האָט ער פון כּעס געקריצט מיט די ציין. ער האָט צו אים אַראָפּגעשיקט מחנות פון זיין שטאַרקן חיל, נאָר דאָס ליכט, וואָס דעם העלדס אויגן האָבן אַרום זיך צעגאָסן, האָט דעם שטנס שליחים נישט געלאָזט צו-קומען צו אים, און זיי האָבן אין געלויף זיך אָפּגעטראָגן אין אַלע פיר עקן וועלט.

און גייענדיק אַזוי אַליין פון שטאָט צו שטאָט, פלעגט ער יעדעס מאָל טרעפן אין וועג גאַנצע מחנות בילד-שיינע מיידלעך, וואָס פאַטשנדיק מיט די הענט און מיט אַ ליבן שמייכל אויף די ליפּן, פלעגן זיי אים רופן צו זיך. געווען איז דאָס דאָס חיל פונם שטן.

אָבער דאָס שווערע לעבן און איבערגעוואַלט, וואָס ער האָט ערשט דערזען לאָזנדיק זיך אין וועג, האָבן אים נישט געלאָזט פאַרגעסן זיין מיסיע און באַרוף. און נישט אומקוקנדיק זיך אויף זיי, איז ער ווייטער געגאַנגען.

און פלוצלינג — הויבן זיי אָן זינגען אַן אומעטיק, תחנונימדיק געזאַנג, און דאָס געזאַנג האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן פעלד און אַרומגעשוועבט איבער די בערגער און אָנגעפילט די לופט מיט מיד-און-מאַטקייט. אין דעם העלדס אויערן האָט געקלונגען, און דאָס בלוט האָט אין אים געזאָטן. און פלוצלינג גיט זיך דאָס געזאַנג אַ שטעל אָפּ, און זיי אַלע לויפן אַרויס מיט אַ ווילדן-טאַנץ און רופן אים מיט די אויגן, און ווינקען צו אים מיט די קעפּ, צעוואָרפנדיק אויף אַלע זייטן זייערע האָר...

דער העלד איז געבליבן שטיין אַ רגע, אָבער אַ רגע נאָר, ווייל באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אין זיינע אין שלאָף פאַרזונקענע ברידער, וואָס שמאַכטן אונטער דער מאַכט פון שטן, וועלכער פרעסט פון זיי אויס דעם מאַרך — זייער לוסט צו לעבן — און שנעל האָבן זיינע אויגן געלאָזט פאַלן אַ מוראדיקן צאָרן, און אַ בייזן בליק האָט ער געוואָרפן אויפן שטנס לאַגער — און פלוצלינג איז אַלץ פאַרשוואונדן געוואָרן.

געוואָרן איז נאַכט, אַ פרילינגס-נאַכט, אַ צויבער-נאַכט, און דער העלד איז זיך געגאַנגען, ווי זיין שטייגער, אַ נויטיקן וועג. אַרום האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט, אין דעם הויכן און ברייטן הימל האָבן געפינקלט די שטערן, די לבנה האָט צעגאָסן אַ לויטערע און ליבע שיין אויפן גאַנצן אַרום, און דער העלד, וואָס פלעגט גיין מיט די אויגן געווענדט צום הימל, ווייל ער האָט פון אים קיין אויג נישט געקאָנט אָוועקנעמען, איז דערווייל פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן און איז אַריין אין אַ גרויסן געדיכטן אורוואַלד. ער גיט זיך פלוצלינג אַ כאַפּ אויף און אַ קוק אום: אַרום שטייען ביימער פאַרזונקען אין שווערן שלאָף און טיפע חלומות; די פייגל זענען שוין לאַנג אַנדרימלט – און דער העלד פאַרגעסט אַ רגע אָן זיין שטרעבונג און מיסיע און זעצט זיך אַנידער אָפּרוען. זיין נשמה איז שוין מיד געווען און ווי זי וואָלט שווייגנדיק געבעטן, מען זאָל איר געבן רו, דרימל און חלומות גלייך מיטן גאַנצן וועלט-וועזן, וואָס רוט, דרימלט און חלומט; דער מוח זיינער האָט זיך אויסגעליידיקט און טראַכט נישט, זיינע געפילן, ווי זיי וואָלטן אין האַרץ פאַרלאָשן געוואָרן, נאָר איין געדאַנק האָט באַהערשט זיין מוח – דער געדאַנק, אַז ווייט איז ער פון וועלט-רויש און געטומל, אַז ער ווערט איינס מיט דער נאַטור.

די אויגן פאַלן אים צו. פונווייטנס הערט ער עפּעס אַ צאַרט און ליב געזאַנג, וואָס האָט אַרומגעשוועבט צווישן די ביימער – און ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

נאָר אין חלום – דערזעט ער ווידער זיינע ברידער, זיינע אומגליקלעכע און געפייניקטע ברידער, וואָס שלאָפן געפּענטעט אין קייטן, און דערמאָנט זיך, צו וואָס ער האָט געצילט, אַרויסלאָזנדיק זיך אין וועג אַריין – און האָט זיך קוים-קוים אויפגעכאַפּט פון שלאָף. מיד-און-מאַט שטעלט ער זיך אויף די פיס אין איז אַרויס פון וואַלד.

ער גייט ווייטער, נאָר דער וועג – נישט ווי זיין אַרט און שטייגער – איז אים עפּעס געווען לאַנג, אָן אַן עק און אָן אַ גרענעץ, וואָרום געוואוינט איז דער העלד געווען צו גיין

נישט פילנדיק קיינמאָל קיין שום שווערקייט און לעסטיקייט; די לוסט צו לעבן, צו קעמפן און זיגן האָט אים שטענדיק באַגלייט אין וועג, און ער האָט נישט באַמערקט די צייט, וואָס לויפט געשווינד פאַרביי. איצט אָבער פילט ער אַ מידקייט אין אַלע גלידער, די נשמה איז באַהערשט פון עפּעס אַן אָנגעגעמען אומעט, דאָס האַרץ איז פול מיט אַ פוילער שווערקייט, און קוים, קוים ער האָט די פיס געשלעפּט און ווייטער געגאַנגען.

און די נאַכט איז געוואָרן ליכטער און קלאָר ווי פריער, די לבנה האָט שטיל געפירט די טויזנטער שטערן איבערן הימל, אַ לייכט ווינטל האָט אויף דער ערד געשפּאַצירט, און געראַשט צווישן די צווייגן פון די ביימער, וואָס שטייען פון ביידע זייטן וועג, און אַ לייכטער שימער האָט זיך געהערט צווישן די בלעטער...

מיד־און־מאַט איז דער העלד געגאַנגען און געטראַכט:

— ווי לאַנג דער וועג איז!

— וואָס גיי איך עפּעס אַזוי לאַנגזאַם? — פרעגט ער זיך און נעמט זיך שטאַרק וואונדערן איבער זיין מידקייט אין וועג.

— פאַרוואָס בין איך היינט נישט אַזוי מונטער און געזונט, ווי איך פלעג צו זיין?

— פאַרוואָס פרעג איך עפּעס היינט מיך אַליין? — איז אים אויפגעשוואומען אַ נייער געדאַנק — פאַרוואָס קלער איך עפּעס היינט צו פיל וועגן מיר?..

ער גייט אַזוי ווייטער, פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען, וואָס קאָנען אים נישט באַרואיקן — פון מינוט צו מינוט ווערט זיין מידקייט שטאַרקער, און פלוצלינג הויבט אָן אַ נייער געדאַנק אים עקבערן אין קאָפּ.

— וואָס אייל איך און יאָג זיך אַזוי? פאַר וועמען, פאַר וואָס און צוליב וואָס? — און אַ מעכטיקער שטראָם פראַגן איז אַריין אין קאָפּ און אַ בליי־שווערע פראַגע הויערט אים אויפן האַרץ. ער פּרואווט פון זיך אָפּצוטרייבן דעם געדאַנק; נאָר אומזיסט, ער ווערט לויטערער און קלאָרער אין קאָפּ פון מינוט צו מינוט.

— רו! רו! — רופט דאָס האַרץ זיינס שטאַרק — צו וואָס טויג מיר די ביטערע מלחמה, דאָס יאָגעניש און די אַרבעט? בייטאָג און ביינאַכט קיין רו נישט צו האָבן, אַרבעטן און זאָרגן נאָר פאַר זיי, די דאָזיקע קליינע ווערעם, וואָס זייער נשמה איז פול מיסט; לעבן און קעמפן פאַר זיי, בלויז פאַר זיי און צעשטערן און פאַרדאַרבן מיין אייגן לעבן און מיין אייגענע נשמה?!

— רו! דאָ אויפן ברייטן שליאַך בלייב איך נעכטיקן, ווייט און פריי פון זיי, פון די, וואָס האָבן מיר צוגענומען און צוגערויבט מיין לעבן!

— רו! רו!

און פלוצלינג דערזעט ער פאַר זיך אַ הויכן באַרג, גרויסע קרומע פעלזן רייגלען אים אַרום פון אַלע זייטן; די בלאָלעכע לבנה-שטראַלן צעגיסן זיך איבער זיי און זיי שטייען שטיל, ווי זיי וואָלטן אין זיך באַהאַלטן די פאַרהוילנסטע פאַרבאָרגענישן. און שטאָלץ הויבט זיך אויף דער שפּיץ פון הויכן באַרג און קוקט מיט שטאָלץ צום הימל, פונקט ווי ער וואָלט זיין גייסט דערכאַפּט, ווי ער וואָלט באַגריפן זיין גרויסקייט און זיין אומענדלעכקייט.

שטיל און שטאַרק פאַרזאָרגט איז דער העלד געבליבן שטיין אויפן אָרט, און אַרויפגעקוקט צום באַרג.

—ווען איך קאָן אַרויף אויפן באַרג! — טראַכט ער — און פון דאָרט, פון שפּיץ באַרג אַראָפּקוקן און באַטראַכטן דאָס לעבן, און אַלץ דאָס, וואָס טוט זיך דאָרט אונטן!...

ער האָט נישט באַוויזן נאָך צו פאַרענדיקן זיין טראַכטן, ער האָט זיך נאָך קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן וועגן דעם געפיל, וואָס איז ערשט איצט ביי אים געבוירן געוואָרן — און ער פילט שוין, די פיס זיינע זענען גרינג ווי פון אַ הירשין; אַ צויבער-קראַפט באַוועגט פלוצלינג זיינע פיס, און מיט פעסטע טריט שפּרייזט ער, כדי אַרויפצוקומען אויפן באַרג.

און גייענדיק — דאַכט זיך אים, אַז ער פליט, אַז ער האָט פליגל, גרינגע און ברייטע פליגל, און ער שטייגט שנעל אַרויף און דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג.

— דעם שפּיץ באַרג? — פרעגט ער זיך און אַ נייער געדאַנק נעמט זיך וועבן אין זיין קאָפּ, און דער געדאַנק מוטיקט אים, און ער פילט זיך אויפגעהייטערט.

און אפשר גאָר — צום הימל? פליגל האָב איך!.. נאָר איבער זיי, איבער די דאָזיקע נידעריקע מענטשן האָב איך נישט געוואוסט און ס'איז מיר אויפן געדאַנק נישט געקומען, ווער און וואָס איך בין! נאָר פון צופיל אַרבעט און זאָרג האָב איך נישט געוואוסט, אַז איך האָב פליגל, פליגל צו פליען — צום הימל! צום הימל! צום הימל!

— מענטשן-קינדער נידעריקע און פאַרשעמטע! ווי איך שפּאָט פון אייך!

— ווי פיינט האָב איך אייך!

— — — — — — — — — — — — —

די ווערטער זענען נאָך פון מויל נישט אַרויס — און געשען איז אַ נייעס:

דער באַרג איז פּלוצלינג פאַרשוואונדן. אַרום — אַ גרויסע טרוקענע וויסטעניש, פול זאַמד פון עק ביז עק; די לבנה, די שטערן — אַלץ איז פאַרשוואונדן; אַ שרעקלעכער געדיכטער נעפּל פאַרדעקט אַלץ, און ער בלייבט שטיין דערשטוינט און דערשראָקן אויפן אָרט.

— כאַ — כאַ — כאַ! — הערט זיך אַ דונערנדיק געלעכטער פון אַלע זייטן.

— כאַ — כאַ — כאַ! כאַ — כאַ — כאַ! — לאַכט דער שטן און קוועלט פון זיין געפאַנגענעם קרבן. אין אָנמאַכט פאַלט דער העלד אום אויף דער ערד, געפּענטעט מיט צוויבער-שטריק, און אַזוי ליגט דער העלד געבונדן, און שלאָפט שוין לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

בלויז זיין גוף און זיין האַרץ זענען אַנטשלאָפן. זיין קאָפּ אָבער איז וואַך, און שרעקלעכע פּחדימדיקע וויזיעס וועבן זיך אין זיין חלום.

אין חלום זעט ער זיינע ברידער, זיינע ברידער די גע-

דריקטע און געפּייניקטע: מיט אַנטשלאָפענע אויגן בלאָנקען זיי אַרום אין דער פינסטערניש, שטויסן זיך אָן, פאַרטשעפּן זיך און דריקן איינער דעם אַנדערן; און גייענדיק, קלינגען אָפּ די קייטן, וואָס דער שטן האַלט זיי ביים צווייטן עק און ציט זיי צו זיך — אין גרוב אַריין.

ער הערט, ווי זיי באַרימען זיך מיט די קייטן, וועלכע זענען גאָר געוואָרן פאַר זיי אַ צירונג אויף צו שטאָלצירן דערמיט!

— מיינע קייטן זענען דיק! — רימט זיך איינער.

— מיינע קייטן אָבער גלאַנצן — ענטפערט דער צווייטער.

און אַזוי רימען זיי זיך, ביז זיי הויבן אָן צו קריגן זיך און נאַכהער זיך שעלטן, ביז זיי הויבן אָן זיך צו שלאָגן איינער דעם אַנדערן...

און צוהערנדיק און צוזעענדיק דאָס אַלץ, דערוועקט זיך ביי אים דער חשק צו לעבן און צעגיסט זיך איבער אַלע זיינע גלידער. ער שטרענגט זיך אָן אַ ריר צו טון מיט די הענט. אויף די ליפּן ברענען פלאַמיקע ווערטער — אָבער אומזיסט.

די רעכטע האַנט ליגט אים אויפן האַרץ. ער נעמט צוזאַמען אַלע כּוחות, שטאַרקט זיך אויפצושטיין, אויף זיין האַרץ אָבער ליגט ווי אַ שווערער שטיין, און ער קאָן זיך נישט אויפכאַפּן!

און ער דערזעט גאָטס פּראַכט אַדורכשוועבן די וויסטעניש, ער הערט אַ מעכטיקע שטים רופט אויס:

„דער וואָס אויערן נאָר האָט,
די שטים פון מעכטיקן ווער ס׳הערט,
נעמט מיט הויכער שטים צו רופן
דאָס אַלץ, וואָס לעבט — צום לעבן!"

„איך זע, איך הער, אָ גאָט! — שטרענגט ער זיך אָן אויסצושרייען, נאָר די ווערטער זענען אים פאַרגליווערט געוואָרן אויף דער צונג, ער רייסט זיך אַרויס פון שלאָף, צאַפּלט, ער קאָן אָבער נישט אויפקומען.

בלויז שווערע זיפצן רייסן זיך אים אַרויס פון דער ברוסט, איבער דער וויסטעניש שוועבן זיי אַרום און דריקן זיך צו צום געדיכטן נעפּל, און אָנשטויסנדיק זיך אָן אים, פאַלן זיי צוריק

און דערגרייכן ווי אַ ווייטער אָפּקלאַנג אַראָפּ צו די מענטשן־קינדער.

און דאָרטן שוועבן זיי אַרום אין טומל, וואָס די גאַס רופט אָן „לעבן״, און נאָר אַזאַ וואַכזאַמע נשמה ווי דיינע, טאָכטער, דערהערט זיי.

עס טרעפט אַמאָל, די זיפצן רירן אָן און באַוועגן אַ צאַרטע סטרונע פון אַ האַרפע, און זי גיט אויך אַ זיפץ. האָסטו דען נישט געהערט, טאָכטער, דעם בלאַספנימדיקן און שוואַכקניענדיקן פּאָעט זינגען זיין געזאַנג, דאָס געזאַנג פון טרויער און לעבנס־פאַר־לייקענונג — געדענקסטו דאָס?

„פאַרוואָס האָסטו, גאָט מיינער, מוראדיק גרויסער,
אַ האַרץ מיר געגעבן צו פילן און וויסן
דעם דרוק פונם לעבן, די פיין פונם וועזן,
אויב איך האָב קיין מאַכט נישט, ווען איך בין געפּענטעט,
אומזיסט איז מיין טרוימען פון קעמפן און זיגן?!
אָך, גאָט מיינער! ליבערשט נעם צו מיין פאַרשטאַנד,
און האַרץ־רו אַ רגע זאָל געבן דיין האַנט!
און אויב דעם פאַרשטאַנד מיינעם לאָזט דיך נישט נעמען,
נעם צו מיר דאָס לעבן, דאָס ביטערע לעבן!!

די זיפצן פון דעם העלד, טאָכטער, האָבן אָנגערירט די סטרונעס פון בלאַספנימדיקן פּאָעט — און ער האָט אויך אָפּגעזיפצט!

* *

*

אַזוי, טאָכטער, אין דער שרעקלעכער וויסטעניש, אין געדיכטן נעפּל, ליגט דער העלד פאַרזונקען אין שווערן שלאָף און זיפצט. עס טרעפט, ער ווערט מיד און אָפּגעמאַטערט, ראַנגלענדיק

מיט דער צויבערקראַפט — הויבט ער אָן בעטן דעם שטן, תחנונימדיק בעט ער אים, ער זאָל אים זיין נשמה צונעמען, זאָל ער באַהערשן זיינע געפילן און זיין האַרץ זאָל זיך איבערגעבן צו דינען נאָר אים, דעם שטן אַליין, און זאָל דאָס האַרץ נישט צאַפּלען און צעריסן ווערן אויף שטיקער... און מיט אַ ווילד געלעכטער ענטפערט אים אָפּ דער שטן:

— כאַ — כאַ — כאַ! — און דעם העלדס זיפצן ווערן נאָך שווערער און ביטערער, ווי פריער, און ווען אַזאַ זיפץ רירט אָן אַ סטרונע פון אַ האַרפע, הערט זיך גאָר אַן אַנדער געזאַנג.

האָסט דאָך אַמאָל געזען, טאָכטער, ווי אַ פּאָעט איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ שענק, און וואַקלענדיק זיך, האָט ער געזונגען זיין געזאַנג:

אָ, שטן גרויזאַמער, טיראַן!
אָ, האָרך דיך צו צו מיין געבעט,
פול אָן מיט גרימצאָרן מיין גייסט
און לאָז מיך אייביק דינען דיך!

— — — — — — — —

דער אייביקער קנעכט
וועל זיין טאַקע איך
ביים שטאַרקן דעספּאָט —
ביים אַשמדאי!
ער לאַכט מיך גאָר אויס
און קריצט מיט די ציין
דער אַשמדאי,
לאָזט וואַנדערן מיך
פּונקט ווי עס טוט גאָט!
און ס'צאַפּלט אַזוי די נשמה
אין מיר פון דער ליכט אין דער פינסטער,
פון שטן צו גאָט —
און קאָן נישט איר גאָט!

— — — — — —

* *

*

און זייער גערעכט ביסטו, טאָכטער, מיט דעם, וואָס דו האָסט געזאָגט.

פון אַלע פיר עקן וועלט הערט מען נאָר זיפצן און זיפצן; שוואַכע און געדעמפטע, שלאַבריק און מאַכטלאָז שוועבן זיי אַרום אין דער לופט, און יעדע וואַכזאַמע און מוזיקאַלישע — נשמה דערהערט זיי, און דערהערנדיק הויבט זי אַליין אויך אָן צו זיפצן.

דער העלד איז אָבער דער, וואָס זיפצט און דער וויסטעניש!

אָבער דו, טאָכטער, זיפץ נישט, זאָל דיין לויטערע און שיינע ברוסט נישט באַוועגט ווערן פון אַ זיפץ, זאָל קיין האַרצנס-פיין נישט אַרויס אויף דיין געזיכט און אים באַדעקן ווי אַ שוואַרצע כמאַרע!

האָב מיך ליב, געליבטע!

און אַז דו וועסט מיר אַוועקגעבן דיין נשמה, און וועסט אָפּפערן פאַר מיר דיין האַרץ און דיין ליבע, וועל איך דערציילן דיר, טאָכטער, וואָס עס וועט פאָרקומען און געשען דעמאָלט, ווען דער העלד וועט אויפשטיין פון שלאָף.

וואָרום ער וועט זיך דאָך דער העלד אויפוועקן, און ער וועט אויפשטיין, ווי אַ לייב!

דו זיי נאָר פאַר מיר פריילעך און לוסטיק, טאָכטער! טרייב אַוועק יעדע זאָרג פון דיין האַרץ, פון דיין האַרץ, וואָס האָט מיך אַזוי ליב!

פון העברעיש: יצחק וויינטרויב

ר׳ איטשע ברוך

(סקיצע)

ר׳ איטשע־ברוך איז איינער פון מיינע אַלטע באַקאַנטע. וואָס זאָל איך אים דאָ אייך פאָרשטעלן? קיין נייער טיפּ איז ער נישט. אַ פּוילישער ייד פון דער פּראָווינץ, פּאָרט צום רבין, פאַרהאָרעוועט און פאַריאָגט אין זיינע געשעפטן, אַ מטופּל מיט קינדער, זיין טאָכטער, אַ מיידל, שטייט אין שידוכים, דער עלטסטער זון האָט שוין אָנגעוואוירן דעם נדן, דער צווייטער האָט אַ גרינעם בילעט, דער דריטער דאַרף דאָס יאָר זיך שטעלן צום מיליטער, דער פערטער — הלוואי וואָלט ער אים גאָרנישט געקאָנט — לייענט „ספרים חיצונים" און איז שטאַרק אויפגעבראָכן, און דער יינגסטער — מען מוז אויף אים אַכטונג געבן, ער זאָל אויך, חלילה, נישט אָנגעשטעקט ווערן מיט אַפּיקורסות... און דאָ קומט נאָך צו דער פּראָצעס, וואָס ציט זיך שוין צוויי יאָר, די אַפּעלאַציעס און די קאַסאַציעס, די קאָנקורענץ, דער מאַנגל אין מזומנים, אויס קרעדיט, אויס „גמילות־חסד", דער רעוומאַטיזם, וואָס ווערט אַלץ שטאַרקער... איז דען דאָס אַלץ נישט גענוג, אַז דאָס לעבן זאָל אים ווערן אומדערטרעגלעך?

אַנטשולדיקט, כ'האָב פאַרגעסן: ר׳ איטשע־ברוך האָט נאָך אַ יינגערן ברודער, אַ למדן מופלג, און צוליב די לעצטע געשעענישן איז ער אַוועק קיין אויסלאַנד. וואָס זאָל ער דאָרט טון, דער עלנטער: וואָס זאָל ער עסן? פליישׁ מיטן הכשר פון דייטשישן ראַבינער?! און סתם אַזוי: וואוהין זאָל ער זיך ווענדן? זאָל ער פאָרן קיין אַמעריקע? האַ?

און זיין שוועסטער די אַלמנה, מיט אירע פּיצלעך קינדער — גייען אויס פאַר אַ שטיקל ברויט... קיין שום אויסוועג איז נישטאָ, איין גאָט זאָל זיך מרחם זיין!

אויף צו פאָרן קיין וואַרשע נאָך סחורה איז קיין שום אויסזיכט נישטאָ. אויף קרעדיט גיט מען נישט, און רייזע־הוצאות מוז מען באַלד אַריינלייגן; אויף דער באַן איז געוואָרן זייער שטרענג, אָן אַ בילעט איז גאָר נישט מעגלעך צו פאָרן... דעריבער איז ער שוין אַ גאַנץ יאָר נישט געוועזן ביים רבין: ווען מען אים באָרגן — איז גוט, אַנישט — וואָלט ער כאָטש יוצא געווען מיטן פאָרן קיין גער.

און געטראָפן האָב איך אים אויף נאַלעווקיס, ווי ער גייט אַזוי פּאַמעלעך מיטן רעגן־שירם אין דער האַנט, און לאַנג האָב איך אויף אים געקוקט, כּדי כ'זאָל וויסן, אויב כ'בין מיך אַמאָל נישט טועה. ר' איטשע־ברוכן בין איך קיינמאָל נישט געוואוינט געווען צו זען גיין. און מיין שטעטל פלעג איך אים זען נאָר לויפן, איילן זיך, יאָגן זיך, שאָקלען זיך ביים דאַוונען, „די צייט טוט פיל אויף" — האָב איך מיר געטראַכט. כ'בין אָבער באַלד דערנאָך געוואָר געוואָרן, אַז דער דאָקטאָר האָט דאָס אים פאַרבאָטן גיך צו גיין, און איך שטעל מיר פאָר, ווי שווער דאָס פּאַמעלעכע גיין איז אים אָנגעקומען!

איך בין צו אים צו און דערלאַנגט די האַנט:

— שלום־עליכם, ר' איטשע־ברוך!

— איי — איי — איי — האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען איבערראַשט — זע נאָר, זע... דו...

ער האָט באַלד געוואָלט פאַרלייגן די הענט אויפן האַרץ, נאָר דער רעגן־שירם האָט אים דערינען געשטערט.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען מיר ביידע געזעסן ביי אַ טישל אין אַ קאָוויאַרניע (ער האָט זיך דערוויל דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך היינט גאָרנישט טועם געווען), און, פאַרשטייט זיך, ס'האָט גאָר נישט לאַנג געדויערט און איך האָב אים באַלד געמוזט ענטפערן אויף אַלע זיינע פראַגעס: וואָס איך טו, וויפיל איך פאַרדין, צי כ'האָב שוין חתונה געהאַט א. א. וו. און געפילט האָב איך זיך דעמאָלט, ווי איך וואָלט געשטאַנען פאַר אַן אויספאָרשונגס־ריכטער.

געוואָלט האָב איך פון מיר אַראָפּוואַרפן די לאַסט פון

זיינע פּראַגעס און געוואָלט אויף אים מאַכן אַן איינדרוק. און מיט אַ גאווהדיק פּנים האָב איך אים געזאָגט:

— כ׳בין אַ פּעליעטאָניסט אין אַ צייטונג.

— ווי אַזוי זאָגסטו? פּעליעפּאָניסט? וואָס מיינט מען דאָס פּעליעפּאָניסט?

— פּע — ליע — טאָ — ניסט! — האָב איך צעצויגן אַרויסגעזאָגט, כּדי צו פֿאַרריכטן אים זיין טעות.

— נו, פּעליעטאָניסט, זאָל זיין אַזוי, און וואָס איז די נפקא מינה, ווי אַזוי מען זאָגט? וואָס איז דאָס אַזוינס פּעליעטאָניסט? וואָס טוסטו דאָרט אין דער צייטונג?

איך האָב אים בקיצור דערקלערט, אַז דאָס איז אַזאַ מין שיחת־חולין, קליינינקייטן, שפּאַסן... נאָר דאָ האָט ר׳ איטשע־ברוך אָנגעהויבן זיין זייער אינטערעסאַנטן שמועס. איך לאָז בעסער אים רעדן:

— אָט אַזוי איז עס — האָט ער געזאָגט מיט אַ לאַנגען זיפץ — איצט פֿאַרשטיי איך שוין... אַזוי... דו לאַכסט אָפּ... המ... המ... מהיכא תיתי... זאָג־זשע מיר, אַדרבא, כ׳בעט דיך, זאָג־זשע מיר — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ שטאַרקער בתמיה פֿון אַ גמרא־ניגון — פֿון וואָס לאַכסטו דאָס אָפּ? מסתם לאַכסטו פֿון אונדז: נו, פֿרעג איך דיך, וואָס קאָן מען דאָ אָפּלאַכן פֿון אַזאַ ייד, ווי איך? ווייל איך בין אַ ייד — האָב איך פֿאַרזינדיקט, און דעריבער ביסט דו דער גרויסער חכם, און איך דער נאַר? פֿאַרשטיי איך גאָרנישט און דו — אַלץ?

„אדרבא, זאָג מיר, איך בין דאָך אַ נאַר — ווי אַזוי לאַכט מען דאָס אָפּ? אַזוי גוט איז אייך אויפֿן האַרץ? כ׳פֿאַרשטיי, אַז אויף אַ חתונה רופֿט מען אַ בדחן, פֿריילעך צו מאַכן די געסט; טוט מען דאָס דען צוליבן לאַכן? נאָר וואָס־זשע דען? משום מצווה, ס׳איז אַ מצווה צו זיין פֿריילעך. און איר — איז אייך אַזוי וואויל אויף דער וועלט!

און דו מיינסט טאַקע, אַז איך פֿרעג מיך, ווייל איך פֿאַרשטיי נישט. אָ, אַזאַ גרויסער נאַר בין איך נישט. ס׳איז גלאַט אַ געשעפֿט. וואָס טוט מען נישט צוליב פּרנסה? דו מיינסט, איך האָב עפּעס

קעגן דעם? נאָר קעגן וואָס־זשע רעד איך? — האָרך־זשע —

ר׳ איטשע־ברוך האָט צוגערוקט די שטול, אויף וועלכער ער איז געזעסן, זיך צוגעבויגן צו מיר און אָנגעהויבן מיר שטיל איינצורוימען:

— די זאַך איז אַזוי. אַ זון האָב איך, פאַרשטייסטו מיך, חיימל: דו געדענקסט אים נאָך? מילא, האָב איך פון אים, לאַ־עליכם, גרויסע צרות, אַז איך בין שוין פון אים אינגאַנצן גראָ געוואָרן. און וואָס וויל ער, מיינסטו? קיין וואַרשע וויל ער פאָרן. „וואָס טויג דיר וואַרשע?“ — פרעג איך אים — ווייניק אַפּיקורסישע ביכער האָסטו דאָ? לייען זיי, אדרבא, ווער אַן אַפּיקורס, פאַרליר עולם הבא, אָבער וואָס ווילסטו נאָך מיר אָנמאַכן חרפות? — אַזוי זאָג איך אים — „וואָס טויג דיר צו פאָרן קיין וואַרשע?“

„און דו פאַרשטייסט דאָך, דאָ שטיי איך מיט מיין טאָכטער אין שידוכים, און די צייטן זענען שלעכט; איך קאָן דען באַלד סילוקן? פעלט מיר נאָך דאָס, מען זאָל מיך אָנהויבן באַרעדן, אַז מיין זון איז אַרויס לתרבות־רעה...

ר׳ איטשע־ברוך האָט אַ לאַנגען זיפץ געטון און אָנגעהובן מיר אויסדערציילן אַ גאַנצע סדרה זאָרגענישן און יאָגענישן. דער מצב איז באמת געווען אַ שרעקלעכער, ס׳האָט גערירט אפילו דאָס האַרץ פון אַ פעליעטאָניסט, וואָס איז געוואוינט שטענדיק אָפּצולאַכן, בפרט פון אַ פעליעטאָניסט, אַ שוואַרצזעער, ווי איך בין.

— און איך טענה צו אים: חיים, האָב גאָט אין האַרץ. בלייב דאָ. טו דיר וואָס דו ווילסט, נאָר בלייב דאָ. און ער האַלט זיך ביי דאָס זייניקע: „דאָ איז קיין לעבן נישטאָ, איך וויל לעבן!“ — „לעב דיר — זאָג איך — דאָ, וואָס־זשע ווילסטו, רויכערן אים שבת אַ פאַפּיראָס בפרהסיא? וועסט עס צייט האָבן צו טון, אַז כ׳וועל שטאַרבן“. אוי, מיין קרענק, רבונו של עולם, כ׳בין חרובדיק קראַנק, ווי דו קוקסט מיך אָן, נאָר וואָס דען? איך לעב נאָך. אָבער וואָס וויל ער מיר נאָך פאַרביטען דאָס לעבן? כ׳האָב נאָך ווייניק?

„און די גרעסטע צרה איז דאָס, וואָס ער פאַרשטייט נישט, אַז די אַלערליי ציַיטונגען זענען נישט מער ווי אַ געשעפט־זאַך.

צו עסן און צו טרינקען האָט ער, גאָט צו דאַנקן, ביי מיר, און ער האַלט אין איין שרייען: „טאַלענט״ האָט ער. וואָס איז דאָס אַזוינס טאַלענט? ערשט נאָך אַלע טענות-ומענות בין איך קוים געוואָר געוואָרן, אַז ער קאָן שרייבן — ווי זאָגסטו דאָס דאָרט — פעליעטאָניסטן?

— פעליעטאָנען — האָב איך אויסגעבעסערט.

— נו, זאָל זיין אַזוי, פעליעטאָנען, וואָס איז דער אונטערשיד, ווי מען זאָגט? נישט וועגן דערפון רעד איך דאָך מיט דיר, נאָר וואָס דען? —

ר' איטשע-ברוך האָט די שטול נאָך נענטער צוגערוקט צו מיר, זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן פינקלען מיט אַ כיטרען גלאַנץ, און מיך אָנקוקנדיק, ווי ער וואָלט געוואָלט מיר אַריינדרינגען אין האַרץ, צו וויסן, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע רייד מאַכן אויף מיר, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ תחנונימדיק קול:

— כ'האָב צו דיר אַ בקשה.

און נאָך פיל קאָמפּלימענטן איבער מיין גוט האַרץ א. אַ. וו., וואָס זענען געגאַנגען ווי אַ פּאָררעדע, האָט ער אָנגעהויבן פאַר מיר אויסצולייגן זיין בקשה:

— שרייב אים דו, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי געשעפט. דיר וועט ער גלויבן. מיינע רייד וויל ער דאָך גאָרנישט הערן. בין איך דען ביי אים עפּעס ווערט? איך בין דאָך נישט קיין ציוניסט. כ'בעט דיך, טו מיר די טובה. גלויב מיר, שלעכטע געשעפטן, און כ'וואָלט גאָרנישט געפאָרן קיין וואַרשע, ווען כ'זאָל נישט קלערן צו באַראַטן זיך מיט „אים זאָל לעבן״ וועגן תכשיט מיינעם; איך זע, פון הימל האָט מען צוגעפירט, כ'זאָל דיך טרעפן. דו ווייסט דאָך יאָ דעם אמת, און פאַרוואָס זאָלסטו דאָס פאַר אים פאַרלייקענען? פאַר וואָס זאָל ער מיר דאָס לעבן פאַרביטערן? כ'האָב ווייניק צרות און דאגות אָן אים? שרייב אים, אַז עס לוינט נישט צו קומען קיין וואַרשע ווערן אַ פעליעטאָניסט, אַז פרנסה וועט מיט גאָטס הילף אַזוי אויך זיין, און ער דאַרף דערוויייל קיין פרנסה נישט, און וואָס ער פּלאַפּלט אַלץ „לעבן״, „ציוניזם״ וכדומה — איז עס דאָך נישט מער ווי... בדחנות, צי ווי הייסט עס ביי דיר? —

— פּעליעטאָנען.

— יאָ, פּעליעטאָנען, שרייבּ אים, למען השם, האָבּ אויף מיר רחמנות.

און ער האָט מיך אָנגעהויבּן צו בּעטן מיט אַזאַ שטיל און תּחנונימדיק קול, זיין געזיכט און זיינע אויגן האָבּן אויסגעדריקט אַזאַ טיפן ווייטאָג, אַז — איך בּין מיך מודה — איך האָבּ צו אים אָנגעשריבּן דעם פאַרלאַנגטן בּריוו.

„לכבוד הבּחור המשכּיל חיים נ״י.

דיין טאַטע האָט מיר דערציילט, אַז דו ווילסט אַוועק פון דער היים און דאָ אַהערפאָרן. פּאַרבּיטער נישט דאָס לעבּן פון דיין טאַטן, וואָס ווייטאָגט און ליידט. איך ווייס נישט קיין בּעסערע זאַך פאַר דיר, ווי רחמנות צו האָבּן אויף דיין טאַטן. בּאַדענק זיך און בּלייבּ אין דער היים. דאָ קאָן מען גאָרנישט אויפטון. זוכסטו טאַקע אמת און אמתדיק לעבּן, וועסטו דאָס דאָ נישט געפינען, דאָ איז אַלץ פאַרדאָרבּן. נאַרישקייט פון איין זייט, און פאַרדאָרבּנקייט פון דער אַנדערער זייט. אַלע בּלאָנדזשען און נאַרן זיך און נאַרן יענעם; די לאַגע איז שרעקלעך. די שרייבּער האָבּן פיינט איינער דעם אַנדערן, ווי קעץ אין אַ זאַק. אין דער אַטמאָספער ווערט דערשטיקט יעדע שטרעבּונג. דאָ איז גאָרנישט נישטאָ, נאָר יאָגעניש נאָכן בּיסל פּרנסה, געדענק דאָס און דערבּאַרם דיך אויף דיין טאַטן, ווייל ס׳אַ גרויס רחמנות אויף אים.

דיין פריינט...״

פון העבּרעיש: יצחק תיינטרויב.

ווי אַזוי אַ קליינער איז געוואָרן אַ גרויסער

(מעשה)

ערגעץ אין אַ לאַנד איז אַמאָל געווען אַ מאַן אַ קליינער, סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך. ער האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין שום אייגנשאַפטן: נישט מיט שיינקייט, נישט מיט שטאַרקייט, נישט מיט שכל און פאַרשטאַנד און נישט מיט קאָנען דאָס לעבן און פיל דערפאַרונג, און דאָך איז דאָס מענטשעלע ניטש פאַרלוירן געגאַנגען צווישן דער גרויסער מאַסע. ער איז אויך, חלילה, נישט געוואָרן קיין מיטלמאָסיקער מענטש פון גאַס, וואָרום זיין קליינקייט איז אים בייגעשטאַנען אַרויסצוהויבן זיך פון דער מיליאָניקער מאַסע און צו ווערן אָנזעעוודיק און באַרימט.

איין עקסטרעם ברענגט די צווייטע — האָבן, דאַכט זיך, נאָך די פאַרצייטיקע חכמים געזאָגט (וואָס עלטער מען ווערט, זעט מען איין, אַז פאַרצייטיקע חכמימס רייד קאָן מען נאָך איבערחזרן ביזן היינטיקן טאָג). און די קערפּערלעכע און גייסטיקע קליינקייט פון אונזער העלד האָט אים שיער נישט געמאַכט פאַר אַ גרויסן מענטש.

געווען איז ער קליין-געוויקסיק, מיט אַ שוואַך קול, קורצזיכטיק, מיט שלאַבעריקע באַוועגונגען, און די אַלע אייגנשאַפטן האָבן אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, וואָס קאָן זיך אין קיין מענטשלעכער געזעלשאַפט נישט געפינען, וואָס ווערט פאַרשלונגען צווישן אַלע. און ווער ווייסט, צי ער וואָלט נישט אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען מיט זיין קליינלעכער נשמה, ווען נישט דאָס באַטור-געזעץ, וואָס דערלאָזט נישט, אַז אין דער וועלט זאָל עפּעס פאַרלוירן גיין. נישט ער און נישט זיין נשמה זענען נישט פאַרלוירן געגאַנגען, נאָר אַנטוויקלט האָבן זיי זיך אויף אַ משונהדיקן אופן.

זיין געזיכט, וואָס האָט אייגנטלעך נישט אַרויסגעוויזן קיין

גרויס קלוגשאַפט, האָט דאָך אויסגעדריקט די באַליידיקונג, וואָס ער פילט, זיינע שטריכן זענען געווען אויסגעצויגענע, אויסגעגאָסענע, די אויגן — פול פאַרדרוס, און אינגאַנצן האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק, ווי אָט גיט ער אַן עפן אויף דאָס מויל און הויבט אָן קלאָגן אויף זיין באַליידיקטקייט, אויף זיינע פיין. ער אָבער ליידט, ווייטאָגט און שווייגט. און זיין נשמה, וואָס האָט זיך אין זיך איינגעצויגן, האָט אויסגעזען, ווי אַ שטייענדיק וואַסער מיט אַביסל מיסט און פוילעניש, און טיילמאָל פלעגט זיך דערויף ווייזן אַביסל שוים. קורץ — אַ געוויינלעכער טיפ.

ער האָט נישט גוט געטראַכט, נישט גוט גערעדט, נישט גוט געזען. דערפאַר האָבן אָבער די אויערן זיינע גוט געהערט, נישט ווי די אויערן פון אַ קליינעם, נאָר ווי פון אַ גרויסן, און דעריבער האָט ער אַלץ אויפגעהאָרכט און, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס, וואָס ער האָט געהערט, איז אים נישט געפעלן. געהערט און געזען האָט ער בלויז איין שטרעבונג און איין ציל: מען זאָל אים, דעם קליינעם, נישט לאָזן רעדן, קיין פיפס נישט אַרויסברענגען. געווען איז דאָס די כוונה, די אינעווייניקסטע זייט פון דער זאַך, און די אויסנווייניקסטע, איז געווען חניפה, צביעות, געמיינקייט, מינדערווערטיקייט און ענגהאַרציקייט.

די לעגענדע דערציילט, אַז פון זיין צופיל אויפהאָרכן זענען זיינע אויערן געוואָרן לענגער, און דער קליין־געוויקסיקער איז געוואָרן אַ לאַנג־אויערנדיקער.

און אָט־דער העלד אונזערער האָט אַרום זיך געזען בלויז שקר און שווינדל. און ער האָט גאָרנישט געטראַכט און גאָרנישט געקלערט, האָט זיין מוח נישט פאַרנומען מיט קיין שום אַנדערער זאַך, נאָר ער האָט מיט זיך אַליין געחזרט: שקר, שווינדל, חניפה, צביעות, נישטיקייט און נידעריקייט.

עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ווען ער גיט נאָר אַן עפן אויף דאָס מויל, ווען ער זאָל נאָר איינמאָל אָנהויבן רעדן — און די גאַנצע וועלט וואָלט פאַרשעמט געוואָרן, און אַלע וואָלטן געזען און פאַרשטאַנען דעם שקר, שווינדל, חניפה, צביעות, נישטיקייט און נידעריקייט, נאָר — עס לוינט נישט.

ער האָט זיך שוין מיאש געווען.

וואָס דאָס איז אַזוינס אַלעמענס שקר און וואָס אַזוינס איז זיין אמת — דאָס איז פֿאַר אים אַליין נישט קלאָר געווען, וואָרום, ווי מיר ווייסן שוין, האָט ער זיך נישט אויסגעצייכנט נישט מיט טיפֿן פֿאַרשטאַנד, נישט מיט קאָנען דאָס לעבן, און נישט מיט קיין שום אַנדערער מעלה: קליין איז ער געווען, ווי אַלע קליינע.

און אין יענער צייט האָט אַ נייער ווינט געבלאָזן אין לאַנד. קליין און גרויס האָבן געהערט די נייע תורה וועגן דעם גרויסן מענטש, דעם איינציקן, דעם איינזאַמען, דעם העכערן פֿון דער מאַסע. און נישט בלויז אין די געבילדעטע ספֿערן און אין די קאַפֿע-הייזער פֿון דער יוגנט, נאָר אויך אין די גרויסע זאַלן האָבן די ביליאַרד-שפּילער צווישן איין גאַנג און דעם אַנדערן גערעדט וועגן המון און המונישקייט און געשפּאָט פֿון איר. אפֿילו צווישן קליינע קינדער האָט זיך פֿאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז די אַלטע געטער זענען אָפּגעשטאָרבן און מען דאַרף זיי צעברעכן ווי אַלטע שפּילעכלעך — צעשטערן אָן רחמנות. און געוואוסט האָבן אויך אַלע, אַז דער מענטש, וואָס שוועבט אין די הויכן, וואָס טראַכט, וואָס זעט פֿאַר און דענקט אָריגינעלע געדאַנקען, איז ערגעץ ווייט אָפּגעטיילט און אָפּגעשיידט פֿון המון, ער לעבט זיין אייגנאַרטיק לעבן א. אַ. וו. א. אַ. וו. און די דאָזיקע תורה איז פֿאַר אונזער קליינעם געוואָרן אַ לעבנס-זאַפֿט, און ער איז געוואָרן גרויס ביי זיך אין די אויגן.

און פֿון דעם איז נישט מער ווי איין שריט, צו ווערן ביי אַנדערע אַ גרויסער מענטש.

צו זיין פֿאַראַכטונג צו אַנדערע איז איצט נאָך צוגעקומען דאָס פֿאַרגעטערונגס-געפֿיל צו זיך אַליין. און ער האָט איצט אָנגעהויבן איינצוחזרן: המון, המונישקייט, גראָבקייט; אַ גרויסער מענטש, אַ הויכער, אַ דערהויבענער, דענקט, טראַכט, לעבט זיין אייגנאַרטיק לעבן א. אַ. וו.

וואָס זענען אַזוינס די אָריגינעלע געדאַנקען, וואָס ער טראַכט, און וואָס איז זיין אייגנאַרטיק לעבן — איז פֿאַר אים אַליין נישט קלאָר געווען.

סיי־ווי־סיי וועט די גראָבע, פאַרשייטע, געמיינע, נישטיקע, צביעותדיקע מאַסע אים, דעם גרויסן, הויכן, דערהויבענעם מענטש, וואָס טראַכט אָריגינעלע געדאַנקען און לעבט זיין אייגנאַרטיק לעבן, נישט הערן. זיינע אָרעמס זענען שוואַך, זיין שטים איז נידעריק און די מענטשן זענען שלעכט, געמיין. זיי וועלן אים נישט הערן, און אויב יאָ, וועלן זיי אים נישט פאַרשטיין.

און דאַן איז געשען אַ נייעס: דאָס קליינע מענטשעלע איז ווי אויפגעלעבט געוואָרן, זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אינערלעכן שטאָלץ, אויף די ליפּן האָט זיך אָפּט באַוויזן אַ אי־ראָנישער, שפּאָטישער שמייכל און ער האָט נישט אויפגעהערט צו חזרן: המון, המונישקייט, גראָבקייט, ליגן, אָפּנאַרעריי, חניפה; גרויסקייט, דערהויבנקייט, ריינקייט, איינזאַמקייט.

מען האָט אין אים דערקאָנט, אַז ער אין געוואָרן פון זיך צופרידן, און באמת — ווי גוט עס איז צו זיין אַ גרויסער מענטש!

און וואָס מער די נייע תורה האָט זיך פאַרשפּרייט און אַרומגענומען די גאַנצע וועלט און קליינע קינדער האָבן גענומען אָפּחוזקן פון די אַלטע ווערטן און אָנגענומענע ליגנס, און מען האָט געזוכט מיט ליכט דאָס אויסערגעוויינלעכע, דאָס איינזאַמע, דאָס הויכע, דאָס נישט־המונישע — האָט מען זיך אַלץ מער אָנגע־הויבן צו אינטערעסירן מיט דעם קליינעם־גרויסן און אויף אים מער אַכט צו לייגן.

— ער איז נישט ווי אַנדערע; ער שווייגט און לאַכט אויס די מאַסע — פלעגט מען זאָגן.

און געשלאָגן האָט די שעה, ווען דער גרויסער מענטש דאַרף זיך אַנטפּלעקן, און אַ גרויסער מעכטיקער המון האָט זיך פאַרזאַמלט צו הערן זיין ערשטע רעדע.

ער האָט אָנגעהויבן.

— גראָבע מאַסע! צבועקעס! לעקערס! ליגנערס! שווינד־לערס! נידערטרעכטיקע! נישטיקע!

— בראַוואָ! — האָט געענטפערט די פאַרזאַמלונג, און דער רעדנער האָט זיך צעפלאַמט:

— חנפּענען ווילט איר מיך, גראָבע יונגען! שוטים! אידיאָטן! פּאַסקודניאַקעס! איך נעם זיך צו אייך...

— המ... המ... ער הויבט ערשט אָן — האָט די פאַרזאַמלונג שטיל גערעדט.

— דער גרויסער מענטש — רעדט ער שוין העכער — וואָס טראַכט, דענקט אָריגינעלע געדאַנקען, דער דערהויבענער, הויכער, וואָס לעבט זיין אייגנאַרטיק לעבן, וואָס שוועבט אין די הויכן, איז ווייט פון אייך, ווילדע! געמיינע יונגען! בעלי־גאווהניקעס! פאַרשטאָפּטע הערצער! פאַרקרימטע געפילן!

דער גרויסער מענטש האָט זיך פאַרהוסט און גערעדט ווייטער:

— איר זענט נישט ווערט, אַז צו אייך זאָל רעדן דער גרויסער מענטש, וואָס נעמט אַרום מיט זיינע אָרעמס די אומענדלעכע מרחקים, וואָס דרינגט אַריין אין דער טיפעניש פון פאַרבאָרגענעם און פאַרהוילענעם, זיינע רייד וועט איר נישט פאַרשטיין, נאַראָנים! שוטים! אידיאָטן! הוליגאַנישן! גיפטיקע שלאַנגען! מייז! פערד!...

אין זיין רעדע האָט ער באַנוצט די נעמען פון אַלע מיאוסע און נאַרישע חיות פון אַ מויז ביז אַ חזיר — דאָס לעצטע אויך — און פון פערד, קו ביז צום אייזל — דאָס לעצטע שוין נישט — (דאָ איז די לעגענדע גערעכט, אַז דער קליינער־גרויסער איז געווען אַ לאַנג־אויערנדיקער און האָט מורא געהאַט צו דערמאָנען דעם נאָמען פון אַן אייזל).

די ערשטע רעדע האָט געהאַט בייפאַל און די פאַרזאַמלונג האָט אַפּלאָדירט!

— בראַוואָ! זאָל לעבן דער גרויסער מענטש!

אויך די צווייטע און דריטע רעדע האָבן אויסגענומען, נאָר ביים פערטן מאָל, ווען אַלע שאַרפע ווערטער, אַלע נעמען פון בהמות און חיות האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט, און דער גרויסער מענטש האָט זיי געמוזט איבערחזרן, און די „בראַוואָ“־אויסגעשרייען האָבן אויפגעהערט און אָנגעהויבן האָט זיך הערן אַן אומצופרידנהייט — האָט דער גרויסער מענטש געגעבן אַ שטיי

אויף, פאַרשאַרצט דעם מאַנטל און דאָס העמד פון זיין האַרץ און אויפגעדעקט זיין האָריקע ברוסט און אָנגעהויבן אין איר קלאַפּן מיט דער פויסט:

— זעט, קוקט! — האָט ער אויסגערופן — דאָס דאָזיקע האַרץ ליידט, ווייטאָגט, פול מיט יסורים, פּיין, צער... אָ, מיין האַרץ, מיין האַרץ! אָ, מיין נשמה, מיין נשמה! אָ, מיין גייסט, מיין גייסט! אָ, מיין רחמנות, מיין גרויס רחמנות!

און אויסגעבראָכן איז אַ געוויין.

איך וואָלט די מעשה געקאָנט נאָך ווייטער ציען, ווען איך וואָלט נישט זיכער געווען, אַז פון איצט אָן איז זי שוין נישט אינטערעסאַנט מער.

פון העברעיש: יצחק וויינטרויב

לידער

*   *
*

שיינע יוגנט, פרעג נישט, זוך נישט!
אייל צום לעבן גיך, געשווינד!
ס'לויפן טעג, חדשים, יאָרן, —
אַלעס טראָגט אַוועק דער ווינט.

איבער בערגער, איבער טאָלן
בלאָזט אַ ווינט מיט שטאַרקער מאַכט,
שלעפּט אַוועק דאָס גאַנצע לעבן
צו דער אומבאַקאַנטער נאַכט!

שיינע יוגנט, פרעג נישט, זוך נישט.
טרינק פון בעכער, ווען ער שוימט! —
ביז דו פרעגסט און ביז דו ענטפערסט
האָסטו שוין דיין גליק פאַרזוימט.

אלול-מאָטיוו

דער טאָג גייט אויס אין שטילע פאַרבן,
אין מידיקייט; — עס ווייעט אַ קילער ווינט. —
ווער רופט? — אַליין בין איך געבליבן,
און נעבן מיר די אלול-נאַכט.

אַליין ווילד-פרעמד איז מיר דער הימל.
און פרעמד דער גאָט, די אייביקייט,
דער טויט איז פרעמד, זיין שטומע רו, —
און טרויעריק, טרויעריק איז דאָס לעבן.

אַ רגע נאָר געדויערט דאָס גליק
און ווידער בלייבט די איינזאַמקייט.
די איינזאַמקייט אינמיטן רויש פון לעבן.
די פינסטערניש אינמיטן העלן טאָג.

* *
*

עס בלייכט אויפן הימל מיין שטערן
און בלאָנדזשעט, ווי איך אויף דער ערד.
אָ, פרעגט מיך נישט — ווינקט ער מיר טרויעריק,
איך ווייס נישט — וואָס דיר איז באַשערט.

ווילסט וויסן, וואו סטראָגט זיך דיין מזל?
דו זעסט דאָך, איך בלאָנדזשע אַליין;
אוי טונקל איז היינט אין די הימלען,
נישטאָ מער די גערטלעכע שיין.

מיר בלאָנדזשען, ווי שאָף אָן אַ פאַסטוך,
אין אייביקן וועלטאַל אַרום...
אָ פרעג נישט קיין שאלות, מיין קינד, —
עס בלאָנדזשעט היינט אַלץ אומעטום!

י. י. טרונק

צווישן ווילן און אנמעכטיקייט

(ה. ד. נאָמבערג)

(פּרוּוון פון אַנאַליז און כאַראַקטעריסטיק)

פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע

פאַרלאַג „קולטור-ליגע״ וואַרשע

ה. ד. נאָמבערג

געזאַמלטע ווערק

ערשטער באַנד

דערציילונגען 142 פרייז 3.— זל.

צווייטער באַנד

דערציילונגען 144 ז׳ 3.—

דריטער באַנד

דערציילונגען 138 ז׳ 3.20

פערטער באַנד

דערציילונגען 150 ז׳ 3.20

פינפטער באַנד

מיין רייזע איבער רוסלאַנד 294 ז׳ 6.75

זעקסטער באַנד

אַמעריקע 280 ז׳ 6.50

זיבעטער באַנד

דערציילונגען 224 ז׳ 4.50

פרייז פון אַלע 7 ביכער 30.15 זל.

אין 5 פראַכטבענד 41.40 „